STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04251

KOMEDYE, LIDER, MESHOLIM

Solomon Ettinger

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

DONACIÓN
SIN VALOR COMERCIAL

שלמה עטינגער

קאָמעדיע, לידער, משלים

אונ קאַטאָוועסלעך

2טע אויפֿלאַגע

יוסף ליפשיץ-פאָנד
פון דער ליטעראַטור-געזעלשאַפט ביים ייוואָ

Shloime Etinger — Oisgeklibene Shriftn

Salomón Etinger — Comedia, Fábulas, Epígramas

Copyright 1965, by
ATENEO LITERARIO EN EL IWO
Pasteur 633
Buenos Aires

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina
Queda hecho el depósito que previene la ley 11.723

Este libro se terminó de imprimir el día 6 de setiembre de 1965 en los Talleres Gráficos "Zlotopioro Hnos.", San Luis 3149, Bs. Aires.

ש ל מ ה   ע ט י נ ג ע ר

קאמעדיע, לידער, משלים

און קאַטאָוועסלעך

פֿראַגמענטן פֿון פֿאַרשאַרבעטן
צו דער כאַראַקטעריסטיק
און זכרונות

אַרייַנפֿיר און רעדאַקציע
פֿון
שמואל ראָזשאַנסקי

1טער באַנד פֿון ציקל

מוסטערווערק פון דער יידישער ליטעראַטור

2טע אויפלאַגע

אַרויסגעגעבן פון

י ו ס ף ל י פ ש י ץ ־ פ ֿ אָ נ ד

פון דער

ליטעראַטור־געזעלשאַפֿט בײַם ייִוואָ

אין אַרגענטינע

אונטער דער רעדאַקציע פֿון

שמואל ראָזשאַנסקי

קאָרעקטור

יעקבֿ יהושע לערמאַן

טיראַזש: 1000 עקז׳

יאָר: ה׳תשכ״ה — 1965

ליטעראַטור־געזעלשאַפט ביים ייוואָ אין אַרגענטינע

תוכן

זייט

בילד פון שלמה עטינגער ... 9

ביאָגראַפישע שטריכן ... 10

שמואל ראָזשאַנסקי — שלמה עטינגער און זײַן בײַטראָג פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור ... 11

דאָס ליכט, פּאָעמע ... 33

קאַטאָװעסלעך ... 71

צו מיין ביכל ... 72
די שרייבערס ... 72
דער קריטיקער ... 72
פריינד און שונאים ... 73
מיינע פריינד ... 73
מיין ערגסטער פיינד ... 73
אַ שטילער שונא ... 73
ביי מיין געבורטסטאָג ... 74
גאָר קיין מורא ... 74
אַ נייע דערפינדונג ... 74
אַ טייערער ייִד ... 75
די נאַראָנים ... 75
די פויערן ... 75
דער צונגפעלער ... 75
דער שפעטער ... 76
די דאגה ... 76
דאָס איינריידעניש ... 76
דער נוסקנאַקער ... 76
די טרערן ... 77
דער בעל־רחמן ... 77
דער ליידיקגייער ... 78
די נקמה ... 78
אויף אַ מחבר ... 79
מנשה שוטה ... 79
ווייבערישע תפילה ... 79
טאָג און נאַכט ... 79
דער פאַרענטפער ... 80
לוט ... 80
דער פרומער ... 80
דער בעסטער מאַן ... 80
בלעמס אייזל ... 81
דער עזות־פּנים ... 81
דער פאַרטראָגענער מוח ... 81
דער בעל־חוב ... 81
אויף אַ גנב ... 82
דער בעל־צדקה ... 82
די שיכורים ... 83
יהודא ... 83
די חברים ... 83
דאגות נאָך דעם טויט ... 83
מצבה ... 84
מצבה אויף אַ פרעסער ... 84
ק״רחס מצבה ... 84

זייט

משלים 85

די קינדער 86
דאָס איי 86
קיקערעקי 87
דער וועווערין 88
די רעדער 90
די ציגאַרן 90
דער שלום 92
די מאַלפּע 93
דער האָן 93
דער בעל־הלוואה 95
די ביקס 96
די צוויי הענער 97
די שער 99
די דריי זין 101
די אַסיפה 103
דעם לייבס משפט 106
די צוויי פערדלעך 107
די צוויי ציגן 109
צוויי גוטע פריינד 110
טעמערל מיט דעם האָן 112
דער דאָרן 113

סערקעלע, קאָמעדיע אין 5 אויפציגן 115

צו דער כאַראַקטע׳ פון עטינגערס לעבן און שאַפן .. 279

מאַקס וויינרייך — שלמה עטינגער און די רוסישע צענזור ... 280
יודאַ א. יאַפע — קאַטאַוועס צי כתבות? 283
א. קאַפעל — ד״ר שלמה עטינגערס „סערקעלע״ 290
אַברהם יעקב פּאַפערנאַ — די ערשטע יידישע דראַמע
און דער ערשטער יידישער ספּעקטאַקל 294
מ. ווינער — ווירקונגען פון דער אייראָפּעישער ליטעראַטור
אין עטינגערס „סערקעלע״ 295
יעפים ישורין — שלמה עטינגער־ביבליאָגראַפיע 299
ש. ר. — נאָכבאַמערקונגען 309

אילוסטראַציעס:

פיר שער־בלעטער פון עטינגערס אויסגאַבעס 35
רעפּראָדוקציע פון אַ בלאַט עטינגערס „סערקעלע״ אין כתב־יד 114
סצענע פון סערקעלע געשפילט פון טעס 174
סצענע פון סערקעלע געשפילט פון טעס 237

צו דער 2טער אויפלאגע פון דעם 1טן באנד

מוסטערווערק פון דער יידישער ליטעראטור

בעת מיר האלטן ביים 25סטן באנד מוסטערווערק **פון דער יידישער ליטעראטור** דרוקן מיר גלייכצייטיק שוין א צווייטע אויפלאגע פון 1טן באנד — פון **שלמה עטינגערס** באנד **אויסגעקליבענע שריפטן** — וואס איז שוין געווען אויסגעשעפט אין פארקויף. אזוי האבן מיר אויך שוין איבערגעדרוקט לעצטנס **מארק ווארשאווסקיס** באנד **יידישע פאלקסלידער** און אין דער ריי ווארטן נאך אנדערע ביכער פון אונדזער סעריע, וועלכע זיינען אויך שוין אויסגעשעפט און מיר מוזן זיי איבערדרוקן.

דער דאזיקער פאקט איז פאר אונדז דער גרעסטער סטימול אין אונדזער ווייטערדיקער ארבעט. דאס איז די בעסטע ראיה, ווי ריכטיק און ווי וויכטיק עס איז געווען די אידעע, דער ציל פון די **מוסטערווערק**, עס האט זיך טאקע ארויסגעוויזן, אז די ביכער פון די **מוסטערווערק** זיינען געווארן זייער פאפולער אין דער ברייטער יידישער וועלט. זיי האבן דערגרייכט דעם ריכטיקן אדרעס: זיי זיינען אריינגעדרונגען אין די יידישע מיטלשולן און לערער־סעמינארן פון אלע תפוצות ישראל — אין ארגענטינע ווי אין די אנדערע לאטיין־אמעריקאנער לענדער; אין די פאראייניקטע שטאטן ווי אין קאנאדע; אין מעקסיקע ווי אין דרום־אפריקע. אומעטום ווערן די **מוסטערווערק** גענוצט פארן לימוד פון יידישער ליטעראטור.

און נישט בחינם: ראשית, זיינען דאך די **מוסטערווערק** אן אויסקלייב פון די בעסטע שאפונגען פון די קאריפייען, וואס די יידישע ליטעראטור פארמאגט. און שנית: אין די **מוסטערווערק** האבן די יונגע לייענערס אויך קאמענטארן צו די ווערק און פארטייטשונגען פון ווערטער און באגריפן פון אמאליקן יידישן שטייגער אדער לאקאליזמען, וואס זיינען לחלוטין פרעמד דעם לייענער פון אונדזער צייט, בפרט דעם יונגן לייענער.

און נישט נאר פארן יונגן לייענער — אויך פארן עלטערן לייענער **איז די סעריע מוסטערווערק אן אוצר פון דער בעסטער לעקטור.** אין דער דאזיקער סעריע האט דאך דער לייענער דאס בעסטע, וואס די יידישע ליטעראטור פארמאגט: מענדעלע, פרץ, שלום עליכם, פינסקי, נאמבערג, ליזשיק, ביאליק, אפאטאשו, פרוג, ניידוס, ספעקטאר, גאלדפאדען, און נאך און נאך.

מיר האבן דעם אבסאלוטן באוווסטזיין, אז מיר זיינען מיט די

מוסטערווערק פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור געקומען אין צײַט, און דאָס באַפֿליגלט אונדז מיט מוט ווײַטער ממשיך צו זײַן די דערהויבענע אַרבעט. אונדז — דאָס מיינט די טוערס פֿון דער **ליטעראַטור־געזעלשאַפֿט בײַם ייִוואָ אין אַרגענטינע**, איר פֿאָרזיצער און רעדאַקטאָר, דעם רוח־החיים פֿון די **מוסטערווערק**, דעם אומדערמידלעכן שמואל ראָזשאַנסקי, וועלכער גיט־אָפּ דער זאַך (לחלוטין אָן שום מאַטעריעלער אייגננוץ!) זײַן צײַט, זײַנע כּוחות און זײַן ליבשאַפֿט.

אַחוץ זײַן פּרעציזער פּיטעטפֿולער אַרבעט פֿון צוגרייטן יעדעס בוך צום דרוק (דער אָפּקלײַב, די רעדאַקציע, דער קריטיש־ביבליאָגראַפֿישער אַרײַנפֿיר צו יעדן בוך, די קאָמענטאַרן און פֿאַרטײַטשונגען, דאָס טעכנישע אויסדרדן) — אַחוץ דעם אַלעם איז שמואל ראָזשאַנסקי דער איבערגעגעבנסטער אַדמיניסטראַטיווער עסקן (ווי געזאָגט: לא על מנת לקבל פּרס!) לטובֿת דער פֿאַרשפּרייטונג פֿון די **מוסטערווערק**.

און נישט קיין חידוש:

זײַנען דאָך די **מוסטערווערק** אַ פּועל יוצא פֿון שמואל ראָזשאַנסקיס אַן אַלטן חלום, פֿון זײַנער אַן אידעע, וואָס ער האָט געמאַכט פֿאַר זײַן לעבנסציל. און איצט, אַז פֿון חלום איז געוואָרן וואָר, איז עס אין ערשטער ריי ראָזשאַנסקיס פּערזענלעכער פֿאַרדינסט און זײַן גרויסע פֿרייד — אַזוי די פֿרייד פֿון די אַלע געטרײַע עסקנים, צו־זעענדיק ווי די ביבליאָטעק **מוסטערווערק** צעוואַקסט זיך, ווערט אַלץ רײַכער **מיט די וואָגיקע ווערק פֿון ייִדישן ליטעראַרישן אוצר.**

צוגעבונדן צו אונדזערע אויפֿגאַבן און אַרבעט איז אויך אונדזער געטרײַער פֿרײַנד פֿון מרחקים — יוסף ליפֿשיץ פֿון יאָהאַנעסבורג — וועלכער איז אַזוי ווי מיר באַפֿליגלט פֿון דער זעלביקער אידעע און העלפֿט אונדז מיט אַ ברייטער האַנט פֿון דער ווײַט, כּדי מיר זאָלן קענען בײַקומען אַלע שוועריקייטן און מניעות פֿאַר דער רעאַליזירונג פֿון אונדזערע אָנגעצייכנטע ליטעראַרישע פּלענער.

ביז איצט גייען מיר אָן נאָרמאַל מיט אונדזער פּלאַנמעסיקער אַרבעט: מיר טראָגן־אונטער דעם ייִדישן לייענער 4 ביכער אַ יאָר.

מיר זײַנען זיכער, אַז די ייִדישע געזעלשאַפֿט, דער ייִדישער לייענער, די ייִדישע שול וועט אונדזער אַרבעט ווי געהעריק אָפּשאַצן און וועט אונדז שענקען די פֿאַרדינטע אויפֿמערקזאַמקייט.

פֿאַרוואַלטונג **פֿון דער** ליטעראַטור־געזעלשאַפֿט
בײַם ייִוואָ אין אַרגענטינע

אַבֿרהם זאַק / **מיטפֿאָרזיצער**   שׂמחה סנה / **סעקרעטאַר**

שלמה עטינגער — דאָס איינציקע בילד וואָס
איז איבערגעבליבן — געמאָלן פון זיין חבר אין
לעמבערגער אוניווערסיטעט, שפּעטער אַ באַרימ־
טער דאָקטער אין ווין, אַרנאָלד זשעלינסקי

ביאָגראַפישע שטריכן

שלמה עטינגער, געבוירן אין וואַרשע אין 1803 (?), געהערט צו אַ חשובער משפחה פון רבנים, סוחרים, פּרנסים און שתדלנים אין פּוילן. דער זיידע איטשע איז געווען, וואַרשײַנלעך, רב אין כעלעם. דער פעטער יחיאל־מיכל ראַווער־עטינגער: „איש גדול היהודים" אין וואַרשע. דער טאַטע, יוסף־יאַסקע, געהאַט סמיכות. פרי פאַריתומט, איז שלמה אַריבער צום פעטער מענדל, רב אין לענטשנע, ביי לובלין, און דאָרטן געפונען, חוץ תורה — טאָלעראַנץ צו וועלטלעכע קענטעענישן (בעיקר דייטש).

צו 15 יאָר חתונה געהאַט מיט דער 14יאָריקער גאָלדע גאָלד, אַ טאָכטער פון אַ נגיד אין זאַמאָשטש, ווו ער איז אַריבער אויף קעסט און ווייטער געלערנט אין בית־מדרש, בעת די פרוי איז אַנגעגאַנגען מיט אַ גלאָזוואַרג־געשעפט.

געקומען קינדער (7 מיט דער צייט). די קראָם איז אַוועק שלעכט. אַ קריזיס־צייט. האָט עטינגער, בייטנדיק די קאַפּאָטע אויף „דייטשישע קליידער", זיך געלאָזט זוכן תכלית אין דער פרעמד. געפרווט אין אָדעס ביי האַנדל — אָן מזל. איז ער אַוועק קיין לעמבערג — אַרום 1825 — אויסגעקליבן די מעדיצינישע קאַריערע און אַרום 1830 געקראָגן דעם דיפּלאָם. אין דער זעלביקער צייט אַנטפּלעקט אין זיך דעם טאַלאַנט צו שרייבעריי און מאָלעריי. אין לעמבערג האָט ער טאַקע אָנגעהויבן שרייבן זיינע משלים און די קאָמעדיע „סערקעלע".

ע. קומט־צוריק אין זאַמאָשטש, אָבער די מאַכט פאַרלאַנגט אַ דיפּלאָם פון אַ רוסישן אוניווערסיטעט. בלויז אין די צייטן פון כאָלערע־עפּידעמיעס (אַנגעטראָגן דורך דעם מיליטער, צו דערשטיקן דעם פּוילישן אויפשטאַנד, אין 1831) לאָזט מען אים פּראַקטיצירן פריי מעדיצין, ד"ה, איינשטעלן דאָס לעבן... זיינע נסיעות קיין וואַרשע (1833) און כאַרקאָוו (1846) ברענגען אים בלויז עגמת־נפש. דאָך קריגט ער צווישן די חולאים און פריינד אַ שם פון אַ מענטשן מיט הומאָר און וואַרעמען געמיט, אַ פאַלקסדאָקטער, וואָס פלעגט דערציילן קאַטאָוועסלעך און צו מאָל פאַרליינען זיין „סערקעלע".

שלמה עטינגער האָט געמאַכט עטלעכע פּרוּוון צו דרוקן זיינע כתבים: אין 1837 און 1847. ער האָט שוין אַפילו באַקומען פון דער צענזור אַ דערלויבעניש צו פאַרעפנטלעכן זיינע עפּיגראַמען און קאָמעדיע, אָבער אַזוי ווי דער צענזאָר האָט אויסגעמעקט היפשע שטעלן, וואָס ער האָט באַטראַכט פאַר „געפערלעך", האָט ע. זיך אָפּגעזאָגט פון דרוקן זיין בוך, וואָס וואָלט געווען אַ פאַרקריפּלונג פון זיין ווערק.

די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט שלמה עטינגער געוווינט אין דער קאָלאָניע זשדאַנאָוו, וואָס ער האָט געהאָלפן גרינדן, כדי מקיים צו זיין די מצווה פון דער השכלה: זיך אָפּגעבן צו ערדאַרבעט. ער איז געווען באַליבט. ווען ער איז געשטאָרבן און מ'האָט אים געבראַכט קיין זאַמאָשטש, האָט די גאַנצע שטאָט אים באַגלייט צום בית־עלמין — פרומע און אויפגעקלערטע, רבנים און עמך.

שלמה עטינגער איז געשטאָרבן דעם 31סטן דעצעמבער 1856.

*

שלמה עטינגער האָט נישט דערלעבט צו זען געדרוקט קיין איין שורה פון זיין שאַפן.

דערפאַר אָבער האָט עטינגער זוכה געווען מ'זאָל דרוקן זיינע שריפטן נאָך זיין טויט, זיי שטודירן אין קאַטעדרעס, אוניווערסיטעטן און לערנען אין מיטלשולן. אין פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער האָט זיגמונט טורקאָוו אויפגעפירט סערקעלע מיט אסתר־רחל קאַמינסקי (1923). שפּעטער — אידע קאַמינסקי. אין בוענאָס־איירעס (1959) איז סערקעלע אויפגעפירט געוואָרן דורך שמואל ראַזשאַנסקי מיט אַביטוריענטן פון לערער־סעמינאַר (טעס).

שלמה עטינגער און זיין בייטראָג
פאַר דער יידישער ליטעראַטור

דער קוריאָז און דער ווונדער

שלמה עטינגער איז די אינטערעסאַנטסטע דערשיינונג אין דער יידישן ליטעראַטור. אַ קוריאָז און אַ ווונדער.

דער קוריאָז: אַ שרייבער וואָס הייבט־אָן לעבן ערשט נאָכן טויט.

דער ווונדער: דער דאָזיקער שרייבער, וואָס האָט נישט דער־לעבט צו זען געדרוקט קיין איין שורה פון זיין שאַפן, ווערט וואָס ווייטער אַלץ חשובער, אַלץ העכער געשאַצט, ביז ער ווערט אָנער־קענט ווי דער עלטערזיידע פון דער יידישער ליטעראַטור.

דאָס איז אַ משל מיט אַ נמשל אויפן יידישן לעבן בכלל און דער ווונדער פון יידיש בפרט.

עטינגער ווערט אַ סימבאָל אין דער יידישער ליטעראַטור. דער נס פון איבערלעבן די שווערסטע צייטן. אַן ענטפער די מקוננים און מאַזאָכיסטן, וועלכע האַלטן אין איין קלאָגן אויפן אונטערגאַנג.

ווען שלמה עטינגער וואָלט היינט אויפגעשטאַנען פון קבר און געזען די גאַנצע ליטעראַטור, וואָס איז וועגן אים אָנגעשריבן געוואָרן — אַז זיין „סערקעלע" איז געשפילט געוואָרן אַפילו אין פראָפע־סיאָנעלע טעאַטערס און מוסטערן פון זיינע ווערק ווערן געלערנט אין יידישע שולן און סעמינאַרן — וואָלט ער מסתמא נישט געוואָלט גלייבן...

ער אַליין האָט דאָך נישט זוכה געווען צו זען פאַרעפנטלעכט קיין

איין בלעטל פֿון זײַנע שריפֿטן. נישט איין מאָל האָט ער זיך באַמיט אַרויסצוגעבן אַ בוך, אָבער ס׳איז פֿון דעם גאָר נישט געוואָרן.

אַז ער איז געשטאָרבן, האָט אים זאַמאָשטש טאַקע אָפּגעגעבן גרויס כּבֿוד אויפֿן וועג צום קבֿר. ער איז געווען פּאָפּולער און באַליבט. געוווינט אין זײַן פֿעלדהיים, אין זשדאַנאָוו [1], און מקיים געווען די מצווה פֿון דער השׂכּלה, אַז ייִדן זאָלן זיך אָפּגעבן צו ערדאַרבעט. גלײַכצײַטיק אָנגעגאַנגען אין דער שטאָט (אַ פֿינף קילאָמעטער פֿון דער קאָלאָניע) מיט זײַן דאָקטאָריע. אמת, געהאַט פֿון איר אַ סך עגמת־נפֿש און ווייניק חיונה, אָבער דערפֿאַר — אַ שם פֿון אַ פֿאָלקס־דאָקטער און פֿון אַ מחבר. איבער הויפּט צווישן די חולאים געלאָזט הערן זײַנע קאַטאָוועסלעך, וועלכע זײַנען נאָך דעם אַרומגעגאַנגען פֿון מויל צו מויל צווישן עמך, און זײַן קאָמעדיע „סערקעלע״, אין מאַנוסקריפּט, צווישן אינטעליגענץ. בעלנים האָבן, אַ פּנים, נישט געפֿעלט. „זאַמאָשטש האָט געהאַט אַ שם פֿון אַ לומדישער שטאָט״ און „ייִדן האָבן געזוכט ספֿרים, זיי געקויפֿט און אָפּגעהיט״. געווען בײַ וועמען צו לערנען. ר׳ ישׂראל בן משה זאַמאָשטש (1700—1772) איז געווען משה מענדעלסאָנס רבי. ס׳איז באַקאַנט דער בעל שם מזאַמאָשטש (ר׳ יואל בן אורי הײַלפּערן, געשט׳ 1771). פֿון די זאַמאָשטשער משפּחות צעדערבוים, בלאָך, אײַכענבוים, רײַפֿמאַן קומען־אַרויס וויכטיקע משׂכּילים, כּלל־טוערס, שרײַבערס מיט אָנזען אין דער ליטעראַטור ווי אין דער געשיכטע. געפֿעלן ווערן אין אַזאַ שטאָט איז זיכער נישט געווען פֿון די לײַכטע זאַכן. בפֿרט אַז ווי פֿאַר יענער צײַט איז די באַפֿעלקערונג נישט געווען קיין קליינע. „אין 1827 האָט די ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון זאַמאָשטש געציילט 2.874 נפֿשות לגבי דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג פֿון 5.414, ד״ה, אַז ייִדן האָבן דערמאָלט אויסגעמאַכט 54% פֿון דער באַפֿעלקערונג״, בעת „אין 1856 האָט זאַמאָשטש געהאַט אַ באַפֿעלקערונג פֿון 2.475 ייִדן און 1.531

---

[1] דער דאָזיקער דאָרף, געגרינדעט פֿון אַ גרופּע משׂכּילים אין 1846, איז שפּעטער באַקאַנט אונטערן נאָמען קאָלאָניע עטינגער.

ניט־ייִדן״ [2]. אין אַזאַ טיף־ייִדישער שטאָט איז ד״ר שלמה עטינגער געווען אַזוי באַליבט, אַז „ווען מען האָט אים געבראַכט פֿון זשדאַנאָוו אין שטאָט אַרײַן, איז דאָס בית־דין אַרויס אַנטקעגן און געטראָגן דעם אָרון ביזן בית־עולם״ [3], נישט געקוקט אויף דעם וואָס עטינגער איז געווען אַ משׂכּיל. בײַ די אַלע סימפּאַטיעס, בײַ דער גאַנצער פֿאַרערונג, האָט קיינער זיך נישט מרחם געווען אויף זײַן ליטעראַרישן עזבֿון. און אַז מ׳האָט אין זאַמאָשטש זיך נישט אומגעקוקט אויף זײַן ירושה, וואָס האָט מען געקענט דערוואַרטן פֿון אַנדערע מקומות, ווו מען האָט גאָר קיין מאָל פֿון אַ שלמה עטינגער אַפֿילו נישט געהערט? וואָלטן זײַנע כּתבֿים נישט געהאַט דעם זעלביקן גורל ווי פֿון די אַנאָנימע מחברים מיט אַ 600־700 יאָר צוריק?

נאָר וווּנדער איבער וווּנדער: פֿינף יאָר נאָך עטינגערס טויט, אין 1861, ווערט אָפּגעדרוקט זײַן גרעסט ווערק. נישט אין זאַמאָשטש, אַפֿילו נישט אין פּוילן איז עס אָפּגעדרוקט געוואָרן, נאָר אין פּרײַסן, אין דעם שטעטל יאָהאַניסבורג. נישט קיין מעצענאַט, נישט קיין פֿילאַנטראָפּ, נײַערט אַ וואָכעדיקער מוכר־ספֿרימניק האָט עס אַרויסגעגעבן, על־פּי צופֿאַל איז צו אים אַרײַנגעפֿאַלן אַ געגנבֿעטע קאָפּיע פֿון „סערקעלע״, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער וועט קענען פֿון אַזאַ ביכל פֿאַרדינען. אַזוי ווי די שפּראַך, עטינגערס, איז פֿאַר אים געווען מיט חידושים און המצאות, וואָס זײַנען נישט קיין סגולה צו פּרנסה, האָט ער זי „אויסגעבעסערט״ מיט אָנגענומענע ווערטער אין „זשאַרגאָן״. אויפֿן שער־בלאַט אָנגעגעבן: „קאָמעדיאַ אין 5 אַקטן פֿאָן סערקעלען אָדער דיא פֿאַלשע יאָהרצײַט געשעהן אין לעמבערג שנת תּקצה״. אײן קלייניקייט האָט דער פֿאַרלעגער נישט געהאַלטן פֿאַר וויכטיק אָנצוגעבן — דעם נאָמען פֿון מחבר...

אין פֿלוג האָבן מיר דאָ אַ מוסטער פֿון קולטורלאָזיקייט און

[2] יעקבֿ שאַצקי — השכלה אין זאַמאָשטש, אין ייִוואָ־בלעטער, ניו־יאָרק, באַנד 36, יאָר 1952, ז׳ 24—62.

[3] מאַקס ווײַנרײַך — שלמה עטינגער, זיין לעבן און זיין פּערזענלעכקייט, אין אַלע כּתבֿים פֿון ד״ר שלמה עטינגער, ווילנע 1925, ז׳ XLIII.

הפקרות. פֿון דעסט וועגן האָבן מיר דעם דאָזיקן וווּלגאַרן מוכר־ספֿרימניק (א. גאָנשאָראָווסקי) צו פֿאַרדאַנקען, וואָס עס איז אויפֿגעדעקט געוואָרן איינער פֿון די גרעסטע אוצרות פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור.

דער גורל פֿון גרויסע אויפֿטוען איז טייל מאָל אָפּהענגיק פֿון די קלענסטע מענטשן.

דאָ בעט זיך אויך צו מאַכן אַ פּאַראַלעל. ווי איז געווען אַמאָל און ווי איז היינט?

ווען עטינגער האָט געלעבט, איז נישט געווען קיין ייִדיש טעאַטער. אַפֿילו אַ ליבהאָבער־פֿאָרשטעלונג איז געווען זעלטן. פֿון דעסט וועגן זיינען געווען היפּש בעלנים אויף ביכלעך געשריבן אין טעאַטער־פֿאָרעם. והאָ ראַיה: אויב עטינגערס פֿאַרערערס איז נישט איינגעפֿאַלן אָפּצודרוקן „סערקעלע“, איז אַ מוכר־ספֿרימניק, וואָס האָט געזוכט סחורה פֿאַר פּאַקנטרעגערס, דאָס יאָ איינגעפֿאַלן, עטלעכע יאָר נאָך זיין טויט, אין 1861.

צום יאָרהונדערט נאָך עטינגערס טויט איז פּונקט פֿאַרקערט. מען שפּילט אין פֿאַרשיידענע לענדער ייִדיש טעאַטער, אין אייניקע ערטער — טאָג־טעגלעך און הונדערטער אַקטיאָרן מאַכן פֿון דעם אַ לעבן. אָבער עס איז נישט מעגלעך צו געפֿינען אַ פֿאַרלאַג אָדער אַ בוכהענדלער, וואָס זאָל וועלן אויף זיין חשבון אָפּדרוקן אַ טעאַטער־ווערק. „דער עולם — זאָגן זיי — קויפֿט נישט קיין פּיעסן“. אויב אויטאָרן דרוקן אַליין אָפּ זייערע טעאַטער־ווערק, ווייסן זיי פֿון פֿאָרויס, אַז זיי וועלן פֿאַרלירן אַ סך געלט, אָבער זיי האָפֿן, אַז דאָס בוך וועט פֿאַר זיי אַ מליץ־יושר זיין און זייערע פּיעסן וועלן אַ דאַנק דעם גיכער אויפֿגעפֿירט ווערן אין טעאַטער.

טשיקאַווע. אין 19טן יאָרהונדערט איז די דראַמאַטישע פֿאָרעם געווען באַליבט אַפֿילו ביי אַזעלכע שרייבערס, וועלכע האָבן קיין טעאַטער פֿאַר זייערע אויגן קיין מאָל נישט געזען און אפֿשר קיין טעאַטער גאָר נישט געהאַט אין זינען. עס שרייבט אין דיאַלאָג „דער רוסישער משה מענדעלסאָן“, יצחק־בער לעווינזאָן, און עס שרייבט

אין דער פֿאָרעם פֿון פּיעסן דער זיידע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, מענדעלע מוכר ספֿרים — און ביידע איז טעאַטער נישט געלעגן אין זינען. נאָך מער. ישׂראל אַקסענפֿעלד האָט „אָנגעשריבן בײַ אַ פּאָר צענדליג דערציילונגען אָדער ראָמאַנען און בלויז עטלעכע דראַמעס, אָבער די דראַמעס זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן, בעת די דערציילונגען, אַחוץ איינער, זײַנען אַלע געבליבן אין מאַנוסקריפּט", כאָטש „אַקסענפֿעלד האָט ווינציק־וואָס אין זינען געהאַט טעאַטער אַפֿילו דאַן, ווען ער האָט געשריבן זײַנע טעאַטער־שטיק"[4].

דאָס איז מסתּמא די סיבה, וואָס די „קאָמעדיאַ פֿאַן סערקעלע" האָט איינס און צוויי געפֿונען אַן אָפּקלאַנג, ווי שטאַרק צעמזיקט זי איז אַרויס פֿון דרוק, כאָטש עס איז נישט אָנגעגעבן געוואָרן דער נאָמען פֿון יחוסדיקן מחבר. ווי צעפּאַטשקעט עס איז געווען עטינגערס אָריגינאַל, איז נאָך אַלץ אין ביכל געבליבן, אַז אַפֿילו אַ פֿאַרפּוילישטע דאַמע פֿון דער וואַרשעווער אַריסטאָקראַטיע, די טאָכטער פֿון באַרימטן מאַטעמאַטיקער אַבֿרהם שטערן, די פֿרוי פֿון פּראָמינענטן העברעיִשן געלערנטן און שפּעטערדיקן רעדאַקטאָר פֿון „הצפֿירה", חיים־זעליג סלאָנימסקי, זאָל אַזוי אַרײַנפֿאַלן אין התפּעלות, אַז זי זאָל דווקא וועלן אויפֿפֿירן די קאָמעדיע. און ווו? אין זשיטאָמיר, אין דער ראַבינער־שול, ווו איר מאַן איז אָנגעקומען אויפֿן דירעקטאָר־אַמט. אין 1862, אין אַ סבֿיבֿה ווו עס האָט געהערשט אַ פֿײַנטלעכע באַציִונג צו ייִדיש, ווערט צום ערשטן מאָל אויפֿגעפֿירט „סערקעלע". און וואָס איז אפֿשר נאָך וויכטיקער: די הויפּטראָלע, סערקעלע, שפּילט דער 22יאָריקער סעמינאַריסט אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען.

די ערשטע אויפֿפֿירונג פֿון שלמה עטינגערס „סערקעלע" איז אַבֿרהם גאָלדפֿאַדענס דעבוט אין טעאַטער.

— „און איך בין זיכער — זאָגט זייער אַ חשובֿער עד־ראיה, דער העברעיִשער שריפֿטשטעלער אַבֿרהם־יעקבֿ פּאַפּערנאַ, צום 50יאָריקן יובֿילײ פֿון דער פֿאָרשטעלונג — אַז די אידעע פֿון גרינדן

---

[4] ש. ניגער — „דערציילערס און ראָמאַניסטן", 1טער ב׳, נ"י 1946, ז׳ 56.

אַ ייִדישן פֿאָלקס־טעאַטער איז דעמאָלט בײַ אים געבוירן געוואָרן״ [5].

אַ יאָר 30 איז „סערקעלע״ געלעגן אָנגעשריבן און קיין תּיקון נישט געפֿונען. אָבער 5 יאָר נאָכן טויט פֿון מחבר ווערט זי, אין 1 יאָר, אי אָפּגעדרוקט, אי אויפֿגעפֿירט. דער מחבר — פֿון פּוילן, די קאָמעדיע — פֿון גאַליציע, געדרוקט — אין פּרײַסן, געשפּילט צום ערשטן מאָל — אין רוסלאַנד...

דער ייִדישער גורל פֿון אַלוועלטלעכקייט ווערט אָפּגעשפּיגלט אין שלמה עטינגערס ערשטן דערפֿאָלג אין דער ליטעראַטור.

אָפּשאַצונגען, פֿאָרשונגען און פּאָלעמיק

אין 1862 דערשײַנט אין אָדעס די ערשטע ייִדישע צײַטונג פֿון מזרח־אייראָפּע, „קול מבשׂר״. דער זאַמאָשטשער אַלעקסאַנדער צעדערבוים, דער ערשטער ייִדישער ליטעראַטור־קריטיקער, האַלט אַזוי שטאַרק פֿון עטינגערן, אַז ווען ער שרײַבט אַ קריטיק „וועגן גאָט־לאָבערס דער סיים פֿון די חיות, לאָזט ער זיך גאָר אַרײַן אין אַ שמועס וועגן ד״ר שלמה עטינגערן און זײַנע עטלעכע ווערק״ און „דאָס פֿאַרנעמט כּמעט אַזוי פֿיל פּלאַץ ווי די אייגנטלעכע רעצענזיע וועגן גאָטלאָבערס סיים״ [6].

פֿון צעדערבוימען ווייסן מיר: מען פֿאַראינטערעסירט זיך מיט „סערקעלע״ אויך אין אַנדערע מקומות, אין משׂכּילישע קרײַזן, און מען שפּילט זי אין מאָלעוו (בײַם דניעסטער), קויל (בײַ קוטנע) און טאָמאַשאָוו [7].

אין 1823 הייבט־אָן דערשײַנען וואַרשעווער יודישע צײַטונג. איר רעדאַקטאָר, הילאַרי גלאַטשטערן, אַגיטירט „מ׳זאָל אויסראָטן דעם זשאַרגאָן און אים פֿאַרבײַטן אויף די לאַנדשפּראַך״. עס דויערט אָבער נישט לאַנג און ער אַליין בײַט זײַן נאָמען הילאַרי אויף הלל. אין 40

[5] אַ פֿראַגמענט ווערט געדרוקט אין דעם בוך, אין די ביילאַגעס „צו דער כאַראַקטעריסטיק״, ז׳ 252.

[6] נ. ב. מינקאָוו — זעקס ייִדישע קריטיקער, ב״א 1954, ז׳ 32.

[7] מאַקס ווײַנרייך — שלמה עטינגער, ז׳ XLVII.

יאָר אַרום, אין 1863, ווערן אין אַ צײַטונג, אין קול מבשׂר, צום ערשטן מאָל געדרוקט אייניקע פֿאַבלען, עפּיגראַמען און פּאָעמעס, עטינגערס, „וועלכע דאַרפֿן נאָך עד־היום גערעכנט ווערן אַלס מײַס־טערשטיק אויף זייער געביט" [8].

אַ וואַרשעווער מוכר־ספֿרים ניק זעט־אײַן, אַז עס קען זײַן אַ געשעפֿט פֿון איבערדרוקן „סערקעלע", אָט אַזוי ווי זי איז דערשינען אין יאָהאַניסבורג. דערוויסן זיך פֿון דעם עטינגערס יורשים און זיי דערלאָזן נישט. זיי ווילן אַליין אָפּדרוקן דעם טאַטנס כּתבֿים. בעטן אַ דערלויבעניש בײַ דער צענזור און באַקומט זי. אָבער... אין 1875 דערשײַנט אַ קאָפּיע פֿון „סערקעלע", און טאַקע אין וואַרשע גופֿא, און ווידער ווערט נישט אָנגעגעבן ווער עס איז דער מחבר [9].

סערקעלע איז אויך געווען איינע פֿון די ערשטע אויפֿפֿירונגען אין פּראָפֿעסיאָנעלן ייִדישן טעאַטער. י. רימיניק ברענגט אויפֿן גרונט פֿון אַ רעצענזיע אין אָדעסקי ליסטאָק, אַז די פּיעסע איז דעם 11טן אויגוסט 1888 (1880) „אויפֿגעפֿירט געוואָרן דורך י. י. לערנער אין אָדעס" און „לערנער איז דערבײַ באַגאַנגען אַ פֿאַלסיפֿיקאַציע: אין די פּראָגראַמען האָט ער אָנגעגעבן, אַז ער האָט די פּיעסע איבער־געמאַכט פֿון ד״ר עטינגערס ראָמאַן" [10].

אַלעקסאַנדער צעדערבוים, דער רעדאַקטאָר פֿון דער ערשטער ייִדישער צײַטונג אין רוסלאַנד, וועלכער האָט דער ערשטער געדרוקט עטינגערס פּערזן אין 1863, אין אָדעסער קול מבשׂר, גיט־אַרויס אין פּעטערבורג יודישעס פֿאָלקס־בלאַט. דרוקט ער דאָרטן, אין 1886, עטינגערס פֿאַבלען און פּאָעמעס אויפֿן אָרט פֿון פֿעליעטאָן [11]. אַ

[8] ש. ל. ציטראָן — די געשיכטע פֿון דער ייִדישער פּרעסע, ווילנע, 1923, ז' 79 און 86.

[9] דאָס שער־בלאַט פֿון דער אויסגאַבע, וואָס געפֿינט זיך אין ב״א צענטראַ־לער ביבליאָטעק פֿון ייִוואָ, איז רעפּראָדוצירט אויף דער זייט 32.

[10] לעקסיקאָן פֿון ייִדישן טעאַטער, רעד' זלמן זילבערצווייג, וואַרשע, 1934, באַנד 2, קאָלום 1557.

[11] ציטראָן — די געש' פֿון דער ייִד' פּרעסע, ז' 151.

סימן, אַז מ׳קוקט אויף די פּערזן ווי אויף אַ צוציִענדיקן לייענשטאָף פֿאַרן ברייטן עולם.

דער אַנאָנימער מחבר ווערט אַלץ מער אידענטיפּיצירט.

אין 1888 ווערט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ קאַפּיטל זכרונות, ווו מ׳זעט דעם מענטש וואָס לעבט מיטן שרײַבער [12]. גאָטלאָבערס עפּיזאָד, ווי ער איז בעת זײַן באַזוך אין זאַמאָשטש קראַנק געוואָרן, גענמיינט ס׳איז כאָלערע, נאָר ד״ר עטינגער, וואָס איז צו אים געקומען, האָט אים אויפֿגעמונטערט מיט זײַן הומאָר, זאָגנדיק — „וואָס טויג אײַך כאָלערע — איך וועל אײַך בעסער פֿאָרלעזן מײַן סערקעלע״, דינט פֿאַר אַ גרונטשטריך צו דער כאַראַקטעריסטיק פֿון שלמה עטינגערס פערזענלעכקייט.

וואָלט געווען נאַטירלעך, אַז עטינגער זאָל שוין דעמאָלט זיך באַפֿעסטיקן אויף זײַן פּאָזיציע, לפּחות ווי אַנדערע אָנגעזעענע שרײַבערס פֿון סוף 19טן יאָרהונדערט. בפֿרט אַז אין 1889 ווערן צום ערשטן מאָל געדרוקט אין בוכפֿאָרעם עטינגערס משלים און קאַטאָווועסלעך און באַלד נאָך דעם, אין 1890, צום צווייטן מאָל. ביידע אין פּעטערבורג. ביידע גיט־אַרויס עטינגערס זון ווילהעלם, וועלכער „האָט שוין צערקוועס געבויט״ [13]. עס קומט אָבער דאָס אומגעקערטע. אַנשטאָט דער אינטערעס זאָל גיין למעלה — פֿאַלט ער גאָר.

דער בעסטער רוסיש ייִדישער זשורנאַל דרוקט־אָפּ אַ רעצענזיע וועגן דעם בוך אין אָפּטייל, ווו ש. דובנאָוו שרײַבט אונטערן פּסעוודאָנים קריטיקוס וועגן ייִדישער ליטעראַטור. שרײַבט ס. מ. אַזוי, ווי עטינגער וואָלט פֿאַר אים אַ פֿרעמדער געווען. „אומפֿאַרשטענדלעך — זאָגט ער — הלמאַי דער פֿאַרלעגער האָט נישט אַרײַנגעגעבן אין דער זאַמלונג פֿון עטינגערס שריפֿטן אַ ביאָגראַפֿישן סקיץ פֿון דער דאָזי־

---

[12] א. ב. גאָטלאָבער — „זכרונות איבער זשאַרגאָנישע שרייבער״, אין יודישע פֿאָלקס־ביבליאָטהעק, רעד׳ שלום עליכם, ב׳ 1, קיִעוו 1888.

[13] י. ל. פּרץ — מיינע זכרונות, ב׳ 13, ז׳ 22, נ״י 1920. — פּרץ דערציילט, אַז סערקעלע, וואָס עטינגער האָט פֿאַראייביקט, איז געווען זיין מומע.

קער אַזוי ווייניק באַקאַנטער פּערזענלעכקייט און צוליב וועלכער סיבה ער האָט אויך נישט אָפּגעדרוקט די פּאָעמע סערקעלע לפּחות ווי אַ היסטאָרישן דאָקומענט״[14]. ווי מיר זעען, האָט דער רעצענזענט פֿון גרויסן וואָסכאָד, נאָך אַ פֿערטל יאָרהונדערט שפּילן די קאָמעדיע, נאָך אַלץ נישט געוווּסט, אַז סערקעלע איז נישט קיין ״פּאָעמע״...

אָבער ווײַטער קומט דאָס אומפֿאַרשטענדלעכסטע: סוף 19טן יאָרהונדערט צעבליט זיך די ייִדישע ליטעראַטור און אָנהייב 20סטן איז קלאָר, אַז דאָס איז איר גליקלעכסטע עפּאָכע. די געקרוינטע קלאַסיקערס באַקומען פֿאַמיליאַרע קלאַסיפֿיקאַציעס: מענדעלע — ״דער זיידע״, פּרץ — ״דער טאַטע״, שלום עליכם — ״דאָס אייניקל״. אַרום זיי ווערן פּאָפּולער אַ סך נעמען. אַפֿילו אייניקע בדחנים טראָגן קרוינען פֿון פּאָעטן און וואָכעדיקע איבערזעצערס קריגן אַ שם פֿון פּאַבלשרײַבערס — אין פֿאַרגלײַך מיט זיי, פּונקט ווי מיט כמעט אַלע וואָס האָבן געשריבן אין דראַמאַטישער פֿאָרעם, איז עטינגער, דער שרײַבער פֿון קאָמעדיע, משל און עפּיגראַם, געשטאַנען מיט הימלען העכער... ווי זשע האָט מען עס פֿאַרגעסן ממש אין עטינגערן? ווי האָט מען עס אין אַזאַ עפּאָכע, אין וועלכער עס איז כּסדר געשטיגן דער חוש פֿאַר אמתע ווערטן, די פּיעטעט פֿאַר עכטער וואָרטקונסט, גאָר טאָלערירט אַזאַ שטילשווײַגן אַרום עטינגערן? עס האָט אויסגעזען, ווי די צײַט, דער שטרענגסטער ריכטער, וואָלט אַרויסגעטראָגן קעגן אים אַ טויטאורטייל...

אַזאַ שטילשווײַגן האָלט־אָן קרובֿ צוויי יאָרצענדלינג.

און דאָ קומט ווידער — קוריאָז אָדער וווּנדער?

אין 1911־1912, ווען עס באַווײַזן זיך די ערשטע ערנסטע פֿאַרמעסטונגען פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער יודישער ליטעראַטור און שפּראַך, פֿאַר פֿאָלקלאָר, קריטיק און ביבליאָגראַפֿיע אין אַ זאַמלבוך, וואָס דינט ווי אַ מוסטער פֿאַר די ווײַטערדיקע וויסנשאַפֿטלעכע

---

[14] ״משלים אונד ליעדלעך״, (254 זז׳) אין וואָסכאָד, פּעטערבורג יוני 1890.

אַרבעטן וועגן אונדזער וואָרט און זײַן שאַפֿן, שטייט־אויף שלמה עטינגער תּחית המתים[15].

טרעפֿלעכער האָט גאָר נישט געקענט זײַן: מיטן אויפֿקום פֿון דער מאָדערנער ייִדישער שפּראַכפֿאָרשונג און געשיכטע־אײַנשטעלונג פֿאַר ייִדישער ליטעראַטור ווערט שלמה עטינגער גלײַך רעהאַביליטירט און אַוועקגעשטעלט אויף דעם אָרט, וואָס קומט אים. דער ווילנער גמרא־פּנקס וואַרפֿט פֿון פֿאַרשיידענע זײַטן פֿאַסן ליכט אויף עטינגערס אָרט און ראָלע. ד״ר א. קאַפּעל (וועלכער האָט שוין פֿון 1909 געשריבן טעאַטער־קריטיק אונטערן פּסעוודאָנים ד״ר א. מוקדוני) גיט די ערשטע אויספֿירלעכע לעבנס־באַשרײַבונג אויפֿן סמך פֿון ידיעות צונויפֿגענומענע בײַ עטינגערס משפּחה און פֿרײַנד, ווײַזט ווי נייטיק עס איז אויסצופֿאָרשן די כּתבֿים אין זייערע אויטענטישע וואַריאַנטן, גיט אַ שאַרפֿן אַנאַליז פֿון „סערקעלע" און אירע ווערטן פֿאַר דער ייִדישער דראַמאַטורגיע און טעאַטער, און זאָגט: „אַ הייסע ליבע און טיפֿע פֿאַרשטענדעניש צו ייִדיש שטראָמט־אַרויס פֿון יעדער שורה"[16]. אין זײַן ערשטער פֿאָרשאַרבעט פֿאַר ליטעראַטור־געשיכטע, אין 1912, אַ מאָדעל ווי צו שרײַבן אַקאַדעמיש וועגן דעם ענין, האָט ש. ניגער געמאַכט אַ סך־הכּל, „וואָס דער טיף פֿון אַ ייִדענע אַן אשת־חיל האָט איבערגעלאָזט אין אונדזער שיינער ליטעראַטור, אַנגעהויבן פֿון עטינגערס סערקעלע"[17]. דאָס קורצע קאַפּיטל זכרונות פֿון מיטצײַטלער א. י. פּאַפּערנאָ וועגן דער ערשטער סערקעלע־אויפֿפֿירונג עפֿנט די אויגן אויף „קלייניקייטן" וואָס קענען ברענגען גרויסע נוצן: ווי דאָס שפּילן אין דער ראַבינער־שול האָט געקאָנט ווירקן אויף גאָלדפֿאַדענען און ווי קלאַסיפֿיצירטע אַסימי־

---

[15] דער פּנקס, רעד׳ ש. ניגער, ווילנע תּרע״ב (1912).

[16] ד״ר א. קאַפּעל — ד״ר שלמה עטינגער, זיין לעבן און זיין ליטעראַרישע טעטיקייט, קאָלום 44.

[17] ש. ניגער — שטודיעס צו דער געשיכטע פֿון דער יודישער ליטעראַטור, ק׳ 96.

לאַטאָרן און שונאי ישׂראל ייִדיש העלפֿן באַקאַנט מאַכן אַ גרויסן ייִדישן שרײַבער, וועלכער איז פֿאַר זיי געווען אַ פֿרעמדער [18]. אין דעם זעלביקן פּנקס איז בעל־דמיון אַרויס אין זײַן גרינטלעכער קריטיק וועגן דעם ערשטן האַנטבוך פֿאַר ייִדישער ליטעראַטור־געשיכטע מיט אַ טענה קעגן ד״ר פינעס, הלמאי ער „ברענגט נאָר אין עט־לעכע שורות די טענדענץ״ פֿון סערקעלע און פֿון די משלים נישט מער ווי „צוויי ציטאַטן״ [19]. אין אמתן האָט די ערשטע דיסערטאַציע וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור, ווי אָנגעפּאַקט זי איז מיט גרײַזן, ווי געשטרויכלט דער מחבר איז געוואָרן דורך זײַן ניט־סאָלידן וויסן אין דער דאָזיקער ספּעציאַליטעט, פֿאָרט דער ערשטער אַרויסגעוויזן פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דער גאַנצער געשטאַלט עטינגער. ער זעט, אַז ע. איז „אַ שאַרפֿער און גוטער באַאָבאַכטער, וואָס האָט ריכטיק גע־מאָלט און געשילדערט די פֿעלערן און מעלות פֿון מענטשלעכן האַרצן״, און „עטינגערס סטיל באַווײַזט, אַז ער איז אַ קינסטלער, ער איז קורץ, שאַרף, פֿול מיט אָריגינעלע אויסדריקע און ביל־דער״ [20]. דאָס מאָגן מער פּלאַץ פֿאַר עטינגערס שאַפֿן איז כאַראַק־טעריסטיש פֿאַר דעם געשטיגענעם אינטערעס — מיט אַ מאָל האָט מען זיך אָפּגעגעבן חשבון, וואָס פֿאַר אַן עוולה מ׳באַגייט קעגן אַ גרויסן ייִדישן וואָרטמײַסטער. דער פּנקס איז געוואָרן דער גרעס־טער מליץ־יושר פֿאַר שלמה עטינגערן.

די ערשטע וועלט־מלחמה, וועלכע האָט איבערגעהאַקט אַ סך איניציאַטיוועס, האָט מסתּמא איבערגעשלאָגן אויך די שטילע און בייטיקע אַרבעט צו ברענגען לאור עטינגערס שאַפֿן (ווי ווײַט מעגלעך) אויטענטישע וואַריאַנטן און ברייטער באַקענען מיט זײַן

[18] אַברהם־יעקב פּאַפּערנאַ — מיינע עראינערונגען וועגן גאָלדפאַדענען, ק׳ 190.

[19] בעל דמיון — ד״ר פינעסעס געשיכטע פון דער יודישער ליטעראַטור, ק׳ 342.

[20] ד״ר מ. פינעס — די געש׳ פון דער יוד׳ ליט׳, ב׳ 1, ז׳ 97, וואַרשע 1911.

לעבן און אַנטוויקלונג. דאָס איז געקומען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

עס איז אַ צײַט פֿון רעוואָלוציע, אָבער עס איז אויך אַ צײַט פֿון נאַציאָנאַלער דערוואַכונג. פֿאָלקסטימלעכקייט ברענגט מזל־ברכה פֿאַר פּאַרטייען, ווי פֿאַר דער קולטור־אַרבעט. מ׳האָט מורא פֿאַרן וואָרט „נאַציאָנאַליזם", אָבער אַפֿילו די רעוואָלוציאָנערסטע קרײַזן פּראַקטיצירן נאַציאָנאַליזם...

אין אַזאַ שטורמישער צײַט, ווען מ׳הייבט־אָן זוכן סינטעזן, דערשײַנט שלמה עטינגער ווי אַ קינסטלער, וועלכער „ברענגט־אַרײַן אין דער פּינצטערער סבֿיבֿה דאָס ליכט פֿון וויסן, אָבער ער איז נישט קיין פּורץ גדר, ער וויל גאָר צונויפֿפֿירן דאָס אַלטע מיט דאָס נײַע" [21].

עטינגער אין פּעריאָד פֿון קולטור־רענעסאַנס

עטינגער האָט באַלעבאַטיש מילד געטאָן דאָס, וואָס י. ל. פּרץ — געבוירן אין זאַמאָשטש 4 יאָר נאָך עטינגערס טויט — האָט געטאָן מיט חסידיש רעוואָלוציאָנערן ברען.

אין פּוילן און ליטע, דערנאָך אין רוסלאַנד נאָך דער רעוואָלוציע, צעוואַקסט זיך אַ פֿאַרצווײַגט שולוועזן אויף יידיש. עס מערן זיך גימנאַזיעס, העכערע קורסן, לערער־סעמינאַרן, אַספּיראַנטורן. אומעטום פֿאַרנעמט ליטעראַטור אַ גרויס אָרט. קוקט מען זיך אום אויף פּיאָנערן, ראשונים. לײַכט פֿון זיי אַרויס שלמה עטינגער. ווערן זײַנע פֿאַבלען און עפּיגראַמען געלערנט ווי מוסטערן פֿון שיינשרײַבערײַ, זאַפֿטיקן יידיש און ווייכן הומאָר, חוץ לזה ווי אַ שפּיגל פֿאַר מענטשן און שוואַכקייטן. עטינגער ווערט אַ וויכטיקער שטאָף פֿאַר כרעסטאָמאַטיעס און לערנביכער.

דעם דאָזיקן אינטערעס קומט אַנטקעגן שלמה מענדלסאָן, אַ

[21] שמעון דובנאָוו — „די נייסטע געשיכטע פֿון יידישן פֿאָלק", אין די וועלט־געשיכטע, ב׳ 9, ז׳ 200, ב"א 1955.

שולפירער מיט אַ חסידישן טעמפעראַמענט און סאָציאַליסטישע אידייען. זײַן אויסגאַבע „משלים" ווערט אויסגעכאַפּט אין די שולן. ער פאַרגלײַכט די יידישע לומדים־אַריסטאָקראַטיע און עמך פון מזרח־אייראָפּע מיט די פון מערב. עטינגער — קומט ער צום אויספיר — איז געגאַנגען אויף דעם „וועג פון אַלע משכּילים און דאָך איז ער אַלס שריפטשטעלער דער היפוך פון די השכּלה־שרײַבערס", ווײַל „ער פרוווט נישט געווינען דעם עולם מיט זײַן העברעיִש, ער קאָקעטירט נישט מיט זײַן דײַטש, ער שעמט זיך נישט און פאַרענטפערט זיך נישט פאַר זײַן יידיש" — „דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, דער איינפאַכסטער יידישיזם".[22]

אין דער דאָזיקער אַטמאָספערע פון קולטור־רענעסאַנס האָט אַרײַנגעשפּילט זלמן רייזען. זײַן יידישיסטישע ראָמאַנטיק האָט ער געזען פאַרקערפּערט אין עטינגערן. שילדערט ער מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם זײַן לעבן און שאַפן; בויט אויף קאַפּעלן; איז מוסיף אַ סך פּרטים צו דער ביאָגראַפיע; דרוקט אָן אָפּקלײַב פון פערזן, אויך לירישע; און גיט צום סוף דעם גאַנצן ערשטן אויפצי (ווי עטינגער האָט אָנגערופן אַן אַקט) פון סערקעלע, נאָך איינעם פון די אויטענטישע מאַנוסקריפּטן; גיט־איבער מיינונגען פון יודעי־חן; און מאַכט דעם אויספיר: עטינגער „האָט געהאַט צו יידיש אַ באַציִונג ווי פון אַ קולטורמענטש צו אַ קולטורשפּראַך, צו זײַן שפּראַך".[23]

דער אויפגעוואַכטער אינטערעס צו עטינגערן באַוועגט דעם „צענטראַל"־טעאַטער אין וואַרשע אויפצופירן אין 1923 סערקעלע. זיגמונט טורקאָוו, איר רעזשיסאָר, האַלט אַז זי „האָט ביז הײַנט צו טאָג קיין גלײַכן נישט צו זיך — נישט אין דער יידישער און נישט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור".[24] נו, האָט מען אַרום איר גע־

---

[22] ש. מ. — „נאָכוואָרט" אין שלמה עטינגערס משלים, וואַרשע 1920, ז' 134 און 136.

[23] זלמן רייזען — פון מענדעלסאָן ביז מענדעלע, וואַרשע 1923, ז' 277.

[24] זיגמונט טורקאָוו — שמועסן וועגן טעאַטער, ב"א 1950, ז' 136.

מאַכט אַ וואַרע. „ס'האָט געהייסן: צו סערקעלעס הונדערטסטן געבורטסטאָג ווערט זי אויפגעפירט", כאָטש „דאָס איז געווען אַ בײַסעלע ניט ריכטיק"[25]. די הויפּטראָלע האָט געשפּילט אסתּר רחל קאַמינסקי, „די מאַמע פון יידישן טעאַטער". טורקאָוו דערציילט, אַז ער איז אָנגעקומען נאָך עצות צו גרויסע עקספּערטן: וועגן שפּראַך — צו ד"ר יצחק שיפּער; וועגן הלבשה — צו פּראָפ' מאיר באַלאַבאַן; דעקאָראַציעס האָט פּראָיעקטירט דער מאָלער משה אַפּעלבוים; „מאָראַלן" פון גאַליצישע נוסחאות קאָמפּאָנירט יצחק שלאָסבערג. דער ספּעקטאַקל איז פון אַקטיאָר באַטראַכט געוואָרן ווי אַ יום־טובֿ פאַר דער יידישער קולטור.

די גרויסע אַמעריקע האָט אָבער דעם בײַשפּיל נישט נאָכגעטאָן. כאָטש דער באַקאַנטער טעאַטער־היסטאָריקער ב. גאָרין האָט פריער נאָך געשריבן, „עס דאַרף נישט זײַן דער מינדסטער ספק, אַז פון אַלע דראַמע־שרײַבערס, וואָס האָבן געשריבן אין יידיש ביז גאָלדפאַדען, האָט ד"ר עטינגער אויסגעאיבט דעם גרעסטן אײַנפלוס אויף דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער דראַמע און פון אים הייבט זיך אָן די אמתע געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין רוסלאַנד"[26], האָט קיינער זיך די מי נישט געגעבן אויפצופירן סערקעלע. דערפאַר אָבער איז די פאָרשטעלונג פון וואַרשע ביטער קריטיקירט געוואָרן אין ניו־יאָרק...

עטינגער האָט אַזוי ווייניק מזל צו דער גרויסער אַמעריקע, אַז טאָמער האָט דער 100סטער יאָרטאָג נאָך אים שוין יאָ געקענט זײַן די געלעגנהייט אים אַרויסצוהייבן אויף דער וויכטיקסטער יידישער אַקאַדעמישער טריבונע, אויף דער יאָרלעכער קאָנפערענץ פון ייִוואָ, האָט דער רעפערענט, דער ליטעראַטור־קריטיקער ש. ניגער, נישט דערלעבט צו פאַרענדיקן זײַן רעפעראַט[27].

---

[25] ש. ראָזענפעלד — „סערקעלע" אויף דער בינע", נ"י, טעאַליט ב' 3, 1924.

[26] ב. גאָרין — די געשיכטע פון יידישן טעאַטער, ב' 1, ז' 97, נ"י 1918.

[27] „ידיעות פון ייִוואָ", ב' 60, נ"י 1956.

איז נאָך אַ גליק, וואָס די עטינגער־ירושה איז רעסטוירירט געוואָרן נאָך אין פוילן. די 2בענדיקע אויסגאַבע פון ד״ר מאַקס ווײַנרײַך איז אַ ווערטפולער בײַטראָג פאַר דער יידישער ליטעראַטור, הן צוליב איר אייגענעם ווערט, הן צוליב דעם וואָס זי האָט אַנדערע סטימולירט, איבער הויפט צו פאָלעמיזירן און אַרונטערצורײַסן, אין נאָמען פון דער רעוואָלוציע... מאַקס ווײַנרײַך האָט מיט דער פּינקטלעכקייט, וואָס באַשמט אים, אויפגעזאַמלט אַרום דעם עזבון, עטינגערס, אַ שלל ידיעות פון משפחה און פרײַנד, פון אינסטיטוטן און דאָקומענטן, זיי קאָנטראָלירט, איינע קעגן די אַנדערע טייל מאָל אָוועקגעשטעלט און אויפגעוויזן אַבסורדן (איבער הויפט וועגן דער דאַטע פון עטינגערס געבורט, וואָס מ׳קען עד־היום ניט פעסטשטעלן, ווײַל מ׳גיט זי אָן פון 1799 אַזש ביז... 1810), כדי צו קענען פאָרט אַרויסבאַקומען די גייטיקע פאַרב און סכעמע פאַר זײַן סטרוקטור און בילד. ביידע ווערן נאָך דעם דורכגעפירט מיט מײַסטערשאַפט. ווײַנרײַך, דער פײַנער ויסנשאַפטלער פון דער נאַטור, קען אויך דערציילן געמיטלעך. כאַראַקטעריסטיש פאַר עטינגערן. אָט די געמיטלעכקייט, ווײַנרײַכס, רעגט־אויף די סאָוועטישע קריטיקערס זײַנע, וועלכע האָבן אין דעם זכות זיך אַוועקגעלאָזט פאָרשן עטינגערן און — פון דעם איז אַרויסגעקומען אַ גרויסע טובֿה פאַר דער יידישער ליטעראַטור. מאָלנדיק זײַן געשטאַלט, זײַן געמיט, זײַן שפּראַך, ווי ער איז אַן אינאָוואַטאָר, ווי קיינער איז דאָס נישט געווען ביז אים, קומט ווײַנרײַך צום אויספיר, אַז שלמה עטינגער איז אין דעם פולן זין פון וואָרט דער עלטערזיידע פון דער יידישער ליטעראַטור — ווײַנרײַך האָט געשאַפן דעם דאָזיקן טיטל פאַר עטינגערן — ווײַל „אויב ער איז הינטערשטעליק אַנטקעגן מענדעלען אין טאַלענט, שטייט ער געוויס העכער פון אים אין פּרט פון פאָרעם־געפיל״ [28]. מיט ווײַנרײַכס אַרבעט איז צעעפנט געוואָרן אַ גרויס פעלד פאַר עטינגער־פאָרשונג. קודם זײַנען נישט פאַרענטפערט איניקע פראַגעס

---

[28] מ. ווײַנרײַך — אַלע כתבים פון ד״ר שלמה עטינגער, ז׳ XVII.

וועגן זײַן לעבן. אַפֿילו די דאַטע פֿון זײַן טויט איז אַ ספֿקדיקע, הגם אַלע, אויך ווײַנרײַך, גיבן־אָן דאָס יאָר 1856 [29]. נאָר ווו עס זײַנען דערגרייכט געוואָרן גרויסע רעזולטאַטן — דאָס איז אין אַנאַליזן פֿון די ליטעראַרישע ווערטן און השפּעות.

אויף מאַקס ווײַנרײַכס אַלע כּתבֿים פֿון ד״ר שלמה עטינגער האָבן זיך אַרויפֿגעוואָרפֿן די סאָוועטישע קריטיקערס ווי אויף אַן אוצר, וואָס איז אין לשער. אַן אוצר — אַליין זיך צו פֿאַרטיפֿן. און אַן אוצר — אויף צו דערווײַזן, אַז די ייִדישע אינטעליגענץ אין דער אַנדער ספּערע זינקט אין באַלעבאַטישער אידייענלאָזיקייט, קען נישט אויסבאַהאַלטן די פֿיליסטערישקייט אַפֿילו בײַ אירע בעסטע געלערנ־טע און זעט דעריבער נישט מיט קיין קלאָרע אויגן, וואָס מ׳דאַרף זען. דאָס טוען מ. ווינער און מאַקס עריק. ווינער האָט באַוויזן אויפֿ־צוטאָן אַ סך אויף דעם פֿעלד און האָט געבראַכט זייער אַ וויכטיקן צושטײַער אין אַ ריי מאָנאָגראַפֿיעס, טיילווײַז צונויפֿגעזאַמלטע אין אַ באַנד [30]. עריק — אַנשטאָט זײַן פֿאַרשאַרבעט — האָט פֿאַרענדיקט זײַן לעבן ערגעץ אויף אַ פֿאַרשיקונג. אָנגעהויבן האָט ער מיט אַן אָנגריף אויף דער קלאַסישער אויסגאַבע, הלמאַי ווײַנרײַך האָט נישט אָפּגעגעבן מער פּלאַץ פֿאַר עטינגערס שאַפֿונגען, אין די נוסחאות ווי זיי זײַנען געדרוקט געוואָרן אין די אַמאָליקע צײַטונגען און בײַ זײַנע געוויסנלאָזע גנבֿישע פֿאַרלעגערס [31]... אין גרונט איז אָבער

[29] בײַ ווײַנרײַכן איז די דאַטע פֿון עטינגערס טויט — ד׳ טבת תרי״ז; נאָך דעם נאָך קומט־אויס: דער 13טער דעצעמבער 1855. אויב ווידער מ׳זאָל אָננעמען, ווי זלמן רייזען גיט־אָן אין לעקסיקאָן, ד׳ טבת 1856, קומט־אויס, אַז עטינגער איז געשטאָרבן דעם 31סטן דעצעמבער 1856.

[30] מ. ווינער — צו דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין 19טן יאָרהונדערט, ב׳ 1, אין מאָסקווע דערשינען אין 1940, אין נ״י — 1945.

[31] מאַקס עריק — „אַ בינטל בריוו״ וועגן דער עלטערער ייִדישער ליטע־ראַטור״, אין ביבליאָלאָגישער זאַמלבוך, ז׳ 208 (וועגן מ. ווײַנרײַכס „בילדער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטורגעשיכטע״, ווילנע 1928). — עריקס רעצענזיע איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין מינסקער זאַמלבוך פּאַשיזירטער ייִדישיזם און זײַן ווײַסנשאַפֿט.

געווען די סאָוועטישע אײַנשטעלונג, וואָס האָט אומעטום געזוכט קלאַסיסטישע חילוקי־דעות. דאָס כאַראַקטעריסטישע דערבײַ איז דאָס, וואָס די לויבווערטער פֿאַר ווײַנרײַכן, וועלכע מ. ווינער האָט געזאָגט אין די באַזונדערע אַרבעטן, געדרוקט אין 1928 [32] און 1930 [33], זײַנען נישט אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דעם בוך פֿון 1940 און 1945...

אָבער נאָך דער גאַנצער פּאָלעמישער גאַליקייט און אָנשטרענגען זיך צו זאָגן באַקאַנטע מיינונגען אַנדערש, כּדי עס זאָל אויסזען פֿאַרקערט, ווי קאָמפּראָלעטאַריש, זײַנען ווינערס שטודיעס פֿון גרויסן ווערט. די גרינטלעכע סעגרעגירונגען פֿון ווערטלעך בײַ די וויכטיקסטע פֿיגורן פֿון סערקעלע, כּדי צו ווײַזן אין ציפֿערן, ווי עטינגער איז געווען שפּרודלדיק בײַ נעגאַטיווע טיפּן און ווי ער האָט זיך געצוימט בײַ פּאָזיטיווע פֿיגורן, איז אינטערעסאַנט און וויכטיק ביז גאָר. אַזוי, למשל, האָט ער אויפֿגעציילט בײַ סערקעלער 298 ריידאַרטן, בײַ יוחנן שדכן 158, בײַ ר׳ גבֿריאל הענדלער 121, בײַ שמעלקע טרויניקס 98; בעת בײַ די גוטע מענטשן איז דער באַלאַנס גאָר אַן אַנדערער: בײַ חיימען — 30 ריידאַרטן, בײַ חווהן 17, בײַ דעם פֿרעמדן 16, בײַ הינדען 13 און בײַ ירחמיאלן 6. וואָס בעסער דער מענטש איז בײַם קאָמעדיאָגראַף פֿון זאַמאָשטש, אַלץ ווייניקער ווערטלט ער זיך...

ווינער האָט אַרײַנגעוועבט עטינגערן אין דער פּראָבלעמאַטיק פֿון דער אוניווערסאַלער און ייִדישער ליטעראַטור. ער האָט טיכטיק געזוכט די השפּעות פֿון דראַמאַטורגן, פֿאַבוליסטן. פֿאַרגליכן אַ סך טעקסטן און געפֿונען, אַז אַפֿילו ווען ס׳איז ענלעך, איז עס גאַנץ אַנדערש — דאָס איז דער בעסטער אַטעסטאַט אויף עטינגערס אָריגינעלקייט. געפֿינענדיק קרובֿהשאַפֿט, השפּעות, האָט ווינער ספּעציעל

---

[32] מ. ווינער — „די ראָל פֿון שפּראַך־פֿאָלקלאָר אין דער ייִדישער ליטעראַטור", אין שריפֿטן, ב׳ 1, קיִעוו 1928.

[33] מ. ווינער — „די אויסגאַבע פֿון עטינגערס שריפֿטן" — ביבליאָלאָגישער זאַמלבוך, רעד׳ י. ליבערבערג, מאָסקווע־כאַרקאָוו־מינסק 1930.

זיך אָפּגעשטעלט אויף דער אַנאָנימער קאָמעדיע די גענאַרטע וועלט [34], אויף לעסינגס ווערק, אויף דעם רוס פֿאָנוויזין [35], זיך פֿאַרטיפֿט אין די געזעלשאַפֿטלעכע מאָמענטן פֿון דער צײַט, אין דער אויפֿקומענדיקער בורזשואַזיע, וואָס פֿאַרפֿלאַנצט צביעות און רופֿט אַרויס סאַטירע (עטינגערס פֿאַלשע צנועה אין וויטעלע) אָדער סענטימענטאַלע מעדיטאַציעס (אין דאָס ליכט, אַ פּאָעטישע טראַנספֿאָרמאַציע פֿון שילערס די גלאָקע). צוליב די אַלע אַנאַליזן איז וויינערס צושטײַער זייער אַ וואָגיקער און וויכטיקער.

גלײַכגעוויכט צווישן די אַלע מעטאָדן — עסטעטישע, געזעלשאַפֿטלעכע, דאָגמאַטישע, וויסנשאַפֿטלעכע — זוכט צו געפֿינען אין זײַן ליטעראַטור־געשיכטע ד״ר י. צינבערג, ווען ער שטעלט־פֿאָר, אויף 15 זײַטן, עטינגערס לעבן און שאַפֿן. דאָ איז פֿאַראַן אי ביאָגראַפֿיע, אין ענציקלאָפּעדישע ידיעות וועגן דער עפּאָכע, אי כאַראַקטעריסטיק פֿון מענטש, אי שאַצונג פֿון סערקעלע, משלים און עפּיגראַמען. צינבערג שטעלט זיך ספּעציעל אָפּ אויף עטינגערס מוסטערן פֿון זײַן סידור־איבערזעצונג, וואָס „האָט געזאָלט ווערן אַן אמתע ליטעראַרישע דערגרייכונג״, צוליב זײַן שפּראַך־עשירות און געפֿיל פֿאַרן טראַדיציאָנעלן יידישן סטיל. לסוף ווײַזט־אָן צינבערג אויף עטינגערס אָרט אין זײַן עפּאָכע, ווען „די מפּלה בײַ סעוואַסטאָפּאָל האָט אַמבולטסטן באַוויזן, ווי אָפּגעשטאַנען און פֿויל עס זײַנען די עקאָנאָמישע יסודות פֿון דעם ריזיקן רוסלאַנד״ און עס פֿאַנגט זיך אָן די „עפּאָכע פֿון גרויסע רעפֿאָרמען״, וואָס געפֿינט אַ הילכיקן אָפּקלאַנג אויך אויף דער יידישער גאַס״. דעמאָלט איז

[34] אויפֿן סאָוועטישן שטייגער רופֿט וו. אָן די גענאַרטע וועלט פֿאַרקירצט, ווי אַ פּאָפּולערע אינסטיטוציע — „אַגעווע״...

[35] 1792—1742. דענים איוואַנאָוויטש פֿאָנוויזין, מחבר פֿון ביז גאָר פּאָפּולערן טעאַטער־ווערק ניעדאָראָסל (נישט דערבאַקענער, נישט דערוואַקסענער), איז איינער פֿון די דערפֿאָלגרייכסטע שעפֿערס פֿון דער עלטערער רוסישער שטייגער־קאָמעדיע.

עטינגער געשטאָרבן — „געשטאָרבן בײַ דער סאַמע גרענעץ פֿון אַ נײַער תּקופֿה"[36].

ווערטער, ווערטלעך, ווערטן — עטינגערס וועג פֿאַר די קלאַסיקערס

נאָך הונדערט יאָר איז פֿון שלמה עטינגער געבליבן, חוץ אַ רײַכפֿאַרביק קאַפּיטל ליטעראַטור־געשיכטע, אַ ריזיקער רעזערוואָר פֿון ייִדישן לשון און שפּראַכקולטור. די הונדערטער שפּריכווערטער, די הונדערטער ריידאַרטן, פֿאַראייביקטע אין סערקעלע, אין די משלים און עפּיגראַמען, איז נאָך אַלץ אַ נישט־אויסגעשעפּטער קוואַל פֿאַר פֿילאָלאָגן און אַ לעבעדיק מויל, וואָס דאָס פֿאָלק דאַרף הערן ריידן. פֿון סערקעלע קען מען זיך לערנען ייִדיש, עכטע ייִדישע ווערטער, ווערטלעך, ייִדישן סטיל, ייִדישן שמועס, דיאַלאָג, אַרײַנזאָגענישן און אָנצוהערענישן, ווי מ׳האָט אַמאָל, ווען מזרח־אייראָפּע האָט געלעבט און געשאַפֿן, געקענט הערן אין די היימען, אויף די גאַסן, אויף די מערק. עטינגערס באַניצן זיך מיטן אַרטיקל, מין, בייגונג פֿון הויפּטווערטער, ווי פֿון צײַטווערטער, איז אַ פּערמאַנענטער אַרויסרוף צו גראַמאַטיקאָלאָגן, אַ דערמאָנונג אַז דאָס פֿעלד פֿון אונדזער שפּראַכפֿאָרשונג איז נאָך ווײַט ניט גענוג צעאַקערט...

עטינגערס סערקעלע דאַרף אָנצינדן בײַ דראַמאַטורגן אַ באַגער צו געפֿינען די גאָלדענע מיט פֿאַרן טעאַטער, ווי פֿאַר דער ליטעראַטור: אי אַרויסברענגען שאַרפֿע טיפּן, אידייען, מיליע; אי אָנפֿולן די בינע מיט האַנדלונג, קאָליזיעס, קאָנפֿליקטן, סיורפּריזן; אי שפּראַכלעך אָנטרינקען דעם צוהערער מיט מחיהדיקע זאַפֿטן פֿון פֿאָלקסגעטראַנק; אי סינקראָניזירן די שטימונג פֿון דער צײַט און אויפֿכאַפּן די בילדער פֿאַר דער געשיכטע. עטינגער שטעלט־פֿאָר אין סערקע־

---

[36] ד"ר ישראל צינבערג — די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן, באַנד 8, בוך 2, ז' 237 און 248, נ"י 1943.

לע, ווי דאָס קליינבירגערטום פּיקט זיך ערשט אַרויס, אָבער מ׳זעט שוין קלאָר די ווירקונג פֿון געלט. סערקעלע, רײַך געוואָרן דורך אַ שווינדל, לאָזט זיך אַוועק אויפֿן וועג פֿון אַ סך געמיינקייטן; באַלד נעמט מען זיך שעמען מיטן יידישן לשון און מ׳וויל זיך אַסימילירן; ר׳ גבריאל, אַ שפּעקולאַנט, איז צו יעדער מינוט גרייט צו פֿאַרזעצן דאָס געוויסן, ביז — ער גנבֿעט; דער שדכן חנפֿעט; דער שענקער פֿאַרדרייט מיט רייד; אָבער די וואָס גייען מיטן אמת, כאָטש אויף אַ צײַט צעממיתטע — זיגן סוף כּל סוף. עטינגער, דער משׂכּיל, איז אַ מילדער ייִד מיט אײדעלע חלומות, באַווירצט מיט הומאָר.

עס וועלן נאָך מסתּמא קומען פֿאָרשערס, וואָס וועלן פֿאַרענטפֿערן, ווי האָט עס געקענט געמאָלט זײַן, אַז עטינגער זאָל פֿאַרמאָגן אין זיך אַזוי פֿיל ווייכן שמייכל, בעת בײַ אים, אין פּריוואַטן לעבן, איז גאָר נישט פֿריילעך געווען[37]. אויך זײַן פֿרוי, אַ סוחרטע, איז נישט געווען פֿון זײַן וועלט. דאָך איז ער אַרומגעגאַנגען און געשמייכלט...

ווי אַ שפּילמאַן — אַרויסגעוויזן מאָדערנסטע סענסיביליטעט פֿאַר שפּראַך, קלאַנג און דיאַלעקט.

עטינגער האָט דער ערשטער אַרויסגעוויזן אַן אומגעהײַער שאַרפֿן חוש פֿאַר דיאַלעקטן: ווי עס ריידן ייִדן אין פֿאַרשיידענע געגנטן און ווי פֿון דער דיאַלעקטן־עשירות וואַקסט דער לשון, די עמפּינדלעכקייט, די קעגנזײַטיקע באַרײַכערונג.

מענדעלע האָט בײַ אים געהאַט וואָס צו לערנען און שלום עליכם אַוודאי און אַוודאי.

שלמה עטינגער — דער עלטערזיידע פֿון דער ייִדישער ליטע־ראַטור — איז אַ ייִד פֿון 19טן יאָרהונדערט בײַ וועמען עס קען געניסן און לערנען אַפֿילו דער מאָדערנסטער ייִד פֿון 20סטן יאָרהונדערט.

---

[37] הינדע און מאַרקוס, שלמה עטינגערס קינדער, וואָס זייערע נעמען טראָגן צוויי אײדעלע טיפּן אין סערקעלע, האָבן זיך געשמדט (אין 1824 און 1830), ווי דאָס איז צו זען פֿון ד״ר יצחק שיפּערס פֿאַרשאַרבעט „ד״ר שלמה עטינגערס וואַרשעווער קרובים און פֿריינד״, אין ייוואָ־בלעטער, ווילנע 1932, ב׳ 4—5.

ער איז דער פֿאָרגייער, וועלכער האָט נישט אָנגעווירן זײַן ווערט און זײַן גלאַנץ אויפֿן פּרובירשטיין פֿון צײַט. פֿאַרקערט. אין שטויבליכט פֿון דיסטאַנץ, אין שפּאַקטיוו פֿון ליטעראַטור־פֿאָרשונג, נאָכן אַרײַנלייענען זיך און לערנען פּרשת עטינגער, ווערט אַלץ מער צוזיִענדיק און האַרציק זײַן געשטאַלט, ווי זײַן ירושה פֿון קאָמעדיע, משל און עפּיגראַם.

שלמה עטינגער פֿירט אונדז אַריבער צו די קלאַסיקערס.

ער איז אַ משׂכּיל מיט אינטויִציע פֿון פֿאָלקס־ראָמאַנטיק.

אַ באַנײַער פֿון יידיש, ווי פֿון ליטעראַרישן טאָן און נוסח.

עטינגער האָט אַרײַנגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור גאָר אַן אַנדער געמיט. טאַקע אַ ביסל מיטגעגאַנגען מיט דער צײַט, אָבער נאָך מער זיך קעגנגעשטעלט אָנגענומענע פּירונגען פֿון דער צײַט. עס איז געווען אין דער מאָדע סאַטירע — האָט ער געוויזן אין קרומען שפּיגל פֿון סאַטירע, ווי קאָמיש עס זעען־אויס מענטשן, ווען זיי זײַנען פֿאַלש, צווייפּנימדיק, אָנגעבלאָזן. אים איז אָבער ליבער געווען צו ווײַזן שוואַכקייטן פֿון מענטשן, ווי פֿון כּלל, אין געשליפֿענעם שפּיגל פֿון מילדן געלעכטער — איז עטינגער דער ערשטער אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס פֿאַרנעמט זיך אויפֿן וועג פֿון הומאָר. מיט אַ וואַרעמען געמיט באַשמייכלט ער זײַנע דאגות, צרות און אַנטוישונגען אין לעבן. ער טובלט־אָפּ אין הומאָר בייזע און פֿאַרכמורעטע טענות פֿון דער השׂכּלה. מיט ליבשאַפֿט. גוטברודעריש. פֿאַרטרווילעך. מיט שטימונגען פֿון אַ לירי קער. דאָס דאָזיקע געמיט און דער הומאָר פֿון עכטן יידן און קינסטלער דערנענטערט אים צו אונדז. עס ווייט פֿון אים מיט היימישער פֿאָלקסטימלעכקייט און מיר קענען פֿון אים עד היום געניסן עסטעטיש און עטיש. פּונקט ווי ער קען דינען פֿאַר אַ בײַשפּיל פֿון אַ סך מידות טובֿות. ווי אַ שרײַבער מיט חשיבֿות. ווי אַ פֿײַנשמעקער וואָס האָט נישט פֿאַרטראָגן קיין סאָציאַלע עוולות און פֿאַרדאַרבנקייט אין דער אייגענער סבֿיבֿה. ווי אַן אויסלאַכער פֿון באַלעבאַטישער צבֿיעות און אַסימילאַציע — קרענקלעכע טענדענצן וואָס צעשפּרייטן זיך שוין אין דער

ייִדישער געזעלשאַפֿט פֿון 19טן יאָרהונדערט. עטינגער דערשייַנט פֿאַר אונדז ווי אַ ייִד וואָס האָט דעם קאָפּ נישט פֿאַרלוירן אין דער גוייִשער וועלט נאָכן לערנען אין אוניווערסיטעטן און ווי אַ וואָרטקינסטלער וואָס האָט געפֿונען גלייַכגעוויכט צווישן אינטעליגענט און עמך.

עטינגער איז דער פֿאָרגייער נישט בלויז פֿון דער ייִדישער וואָרטקונסט, נאָר אויך פֿון דער נייַער ייִדישער קולטור, וואָס איר אידעאַל איז — ייִדישקייט וואָס זאָל זייַן מענטשלעך, אָרנטלעך לגבי זיך און לגבי יענעם, געזעלשאַפֿטלעך אָריענטירט, הומאַניסטיש אינספּירירט, מיט האַרמאָנישן געפֿיל פֿאַר אינערלעכער און אויסערלעכער שיינקייט.

שלמה עטינגער, אַ פֿאָלקסדאָקטער, האָט אין זייַן ליטעראַרישן עזבון איבערגעלאָזט רפֿואות פֿאַר דער וועלט פֿון מענדעלע, פּרץ און שלום עליכם.

שמואל ראָזשאַנסקי

דאס ליכט

פּאָעמע

ווי צוגעמויערט צום קוימען שטייט
דער קעסל, מיט חלבֿ ביז צום ראַנד;
נאָך הײַנט מוזן די ליכט זײַן גרייט.
רירט אײַך, יונגען! זײַט'ס אַלע בײַנאַנד.
פֿון דעם פּנים הייס
קאַפּען מוז דער שווייס,
ווען די מלאָכה זאָל דעם מײַסטער לויבן;
אָבער די ברכה קומט נאָר פֿון אויבן.

צו דער מלאָכה, וואָס מיר מאַכן אַצינד,
שיקט זיך עפּעס אַן ערנסטער שמי'ס [1];
וואָרן נאָר די אַרבעט מאַכט זיך געשווינד,
וואָס מען רעדט דערבײַ אַ וואָרט אַ זיס.
לאָמיר זשע מיט פֿלײַס איצט איבערקלערן,
וואָס מיט אונדזער אַרבעט קען אַלץ גיין פֿיר;
פֿאַר דעם שוטה מעג מען זיך פֿאַרשווערן,
וואָס מאַכט פֿאַרטיק און קלערט נישט נאָך פֿרי'ר.
דאָס איז דאָך בײַם מענטש ערשט דאָס שיינע,
צו דעם האָט ער אין חכמה אַ כּוח,
ער זאָל אַפֿילו אַ מלאָכה אַ קליינע
פֿריִער איבערקלערן בײַ זיך אין מוח.
טרוקענע קוילן ברענגסט נאָך אַהער,

---

[1] (פּוילישער דיאַלעקט) שמועס.

סערקעלע

אָדער

די פֿאַלשע יאָרצייט

קאָמעדיא אין פֿינף אַקטען

געשריבען אין

לעמבערג

וואַרשא

תרל״ו

ФАЛЬШИВАЯ ТРИЗНИЦА

Комедія въ пяти актахъ

Новое изданіе изъ Іоаннисбургскаго изданія 1861 г.

въ Типографіи Ю. Лебенсона въ Варшавѣ,

на улицѣ Налевки № 9.

1875.

שלמה עטינגער.

משלים.

װאַרשע. 1929.

עטינגערס כתבים אין צוויי חלקים

אַרויסגעגעבן לויט די מאַנוסקריפּטן מיט

אַ ביאָגראַפֿישן און ביבליאָגראַפֿישן

אַריינפֿיר און מיט הערות פֿון

ד״ר מאַקס ווײַנרײַך

ווילנער פֿאַרלאַג פֿון ב. קלעצקין / 1925

ש. עטינגער

מעשאָלים

מלוכה־פֿאַרלאַג

פֿאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהײטן

קיִעוו • 1928

4 שער־בלעטער פֿון 4 אויסגאַבעס פֿון שלמה עטינגערס שריפֿטן

דאָס פֿײַער זאָל זײַן אַ סך גרעסער:
וואָרן וואָס די היץ איז אַלץ מער,
קאָכט זיך תּמיד דער קעסל בעסער.
דער חלבֿ צעשטאָכן!
ער זאָל גוט אויסקאָכן,
עס זאָל אויס דעם פֿעטן געקעכטס
טאַקע ווערן אַ גוט גערעכטס[2].

דאָס, וואָס מיר ווילן דאָ מאַכן
און מיר צעשמעלצן איצט אין פֿײַער,
וועט אַ מאָל דערקלערן זאַכן,
וואָס זײַנען בײַ אונדז גאַנץ טײַער.
צי וועט זײַן אַ שׂמחה, צי אַ לייד,
וועט עס געבן צו דערקענען,
און נישט מיט ווערטער, נישט מיט רייד,
נאָר אַז מען וועט עס זען ברענען;
פֿון דער צײַט, וואָס מען ווערט געבוירן,
צי גייט עס גוט, צי גייט עס שלעכט,
ביז מען ווערט פֿון דער וועלט פֿאַרלוירן,
וועט אַלץ דערקלערן אונדזער לעבט.
ווײַסע בלעזלעך זע איך שווימען,
דער חלבֿ הייבט־אָן צו צעגיין,
פֿאָטאָש[3] דאַרף דערצו צוקומען,
וועט ער ווערן פֿון פּסולת ריין.
נאָר גיך! נישט געזוימט!
געשווינד, נאָר געשוימט!

---

[2] געריכט, מאכל. — [3] אַ מין סאָדע, כעמישער פּראָדוקט (באַנוצט אויך צום וואַשן).

ריין און קלאָר מוז דער חלבֿ זײַן,
אַז ער זאָל געבן אַ קלאָרע שײַן.

באַלד ווי דאָס קינד קומט פֿון דער מוטער,
ווייס ער נישט וואָס איז זיס, וואָס ביטער,
אין דער צײַט ליגן נאָך פֿאַרבאָרגן
זײַנע אַלע שׂמחות און זאָרגן.
איצט קומט ער אויף דער וועלט אַרויס,
ווי פֿון אַ פֿינצטער אַ טרוקן הויז.
דאָס ערשטע איז די ליכטיקע שײַן
וואָס פֿאַלט אים אין די אויגן אַרײַן:
ער קען זיך מיט איר נישט דערקוויקן,
ער קען אין איר נישט אַרײַנקוקן.
מיט דעם גרויסן ליאַרעם און געוויין
קומט ער אויף דער וועלט אַרויסצוגיין.
די מאַמע, די קימפּעטאָרין,
צוזאַמען מיט דער וואַרטאָרין [4]
גיבן זיך, נעבעך, אַלע מי
און דעקן אים די אייגעלעך צו.
נאָר אַ ליכט צינדט מען אָן אין ווינקל.
עס מעג זײַן ליכטיק, מעג זײַן טינקל;
ווײַל די אַלטע דבֿורה
ציטערט זײַער, זי האָט מורא,
די שדים זאָלן נישט קימען
פֿון איך ווייס נישט ווו צו שווימען
אָדער אויף קאָטשערעס צו רײַטן,

---

[4] היטערקע ביי דער קימפּעטאָרין, געהילף ביי דער הייבאַם, אַקושאָרין.

דאָס זיסע קינד לעב [5] צו פֿאַרבײַטן.
און די שדים אַװעקצוטרײַבן,
דאָס קינד זאָל דאָס אײגענע בלײַבן,
קען נאָר דערהיטן אונדזער לעכט,
אַכט גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט:
װאָרן עס דױערט אַזױ לאַנג דער שטית [6],
ביז עס קומט דער טאָג פֿון ברית.

נאָך חלבֿ לאָז מען גיך צושיטן;
דער קעסל איז אַ סך נישט פֿיל;
ער האָט אײַנגעקאָכט ביז אין מיטן,
כאָטש ער קאָכט זיך אַזױ גאָר שטיל.
לאָז מען די טישן
גאַנץ רײן אָפּװישן!
כּסדר די פֿאָרמעס גלײַך געשטעלט,
ליכט װעלן מיר מאַכן פֿאַר דער װעלט.

אין אַ גוטער, מזלדיקער שעה!
דער טאָג פֿון ברית איז למזל דאָ.
אַ שׂמחה איז אין דעם גאַנצן הױז,
די קימפּעטאָרין פֿון בעט אַרױס,
עס שטײט שױן פֿאַרבעט װי אַ געצעלט,
דער טיש איז מיט לײַכטער באַשטעלט:
און אײַנגעמאַכטס, לעקעך, נאַשערײַ
מעג איטלעכער נעמען פֿראַנק־און־פֿרײַ.

אין גילדן געשטריקענע קלײדער
און גאָר מאָדנע געשלײערט כּסדר,
אָנגעלענט בײַם טיש אױבן אָן,

[5] זאָל לעבן און געזונט זײַן! — [6] שטות.

זיצט די קימפּעטאָרין אָנגעטאָן.
מיט נחת האָט איר גאָט פֿאַרגאָלטן
די קללה, וואָס ער האָט זי געשאָלטן.
די ווײַבער קומען, אָנגעטאָן שיין,
מזל־טובֿ ביטן צו איר צו גיין.
איטלעכע ווינטשט איר גאָר באַזונדער,
זי זאָל דערלעבן די קינדסקינדער!
איצט ווערט געשמועסט, געשמייכלט, געלאַכט,
פֿון יונגע ווײַבלעך חוזק געמאַכט,
ווײַל דער מנהג איז אַזוי אין לאַנד.
איטלעכע נעמט דאָס קינד אויף דער האַנט.
נאָר דער נעבעך גיט מען נישט דאָס קינד,
וואָס טראָגט איינס בײַ זיך אַליין אַצינד.
און דאָס ווײַבל, שיין ווי אַ פּאַווע,
טרינקט דערבײַ איר שעלעכן קאַווע,
רויט ווי פֿײַער ווערט איר בעקעלע,
זי פֿאַרדעקט, נעבעך, איר פּעקעלע.
אַ גרויס גערודער, ווי אין אַ מיל,
איז איצט דאָרט אין דער הייליקער שיל.
אויף איטלעכן לײַכטער גאַנץ געדיכט
ברענען זיך גאָר אָן אוצר מיט ליכט,
מען זעט נישט ליידיק אַפֿילו איין רער;
שמשים לויפֿן אַהין און אַהער,
דער בעל־ברית אין דעם נײַעם קאַפּטן
מיט זײַנע קרובֿים און קונדשאַפּטן
אין טליתים מיט ברייטע עטרות
הערן זינגען דעם שיינעם „וכרות“,
און דער חזן מאַכט אַ געלענק,
מען שטעלט זיך אַזש אויף די בענק.
איצט איז דאָס דאַוונען שוין פֿאַרבײַ.

— „קוואַטער"! — גיט דער שמש אַ געשריי;
פֿון דער זיסער כּלה, די שיינע,
נעמט דער חתן דאָס קינד, דאָס קליינע,
פֿון אים נעמט דער רבֿ, אין צדקות גרויס,
און לייגט זיך אַנידער אויף דער שויס,
און ווי אַבֿרהם, אונדזער זיידע,
האָט געבראַכט זײַן זון אויף דער עקדה,
שטייט גאָר פֿרום דער פֿאָטער בײַ זײַן קינד,
אים צו לאָזן מל זײַן אַצינד.

עס קומען פֿון צווישן דעם עולם
דרײַ גאַנץ געשיקטע פֿרומע מוהלים,
איינער איז חיתּוך, איינער פּריעה,
איינער מציצה, צום בלוט אַ רפֿיאה [7].
איצט מאַכט דער פֿאָטער הויך די ברכה
מען ווינטשט מזל־טובֿ דער משפּחה,
דעם קינד ווערט אַ נאָמען געגעבן,
און אַזוי הייסט ער בײַ זײַן לעבן,
דער גאַנצער עולם ווערט פֿאַרבעטן,
דער שמש וויל קיינעם אָפּטרעטן,
קיינער טאָר ניט זאָגן דאָס וואָרט ניין,
איטלעכער מוז אויף דעם ברית מיטגיין.
דאָרט ווערט געטרונקען און געגעסן,
און אין אָרעמע לײַט ניט פֿאַרגעסן;
דער חזן באַווײַזט אויך זײַן כּוח
און זינגט די מי שבירכס גאַנץ הויך;
זיי זיצן, שמועסן און דערציילן,
און לאַכן בײַם רעשינקע [8] טיילן,

[7] רפֿואה. — [8] טאָרט, באַפּוצט מיט די ווערטער מזל־טובֿ, וואָס מ׳שיקט דעם בעל־שׂמחה.

דערנאָך בענטשן זיי און לויבן
אונדזער הייליקן גאָט דאָרט אויבן;
ווינטשן גרויס גליק דער מאַמען און טאַטן,
און גייען צום משׂא ומתּן. —

די ליכט זאָלן בעסער ניצן,
טוט אַ ביסעלע מעל אַרײַן,
וועלן זיי שוין נישט מער שפּריצן
און וועלן אַ סך קלערער זײַן.
נעמט־אַרויס די צויטן!
גלײַך געשטעלט די קנויטן!
וועט נאָר די קנויט אין דער מיט שטיין,
וועט זי ברענען גאַנץ קלאָר און שיין.

ווי דימענטן און בריליאַנטן קלאָר
זײַנען בײַ די מענטשן די קינדעריאָר;
זיי זײַנען גאָר נישט צו דערצאָלן,
זיי זײַנען גאָר נישט צו דערמאָלן.
מיט גרויסער שׂמחה, מיט גרויסער לוסט
זויגט די מוטער איר קינד בײַ דער ברוסט;
איר לעבן פֿאַר זיך הערט־אויף אַצינד,
זי לעבט פֿון איצט אָן נאָר פֿאַר איר קינד,
זי פֿאַרגעסט שוין גאָר אין דעם שפּיגל,
זי זיצט ליבער בײַ איר קינדס וויגל
און קלערט און טראַכט, ער זאָל אַלץ האָבן,
מיט וואָס אַ קינד קען זיך דערלאָבן[9].
באָדן, וויקלען, נייען און העפּטן
זײַנען בײַ טאָג אירע געשעפּטן;
און בײַ נאַכט זינגט זי זיך אַ ניגון,

[9] פֿאַרגינען (זיך פֿאַרנעמען).

דאָס זיסע קינד לעב אײַנצװױגן.
און װער איז אין שטאַנד צו דערציילן,
װי זי מוז זיך, נעבעך, ערשט קװיילן[10],
װען דעם קינד קומען אַרויס די ציין,
װען ער הייבט־אָן אַ ביסעלע צו גיין?
דאָ האָט ער זיך דערגליט אויף פּאָקן,
דאָ כאַפּט ער אַן איבעריקן בראָקן[11],
דאָ האָט דער מלמד שטאַרק געשלאָגן,
שפּעט דער באַהעלפער מיטאָגס געטראָגן,
דאָ איז װידער אַ לייד, אַ צרה,
ער קען נישט שבת די גמרא...
אַזוי גייט־אַװעק אַ לאַנגע צײַט,
ביז דאָס קינד לעב װערט טאַקע אַ לײַט.

דאָס בחורל האָט אַ שם געקריגן,
פּאַר אַ גרויסן עילוי אַ קליגן.
עס יאָגן זיך שוין די שדכנים,
זאָגן־צו אַ גאַנץ סך מזומנים,
שװינדלען, מאַכן כּל הפּסלנות[12],
זאָגן־צו מער קעסט און מתּנות,
און שװערן זיך כּפל־כּפּלים,
אַז דער שידוך איז משמים.
חתן־כּלה מוזן אויך װעלן,
װײַל עס איז די מאַמעס געפעלן.
איצט גייט שוין אַלץ צו גאָר װי געשמירט,
דער שידוך איז למזל אויסגעפירט.
איצט טוט זיך ערשט װי אויף אַ יאַריד;

[10] באַלעסטיקן, מזען, זיך מאַטערן. — [11] ביס, אַ ברעקל. — [12] אַלע מיני געמיינקייטן, פּאַסקודסטװעס.

שנײַדערס אין קירזשנערס נייען זיך מיד:
מען קאָכט, מען באָדט, מען פּרעגלט און פּרעסט;
מען ריכט זיך אויף אַן אוצר מיט געסט.
דער חתן חזרט זיך דאָס פּשטל
און דער מחותּן מאַכט דאָס גאַסטצעטל,
און שבת־צו־נאַכטס פֿון שבת נחמו
שפּילן די קלעזמער זמירות צו.

דינסטיק, דעם טאָג דעם דאָפּלט גיטן,
הייבן זיך אָן די געסט צו שיטן.
אַ גרויס געררודער, אַ גרויס געזום,
בחורים זעצט מען בײַם טיש אַרום,
דער חתן זיצט אין יום־טובֿ־קליידער,
נעבן אים די חבֿרים פֿון חדר.
זיי פּלוידערן, שמועסן ווי קינדער,
פֿון קאָמעדיעס, קונצן און ווינדער,
און באַהעלפֿערס שטייען אַרום און האַרן,
בײַ זיי דאָס שאַצגעלט אַרויסצונאַרן.
אויף דעם טיש שטייט אַ זילבערנע טאַץ,
מען פֿאַרקויפֿט דעם חתנס ערשטן פּלאַץ.
און ווער עס באַצאָלט פֿאַרן פּלאַץ מיין [13],
דער זיצט נעבן דעם חתן אַליין.
איצט קומען צום קבלת־פּנים
די מחותּנתטעס און מחותּנים,
דער שטאָט־רבֿ מיט די דיינים,
אַלע קרובֿים, פֿרײַנד און למדנים,
אַלע מיט גרויסע ים־שטעקנס,
פֿון דאַנען צו גיין צו באַדעקנס.

---

[13] מערער.

אין אַ באַזונדער הויז דאָרט דערנעבן
טאַנצן מיידלעך, שפּרינגען און שוועבן,
איטלעכע באַזונדער, פֿון גרויס ביז קליין,
אין זײַדנצײַג אָנגעטאָן גאַנץ שיין,
און די קלעזמאָרים שפּילן זיי צו
שוין תּיכּף זייגער צען אין דער פֿרי.
די שענסטע פֿון די מיידלעך אַלע
איז אונדזער לויכנדיקע [14] כּלה.
שיין צום לעצטן מאָל פֿאַרקעמט דעם קאָפּ,
צום לעצטן מאָל פֿאַרפֿלאָכטן דעם צאָפּ.
האָט ווי די זון איר פּנים געשײַנט
אין איר הייליקן חופּה־טאָג הײַנט;
נעבן אירע צוויי רויטע בעקעלעך
הענגען זיך אַראָפּ צוויי בינט לעקעלעך,
גאָר אַזוי ווי צוויי בינט ווײַנטרויבן,
און האָט אייגעלעך ווי די טויבן.
איר גוף איז שיין צונאַנד געשנירט,
איר ווײַס העלדזל מיט צירונג געצירט;
קורץ, אַלץ וואָס זי גייט אָנגעטאָן,
שטייט צו איר פּנימל גאַנץ שיין אָן.
זי טאַנצט און שמועסט מיט זיסע ריידעלעך
מיט אירע חבֿרטעס, די מיידעלעך.
ווײַבער קומען פֿון אַלע עקן,
די כּלה וועט מען באַלד באַדעקן.
מען זעצט זי אַנידער אויף אַ שטול,
דער קלעזמער גיט וויינענדיק אַ שפּיל,
דער מאַרשעליק הייבט־אָן גראַמען זאָגן,
די ווײַבער יאָמערן און קלאָגן,

[14] לייכטנדיקע, שיינענדיקע.

די כלה פֿאַרלירט שיִער איר געזינט,
זי וויינט, קלאָגט ווי אַ פּיצעלע קינד.
פּלוצלינג גיט דער מאַרשעליק אַ געשריי:
— אין אַ מזלדיקער שעה, טראַלאַליי!
עס עפֿענען זיך אויף ביידע טירן
און דעם חתן ברענגען צו פֿירן
דער רבֿ, די קרובֿים און מחותּנים,
און באַדעקן דער כלהס פּנים.
איצט איז דער ליאַרעם אָן אַ שיִעור:
„מזל־טובֿ״! — ווינטשט מען נאָך מער ווי פֿריִ׳ר,
און די כלה מוז נאָך דעם געוויין
מיט איטלעכער ייִדענע טאַנצן גיין —
דאָס פּנים מיט דעם דעקטוך פֿאַרדעקט.
מיט דעם איז דאָס באַדעקנס געעקט.
אין אַ שעה אַרום ווערט שוין ווידער
אַ גרויס געראַש, אַ גרויס גערידער:
אַ סך לאַמפּערטעס, גאַסניונגען,
שרײַען, לאַכן, לויפֿן און שפּרינגען.
דער מאַרשעליק מאַכט גרויס לצנות
ער טראָגט דער כלה די מתּנות.
אין דעם שטערנטיכל אָנגעטאָן,
טראָגט ער אַ שפּיגל נאָר אויף אַ צאָן,
אַ פֿאַרטוך, אַ שפּיץ, אַ געשלידער,
אַ שיינעם קרבן־מנחה־סידור,
זײַדענע זעקלעך, שיך מיט קלעצל,
טראָגט אויף אַ זילבערן טעצל;
די מיידלעך הייבן־אָן צו לאַכן,
ווי מען ברענגט דער כלה די זאַכן,
און די כלה, בלייך פֿון תּענית,
פֿרייט זיך כאָטש מיט אירע מתּנות.

אין שטוב הייבט־אָן ליכטיק צו ווערן,
ליכט צינדט מען אָן אין אַלע רערן;
אַלע גלעזערנע לײַכטערס פֿינקלען,
עס איז ליכטיק אין אַלע ווינקלען;
ליכט ברענען אין העסעס[15] אויף אַלע ווענט,
די אויגן ווערן שיִער נישט פֿאַרבלענדט;
לאָמפּן שטייען אויף אַלע טישן,
און זילבערנע לײַכטערס דערצווישן[16].
גאָר באַזונדער פֿון די ליכט אַלע
צינדט אַליין אָן די ליכט די כּלה,
ווײנט און פֿאַרגיסט טרערן אָן אַ צאָל,
לויבט גאָט און בענטשט ליכט צום ערשטן מאָל.

איצט קומען ווײַבער גאַנצע קופּעס,
שיין אָנגעטאָן אין ווײַסע יופּעס,
דער מאַרשעליק, אויפֿגעהערט צו לצן,
שרײַט מען זאָל די כּלה באַזעצן.
ער זאָגט איצט ווערטער טאַקע גאַנץ פֿרום,
ווײַבער שטייען בײַ דער כּלה אַרום,
דעם מאַרשעליקס רייד צוצוהערן
און פֿאַרגיסן אַ באָד מיט טרערן.
ער זאָגט איר, אַז בײַ אָרעם און רײַך
איז אַ חופּה־טאָג דעם יום־כּיפּור גלײַך;
און אַז זי וועט שטאַרק ווײנען אַצינד,
וועט איר גאָט מוחל זײַן אירע זינד.
און די כּלה פֿאָלגט אים וואָס ער זאָגט,
ווײנט גאָר יאָמערלעך, העשעט און קלאָגט,
איר פּנים ווערט אַלע מאָל בלאַסער,

---

[15] וואַנטלייכטערס (פּאָר ליכט). — [16] צווישן זיי.

זי פֿאַרגיסט טרערן גאָר ווי וואַסער.
די ווײַבער שטופּן זיך קעפּ אויף קעפּ,
צו פֿלעכטן דער כּלהס שיינע צעפּ
און שמירן מיט האָניק אירע האָר,
גאָט זאָל איר פֿאַרזיסן אירע יאָר.
מיט דעם האָט דאָס באַזינגען אַן עק,
די קלעזמער גייען צום חתן אַוועק.

אַזוי ווי בײַ שיף אָן אַ רודער,
איז איצט בײַם חתן אַ גערודער.
מען שטייט אויף בענק און אויף טישן,
דאָ וויינט מען, דאָרט לאַכט מען דערצווישן,
קרובֿים, ייִדן, ווײַבער און יונגען
הערן צו דעם חתן באַזינגען.
דער מאַרשעליק שרײַט אַלע מאָל „שטילו!“,
און מען מאַכט ליאַרעם וויפֿל מען וויל.
די שטוב איז אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן,
מען רופֿט שוין אויס דעם חתן בענטשן,
די מחותּנים בענטשן מיט געוויין
און די ווײַבער יאָמערן נאָך מיין.
צוויי גאַנץ גרויסע לײַט, צוויי רעגירערס,
זײַנען דעם חתנס אונטערפֿירערס,
זיי העלפֿן אים אָנטאָן דעם קיטל
און די שיינע יום־כּיפּור־היטל.
צוויי הבֿדלות, גאַנץ שיין געבונדן,
ווערן פֿון זיי איצט אָנגעצונדן;
נעמען דעם חתן אונטערן אָרעם,
אַ מאַרש שפּילן אויף די קלעזמאָרים,
די קעסלפּויקן און טראָמפּייטן,
מיט פֿידלען, צימבלען און מיט פֿלייטן,

און מיט מענטשן אַ גאַנצע קופּע
פֿירט מען דעם חתן צו דער חופּה,
צו דער הייליקער שול, פֿראַנק און פֿרײַ,
גאָר איבער דעם גאַנצן מאַרק פֿאַרבײַ,
איטלעכער לויפֿט איבער שטאָק און שטיין.
אַ מצווה צו אַ חופּה צו גיין,
אונטער דער חופּה, ווי אַ געצעלט,
האָט מען דעם חתן אַהינגעשטעלט
און גיך לויפֿן די קלעזמערס אַצינד,
צו ברענגען די כּלה גאַנץ געשווינד;
מען בענטשט זי אויך, ווי דעם חתן פֿריִער,
דאָס ווייבען האָט איצט גאָר קיין שיִעור.
די זיסע כּלה, בלייך ווי די וואַנט,
פֿירן אונטערפֿירערקעס בײַ דער האַנט;
דער שײַן פֿון זייערע צוויי הבֿדלות
איז ווי פֿון הימל צוויי מזלות.
ווײַבער שיטן זיך נאָך גאָר גוזמאות,
פּלוידערן אַ סך פֿון זייערע נײַן מאָס.
מיט דער כּלה קיין שהיות געמאַכט,
האָט מען זי גיך צום חתן געבראַכט.
די אונטערפֿירערקעס דרייען זיך פֿרום
דרײַ מאָל מיט איר אום דעם חתן אַרום;
„מי אַדיר" גיט דער חתן אַ זונג
און דער באַס האַלט־אונטער ווי אַ יונג.
אַ שיינער ייִד פֿון דער משפּחה
מאַכט איצט הויך די ערשטע ברכה,
און דער חתן, כאָטש פֿון תּענית מאַט,
זאָגט־נאָך וואָרט פֿאַר וואָרט דעם „הרי את"

און טוט אין איין וועגס אָן גאַנץ סמיאַלע [17]
דאָס פֿינגערל דער שיינער כּלה.
דער רבֿ אין מסדר־קידושין שיין
און גיט די כּתובה געשווינד אַליין,
דערנאָך צעטרעט דער חתן אַ גלאָז,
די אַנדערע ברכה זאָגט אַ באַלעבאָס.
די קלעזמערס שפּילן לוסטיק, געשמאַק,
און די ווײַבער פּאַטשן־צו צום טאַק
חתן־כּלה גייען ביידע בײַנאַנד,
פֿירן זיך ביידע אונטער דער האַנט,
איטלעכער ווינטשט מזל־טובֿ און גליק,
און מען גייט לוסטיק אַהיים צוריק.
נעבן דעם טאַטן מיט דער מאַמען
זעצט מען חתן־כּלה צוזאַמען;
און מען דערלאַנגט זיי שוין, נעבעך, אויך
די פֿעטע, זיסע, גילדענע יויך.
איצט איז ערשט אַ גרויס נחת, אַ פֿרייד,
אומעטום ווערט איצט צו טיש געגרייט;
די געסט קומען צונאַנד בײַ צײַטן,
זיצן בײַם טיש פֿון אַלע זײַטן.
מען הייבט־אָן צו געבן צו עסן,
עס ווערט אין קיינעם נישט פֿאַרגעסן;
מען גיט אַלע מאָל אויף אַ נײַ געקעכטס
און ווידער אַ נײַ מאָדיש גערעכטס;
און מען דאַרף נאָר צו געבן אַ ווונק,
דערלאַנגט מען תּיכּף דעם בעסטן טרונק.
דער פּאָרטער איז גוט, דער מעד איז פֿײַן,
מען טרינקט צו לחיים בײַ גוטן ווײַן.

---

[17] מוטיק, מיט קוראַזש.

עס ווערט אַ ביסל געשמועסט, געלאַכט,
פֿון מי שבירכס געמאַכט.
דער מאַרשעליק שטעלט זיך אויף אַ באַנק
און רופֿט־אויס הויך דאָס דרשה־געשאַנק.
די קלעזמער שפּילן אַ שטיק אַ שיינס,
דער בדחן מאַכט אַן אָנשטעל אַ קליינס.
און נאָך שבֿע־ברכות, בײַם בענטשן,
גייען־אַוועק עטלעכע מענטשן;
נאָר יענע גייען נאָך נישט אַוועק,
וואָס ווילן בלײַבן גאָר ביז צום עק.
עס בלײַבן־איבער ווילע יונגעץ,
וואָס ווילן טאַנצן, אַ ביסל זינגען.
מען רופֿט־אויף דעם עולם אין גאַנצן,
איטלעכן מיט דער כּלה טאַנצן.
דער בדחן באַווײַזט איצט זײַן קונצשטיק
און זאָגט גראַמען אַהין און צוריק;
ער מאַכט אין פּסוקים גרויסע גרײַזן,
ער זאָל נאָר קענען זײַנס באַווײַזן,
אַז פֿון דעם פּסוק איז געדרונגען,
אַז ער מוז דעם חתן באַזינגען.

דער עולם ווערט לוסטיק אָן אַ מאָס,
איטלעכער שרײַט, ער וויל ווײַזן אַ גלאָז.
דעם חתן, צווישן זיך גענומען,
לאָזט מען צו דער כּלה נישט קומען.
זיי ווערן גאָר אַלע ווי פֿאַרמישט,
וואָס איינער וויל, וויל דער אַנדערער נישט.
דער שרײַט: „קלעזמער! שפּיל מיר אַן אונגערי!"
דער: „ניין, שפּיל בעסער אַדוני מלך!"
דער שרײַט, מען זאָל שפּילן אַקעגן,

און דער שרײַט, מען זאָל שוין פֿירן לייגן.
דאָרט רירט שוין אײנער קוים מיט דער צונג
און שרײַט, מען זאָל באַלד שטעלן אַ טרונק:
„גוואַלד, קינדער, עס איז שוין נאָך דרײַ!"
מאַכט די מחותנתטע אַ געשריי.
דער עולם הערט נישט אויף משוגע צו זײַן,
מען שרײַט: „גיט תּיכף ווײַן! גיט נאָך ווײַן!"
דער קלעזמער שטייט שלעפּעריק און ריפּעט [18]
און דער עולם דאַצקעט און טיפּעט [19].
און דעם חתן צו באַפֿרײַען,
און דעם עולם נישט מער צו הײַען [20],
שטעלט מען טאַקע דעם טרונק דעם גרויסן. —
דאָס איבעריקע מעג מען זיך שטויסן.

מיר מוזן זיך אַ ביסל אײַלן,
הייבט־אָן אָנצוגיסן די רערן!
מיר טאָר'מיר זיך נישט מער פֿאַרווײַלן,
מען מוז פֿאַר שבת פֿאַרטיק ווערן.
— נישט ליידיק געשטאַנען!
— דערלאַנגט מיר די פֿאַנען!
דער מוז אין דער וואָכן גוט שוויצן,
דער וואָס וויל שבת ליידיק זיצן.

אַלע באַשעפֿענישן וואָס לעבן
אויף דער ווײַטער, גרויסער, שיינער וועלט,
האָט גאָט אַ גוט אײַנהיל געגעבן,
וואָס זאָל זיי פֿאַרהיטן פֿאַר דער קעלט.
מיט שופּן האָט ער די פֿיש באַדעקט,

[18] סקריפּעט, קראַצט. — [19] האָצקעט (שפּרינגט און שאָקלט זיך) און טופּעט (קלאַפּט מיט די פֿיס). — [20] ./ חייען / דערקוויקן.

מיט פֿעדערן די פֿייגל באַשטעקט,
חיות, בהמות האָט ער פֿעל געשענקט,
אַפֿילו אין ביימער האָט ער געדענקט,
נאָר פֿאַר דעם איינציקן מענטש אַליין,
האָט זיך אים געדאַכט, עס איז צו פֿיל,
אים האָט ער געלאָזט גאָר נאַקעט גיין,
אים האָט ער געלאָזט אָן אַן אײַנהיל.
דערקעגן איז דאָס געווען זײַן פּלאַן,
אַז דער מענטש וועט אַוודאי כּסדר
אַליין שוין אַ בעל־מלאָכה זײַן
און זיך אַליין מאַכן די קליידער.

אויף דעם מענטשנס בײדע הענט באַווײַזן,
אַז אַרבעט געהער צו אים, דעם קלוגן:
פֿיר פֿיס האָבן חיות צום שפּײַזן,
און ער לאָזט זיך מיט צוויי באַגענוגן.
און עס אַרבעט דער מענטש טאָג און נאַכט,
גאָר פֿלײַסיק, אָן געראַש, אָן גערידער,
רוט נישט ביז ער האָט פֿאַרטיק געמאַכט,
זיי העלפֿן זיך אַזוי ווי ברידער.
דער איז אַ גאַרבער, דער אַ בעקער,
דער גיט זיך אָפּ מיט קליידער נייען;
דער איז אַ פֿאַרבער, דער אַ העקער,
דעם זעט מען אַקערן און זייען;
דער איז אַ טרעגער, דער איז אַ בלעכער,
דער אַ קירזשנער, יענער אַ שוסטער;
דער איז אַ זעגער, דער אַ שטעכער,
דער אַ קאָוואַל אַן אײַנגעריסטער [21].

[21] אויסגעשמירטער, אַ פֿאַרפּאַטשקעטער.

צו אַלע מלאָכות נעמט זיך דער ייִד,
פֿאַר אים איז קיין שום זאַך ניט מיאוס,
און אַרבעט פֿלײַסיק, און ווערט נישט מיד,
וואָרן נאָך דער אַרבעט איז ברויט זיס.
אויך ווײַבער, נישט ליידיק צו זיצן,
פֿאַרזאָרגן אין דער היים דאָס הויזראָט [22],
זיי וואַשן, נייען, קאָכן און פּיצן,
און קויפֿן אַלצדינג אײַן אין דער שטאָט.
זי זאָרגט פֿאַר איטלעכן באַזונדער,
זי פֿאָרעט זיך אין הויז דרינען,
זי דערציט און לערנט די קינדער,
און זעצט זיך דערנאָך פֿאָדעם שפּינען;
זיי אָבער נישט שטאַרק צו דאָקוטשען
מיט אַ סך אַרבעטן און טוען,
האָט גאָט, נאָך דעם אָפּמוטשען,
זיי געהייסן שבת אָפּרוען,
אַרבעט זעקס טאָג פֿלײַסיק, נאָך און נאָך,
לאָז דיר אָרײַנקומען די ברכה!
נאָר דער זיבעטער טאָג אין דער וואָך
זאָל זײַן שבת, טו קיין שום מלאָכה!
און אויף שבת זיך שוין צו רעכטן
הייבט זי אָן דאָנערשטיק בײַ נאַכט;
דעם קוילעטש זעט זי שיין צו פֿלעכטן,
רוט נישט, ביז ער איז פֿאַרטיק געמאַכט.
פֿרײַטיק, ערבֿ שבת, אין דער פֿרי,
זעט מען דעם באַלעבאָס לויפֿן,
ער זשאַלעוועט נישט קיין געלט, קיין מי,
די פֿיש לכּבֿוד שבת צו קויפֿן.

---

[22] באַלעבאָטישקייט.

אין דער היים אַלצדינג צו פֿאַרזאָרגן
זעט זיך די באַלעבאָסטע צו פֿלײַסן,
צי בײַם עסן פֿון הײַנט און מאָרגן,
צי אַפֿילו בײַם קוימען אָפּווישן.
און קוים איז דאָס טשאָלנט נאָר פֿאַררוקט,
טוט זי זיך אָן אַנדערע קלײדער,
און פּאָרעט זיך געשווינד און געשיקט,
צינדט־אָן ליכט אין איטלעכן חדר.
דער הענגלײַכטער, שווער פֿון געוויכט,
שפּיגלט מיט זײַנע צוועלף רערן,
און עס ברענען צוועלף שבת־ליכט,
איטלעכעס לײַכט גאָר ווי אַ שטערן.
פֿון אַלע ליכט די שענסטע זיבן
צינדט די באַלעבאָסטע מיט איר האַנט אָן —
בענטשט ליכט ווי עס שטייט געשריבן,
אין די שבת־קלײדער אָנגעטאָן.
אין מיטן שטוב שטייט דער גרויסער טיש,
באַדעקט מיט אַ טישטעך, ווײַס ווי שניי,
אויף אים שטייט דער פּאָלומישעק מיט פֿיש,
און ליגן צוגעדעקט חלות צוויי.
זײַנע עסקים געפּטרט פֿון קאָפּ,
קומט דער מאַן צײַטלעך אַהיים צו גיין,
ער לייענט די סדרה מיט דעם טראָפּ,
צוואָגט און וואַשט זיך דערנאָך גאַנץ שיין.
זײַנע קלײדער צו איבערבײַטן
גיט ער זיך גאַנץ געשווינד אַ פּאָרע,
טוט זיך אָן דאָס שטרײַמל בײַ צײַטן
און דעם קאַפּטן פֿון ראַצעמאָרע [23].

[23] גראָבער „זיידשטאָף“ (גרין), ביליקער.

גיך כאַפּט ער אויף זיך זײַן אײַנהיל
און אונטער דעם אָרעם זײַן סידור,
לויפֿט־אַרײַן אין דער הייליקער שול
און זעצט זיך אויף זײַן שטאָט אַנידער.
די לײַכטערס זײַנען מיט ליכט געצירט,
קיין איינציקער איז ליידיק דרינען,
די שול אין גאַנצן ווי לומענירט[24],
גלײַך עס העטן געשײַנט צען זינען.
דער חזן מיט זײַן קול דעם זיסן
איז מקבל שבת שיין, וואָרט פֿאַר וואָרט,
דעם עולם הערט מען קיין וואָרט שמי׳סן,
איטלעכער דאַוונט שטיל אויף זײַן אָרט.
דעם זילבערנעם בעכער ביז צום ראַנד
פֿול מיט גוטן ווײַן גאָר אַ חידוש,
נעמט דער חזן אין דער רעכטער האַנט
און מאַכט שיין מיט דעם ניגון קידוש.
„גוט שבת!״ — איז אַ געווינטשערײַ
צווישן מאַנען, ווײַבער און קינדער,
און גייען אַהיים פֿון דאַגות גאָר פֿרײַ
אויס דער שול איטלעכער באַזונדער.
דער באַלעבאָס קומט נאָר אין שטוב אַרײַן,
זאָגט ער דעם שלום עליכם געשווינד,
דערנאָך נעמט ער דעם בעכער מיט ווײַן
און מאַכט דעם הויכן קידוש אַצינד.
טעלער, שיסל און גלעזער קלינגען,
מען עסט, מען טרינקט גאַנץ גוט דערנעבן,
און זמירות הערט מען צו דעם זינגען,
וואָס האָט אונדז דער שבת געגעבן.

---

[24] אילומינירט, באַלויכטן.

שבת־טאָג טיילט מען אין צוויי העלפֿטן,
האַלב איז צו גאָט און האַלב איז צו לײַט.
גאָט לויבט מען ביז דער שעה דער עלפֿטן[25],
אין תּענוג לעבט מען די איבעריקע צײַט.
גוטע פֿרײַנד קומען נאָך דעם עסן
איינער צום אַנדערן זיך צונאַנד,
שמועסן, ריידן פֿון אינטערעסן,
איטלעכער באַזונדער נאָך זײַן שטאַנד.
די וואָס קענען עפּעס אין ספֿרים,
קוקן פֿון דער סדרה די רש״י,
פֿאַרהערן די קינדער פֿון חדרים,
און זיי טרעפֿן דעם מהרש״אָס קשיא.
די פֿרומע באָבע פֿון זעכציק יאָר,
פֿון שלאָף ערשט אויפֿגעשטאַנען גאַנץ שטיל,
לייענט טײַטש־חומש, מנורת המאור,
פֿאַר אירע חבֿרטעס אויף דער בריל[26],
מיט קליידער, פּערל און בריליאַנטן,
זעט מען מיידלעך, ווײַבלעך זיך צירן,
און נײַמאָדישע עלעגאַנטן
זעט מען זיך צו יאָגן שפּאַצירן.
לוסטיק וויל מען שבת בײַ לײַטן,
וואָרן ער טוט אונדז גאָר כ׳לעבן באַנג,
נאָך אַ מאָל מוז מען צו טיש גרייטן,
שלוש סעודות עסט מען מיט געזאַנג.
די זון הייבט שוין אָן אונטערצוגיין,
טרויעריק ווערט אין איטלעכן ווינקל,
פֿון מענטשן ווערן די גאַסן ריין.

---

[25] /צוליבן גראַם/ אַנשטאָט עלפטער (11).

[26] דורך אַ פֿאַרגרעסער־גלאָז.

אין שטוב ווערט פֿינצטער און טונקל,
דער שבת הייבט־אָן אויפֿצוהערן,
מע העט שוין גערן געזען אַ לעכט:
„ניין, מען זעט נאָך נישט גוט די שטערן,
מען טאָר נישט, עס איז נאָך נישט רעכט“.
פֿינצטער און שטיל איז איצט אומעטום,
מען קען הערן פֿליִען די פֿליגן,
נאָר די אַלטע באָבע זאָגט גאַנץ פֿרום
גאָט פֿון אַבֿרהם מיט דעם ניגון.
און קוים זעט מען אַ ליכט פֿון ווײַטן,
איז באַלד גוט וואָך! — אַ געשרײַערײַ —
מען ווינטשט זיך גליק און גוטע צײַטן,
אַצינד איז דער שבת שוין פֿאַרבײַ.
פֿון גוטן ווײַן דעם פֿולן בעכער
אָנגעגאָסן ביז איבער דעם ראַנד,
דעם בשׂמים־ביקס מיט סאַמע לעכער
נעמט איצט דער באַלעבאָס אין האַנט,
די הבֿדלה האַלט דאָס קלענסטע קינד.
דער באַלעבאָס מאַכט די ברכה און שמעקט,
די לעצטע זמירות זינגט ער אַצינד —
און מיט דעם איז דער שבת געעקט.
זעט, אויב דאָס וואַקס איז שוין צעגאַנגען,
אויב עס וועט ניט זײַן צום גיסן שלעכט.
גרויס וועלן מיר מאַכן, ווי די שטאַנגען,
גרויסע, גראָבע יום־כּיפּור־לעכט.
אַז זיי זאָלן קענען
אַ גאַנץ מעת־לעת ברענען,
מוזן זיי זײַן גאַנץ לאַנג און דיק,
דאָס געהער אויך צו אונדזער פֿאַבריק.

דער זומער איז אַוועקגעגאַנגען,
די תּבֿואה איז אַראָפּגענומען,
דאָס פֿעלד איז ליידיק פֿון זאַנגען,
ראש־חודש אלול איז געקומען.
דער עולם הייבט־אָן פֿרום צו ווערן,
עס קומען די ימים־נוראים,
איטלעכער הייבט־אָן נאָכצוקלערן
איבער זײַן פּעקעלע מיט חטאים.
וואָרן דאָס איז איין מאָל שוין פֿאַרבײַ,
דאָס ליגט שוין בײַם מענטש אין דער נאַטור:
ער קען נישט בלײַבן פֿון זינד גאָר פֿרײַ,
מעג ער גאָר פֿרום זײַן אָן אַ שיעור.
יוצא צו זײַן פֿאַר גאָט און פֿאַר לײַט
איז בײַ אונדז מענטשן די גרויסע קונץ;
דעם מענטש מוזסטו זוכן ברייט און ווײַט,
ניין, דו געפֿינסט אים נישט צווישן אונדז;
נאָר דאָס ווידער בעסער צו מאַכן
וואָס מען טוט אַלץ שלעכט אין זײַן לעבן
איז איינס פֿון די גאַנצע טײַערע זאַכן,
וואָס אונדז, מענטשן, האָט גאָט געגעבן.
איינער לאָזט זיך אַלץ נישט באַגניגן
מיט זײַן שיין ביסעלע פֿאַרמעגן,
מיט זײַן חבֿר מוז ער זיך קריגן
פֿון דעם משׂא־ומתּן וועגן.
צווישן זיי הערט גאָר אויף דער בטחון,
איטלעכער טראַכט נאָר אויף אַ נקמה,
עס גייט שוין נאָר אום נצחון,
דאָס געשעפֿט ליגט שוין אין דער אַדמה.
צום סוף, אַז זיי קריגן זיך שוין לאַנג,
ווילן זיי פֿון דעם קריג אָפּטרעטן,

עס טוט זיי אַליין שוין זייער באַנג —
נאָר ווער זאָל גיין פֿריִער איבערבעטן?
זײַנען זיי זיך מיישבֿ אין מיטן —
עס איז דאָך ערבֿ יום־כּיפּור הײַנט
און האָבן דעם תּירוץ, דעם גוטן,
ווידער צוריק צו ווערן גוטע פֿרײַנד.
איידער דער מענטש ווערט אַלט און גרײַזגראָ
טרעפֿט זיך אַ מאָל, מען האָט נישט קיין ברירה,
עס קומט עפּעס אָן אַ בייזע שעה,
און מען טוט זיך טאַקע אָן עבֿירה.
עס לאָזט גאָר אָבער פֿאָרט נישט רו'ען,
מען ווערט דערנאָך טאַקע מטה[27];
מען הערט גערן תּשובֿה טאָן,
מען האָט אין האַרץ גאַנץ שטאַרק חרטה,
נאָר שעמט מען זיך אָבער פֿאַר דער וועלט,
מען האָט דעם בזיון דעם גרויסן;
מען העט זיך נאָך גערן אַלץ פֿאַרשטעלט,
דער עולם זאָל זיך גאָר ניט שטויסן.
פּלוצלינג רוקט ערבֿ יום־כּיפּור אָן,
אַלע טוען תּשובֿה מיט אַ מאָל,
אַצינד איז צײַט אויך תּשובֿה צו טאָן
און מען טוט תּשובֿה מיט כּל־ישׂראל.
נאָר אויב אײַער תּשובֿה איז גוט און שיין,
וויל איך אויף מײַן דעה ניט שטעלן;
איך וויל, איר זאָלט אײַנזען אַליין,
אויב זי קען אײַך אַליין געפֿעלן.
דער וואָס זאָגט רכילות אַ גאַנצע צײַט,
זאָגט איצט תּהילים פּופּציק קאַפּיטל;

---

[27] /פֿאָלקסטימלעך: מאַטע/ געפֿאַלן ביי זיך, נידערגעשלאָגן.

און דער וואָס איז מבֿזה אַלטע לײַט,
באַלייגט זיך מיט שפּאַניע [28] דעם קיטל,
דער וואָס מאַכט אומגליקלעך אַ נקבֿה,
צוואָגט זיך יום־כּיפּור ניט די לאָקן;
און דער וואָס טוט פּשוט אַ גנבֿה,
שיט זיך אָן אַרבעס אין די זאָקן.
דער וואָס וויל בעל־מלאָכות ניט צאָלן,
שלאָגט זיך שטאַרק אָשמנו פֿאַר די זינד;
און דער וואָס וועגט אויף פֿאַלשע שאָלן,
מאַכט אַ וועקסן ליכט פֿון אַ גערעכט פֿונט.
דער וואָס האָט מענטשן בדלות געשטעלט,
דאַוונט פֿרום אין טלית דעם האַרן [29];
דער האָט שוין אָפּגענאַרט גאָר די וועלט,
וויל ער אַצינד גאָט אויך אָפּנאַרן.
אויס דעם שווינדלער, דעם רוחים־רײַסער,
ווערט פּלוצלינג גאָר אַ בעל־תּוקע,
און גאָר אַ פֿרומער מלקות־שמײַסער
אויס דעם גראָבן יונג דעם פּושע.
דער וואָס פֿאַרלאָזט פֿאָטער און מוטער,
לאָזט זיך פֿאַר דאָס גוט מלקות שמײַסן,
און דער גרויסער ליגנער, דער גוטער,
שלאָגט כּפּרה מיט אַ האָן אַ ווײַסן.
שלאָגט כּפּרה מיט דער כּפּרה!
שוין צײַט דער מנהג זאָל אונטערגיין.
„וואָס! — שרײַט די גבאיטע שׂרה —
וואָס גייט דיך אָן? קוק פֿאַר דיר אַליין!“
און מען טאָר שוין קיין וואָרט ניט זאָגן,

---

[28] באַפּוצעכץ (שמאָלע פּאַסיקלעך) אַנשטאָט גאָלדענע אָדער זילבערנע (אויפֿן קאָלנער). — [29] זעלטענעם.

נאָר מען מוז די אַלטע צוהערן;
מען מוז אַזוי לאַנג כּפּרה שלאָגן,
ביז די אַלטע וועט אַ כּפּרה ווערן.
מיט אַ גרויס געוויין און אַ גוט וואָרט
האָבן שוין ווײַבער געמאָסטן פֿרי׳ר
מיט אַ פֿאָדעם דאָס הייליקע אָרט,
טאַקע ווי דער גוטער אינזשעניר.
איצט לייגן זיי דעם פֿאָדעם צו רעכט,
אַזוי ווי מען לייגט־צו אויף קנויטן,
און מאַכן פֿון דעם יום־כּיפּור־לעכט
פֿאַר דעם לעבעדיקן און דעם טויטן.
פֿאַר וועלכן הויז מען גייט פֿאַרבײַ,
מוז מען דאָרט אַרײַנגיין אָפּטרעטן,
און מיט גרויס געוויין און גרויס געשריי
איטלעכן מענטש איבערבעטן.
איצט, אַז מען איז מיט אַלע שוין גוט,
גייט מען אַרײַן אין דער הייליקער שול,
מע נעמט דאָס גרויסע נשמה־ליכט מיט
און אַ בענקל אָדער גאָר אַ שטול,
און ווי פֿאַר שניט אויפֿן פֿעלד די זאַנגען —
גאָר גאַנצע קופּעס און גאַנץ געדיכט —
שטייען גרויס און גראָב ווי די שטאַנגען
אַנגעשטעלט אין זאַמד די יום־כּיפּור־ליכט.
דער חזן זינגט שוין דעם כּל נדרי
און דער שמש קלאַפּט אין שטענדער אַרײַן,
דער עולם מאַכט ליאַרעם און געשריי,
קיין איינציקער וויל אַצינד שטיל ניט זײַן:
דעם הערט מען וויינען און דעם קלאָגן,
מען זעט קיינעם אַ ביסל רו׳ן,
דעם הערט מען הויך די ווידוי זאָגן.

זאָגט — וואָס? ער האָט גאָר נישט געטאָן.
די ליכט ברענען זיך ווי די שטערן,
איטלעכער גיט אַכטונג אויף זײַן לעכט,
חלילה עס זאָל פֿאַרלאָשן ווערן,
נישט קיין גוטער סימן, דאָס איז שלעכט.
זיי האָבן דעם נאַרישן גלויבן,
אַז איצט איז דאָס ליכט זייער נשמה,
און מען פֿאַרלעשט עס פֿון דאָרט אויבן,
נו, ליגט ער דאָס יאָר אין דער אַדמה.
דעם גאַנצן טאָג זיצט ער אין דער שיל.
טייל זיצן נישט, נאָר שטייען אויף איין אָרט.
פּיוטים זאָגט מען אַ סך און פֿיל,
כאָטש מען פֿאַרשטייט פֿון זיי נישט אַ וואָרט.
מיט די ווײַבער איז גאָר קיין ממשות,
גאָט זאָל זיך טאָקע נאָר דערבאַרעמען:
אַלע מינוט פֿאַלט איינע אין חלשות,
די איבעריקע שרײַען און ליאַרעמען.
איינע חלשט זיך גאָר אָן אַ גראַם;
זי ווײַזט, ווי זי מוז זיך, נעבעך, קווען,
די האָט ווידער אַן אַנדערן טעם —
זי זאָל האָבן עפּעס צו דערציילן.
איין ייִדענע פֿאַלט חלשות גאָר,
ווײַל זי איז אַ חבֿרטע מקנא,
און איינע חלשט שוין עטלעכע יאָר,
וויל זי דאָס יאָר נישט זײַן משנה.
אַזוי זאָגן ווײַבער און מאַנען,
ביז זיי גייען בײַ נאַכט פֿון שול אַרויס,
כאָטש זיי האָבן קיין וואָרט נישט פֿאַרשטאַנען —
אַ גאַנצן טאָג אַ גאַנץ מחזור אויס.
וואָס איז אָבער אַרויסגעקומען,

ווילסטו אפשר אַ ביסל קלערן?
האָט זיך איינער צום האַרץ גענומען,
ער זאָל פֿון היינט אָן בעסער ווערן?
האָט איינער אמת תּשובֿה געטאָן,
טאַקע אַזוי ווי עס געהער צו זיין?
ניין, ניין, טשעפּע דיך ניט אומזיסט אָן,
רייד דיר גאָר נישט אומזיסט אַזוי איין.
איז מען דאָ אין שול געזעסן,
אַ גאַנצן טאָג געוויינט און געקלאָגט,
האָט מען פֿאָרט שוין מאָרגן פֿאַרגעסן,
וואָס מען האָט נעכטן גאָט צוגעזאָגט.
נעכטן האָט מען אויסגעשטרעקט די הענט,
געבעטן גאָט זאָל האָבן רחמנות,
און היינט רייסט מען ווייטער פּראָצענט,
ווי אַ רוצח אָן ישרנות.
פֿון שׂנאה איז מען נישט אָפּגעטראָטן,
מען האָט זיך פֿיינט גאָר שׂנאת־מוות,
און דאָס ווייגענדיקע איבערבעטן
איז נאָר געווען אויף קאַטאָוועס.
די פֿאַלשע מאָס און די פֿאַלשע וואָג
נעמט ווידער אַפֿיר פֿאַמעלעך,
ביז עס קומט ווידער צוריק דער טאָג,
וואָס דער חזן שרייט ווידער המלך!

עפּעס האָב איך געהערט אַ קלונג.
— האָט זיך נישט די פּורעם צעבראָכן?
מיר דאַכט, עס איז געווען אַ שפּרונג,
דער חלבֿ האָט געמוזט שטאַרק קאָכן.
שלעכט, דער חלבֿ דריגען
וועט געשווינד אויסרינען,

עס קען ווערן אַ גאַנצער חורבן
די גאַנצע אַרבעט ווערט פֿאַרדאָרבן.

יאָרן זע איך קומען, יאָרן פֿליִען,
די וועלט בלײַבט זיך תּמיד גלײַך,
מענטשן מוטשען זיך, מענטשן ריִען[30],
קיין חילוק צווישן אָרעם און רײַך.
דער האָט זיך געלעבט אין גרויס עשירות,
ער ווערט צעבראָכן ווי אַ שאַרבן
דער האָט באַוויזן זײַנע גבֿורות —
ער לעבט ניט אייביק, ער מוז שטאַרבן.
אָפּגעאַרבעט און אָפּגעמוטשעט
ווי אַ קרעמער נאָך אַ גרויסן יאַריד,
פֿאַלט ער, פֿון צרות שטאַרק דאָקוטשעט,
נעבעך אַנידער קראַנק און מיד.
רביים פֿאַרשפּרעכן, מאַכן סגולות,
דאָקטוירים לויפֿן און פֿאַרשרײַבן,
רופֿאים פֿאָכען זיך, טוען פּעולות,
אַפּטייקערס צעשטויסן און רײַבן.
קינדערלעך וויינען, ווײַבער שרײַען,
עס יאָגן זיך אַלע גוטע פֿרײַנד,
ווילן העלפֿן, ווילן נאַרײַען,
נײַן, עס העלפֿט נישט, וויל מאָרגן, וויל הײַנט!
גאָט האָט איין מאָל אָנגעשריבן,
עס קען שוין גאָר אַנדערש ניט ווערן,
עס איז איין מאָל פֿאַרבליבן,
דער מענטש מוז צו לעבן אויפֿהערן.
דער טויט איז פֿון דעם מענטשנס צײַטן,

---

[30] רוען.

ווי אונטער אַ סוחרס חשבון דער שטריך,
מען דערקענט ערשט דעם גלאַנץ פֿון ווײַטן,
צי ער איז געווען פֿון גאָלד, צי פֿון שיך.
ווען מען ליגט מיט דעם פּנים קאַפּויר
אויף גלײַך שטרוי, מיט די פֿיס צו דער טיר,
ווערט מען ערשט רעכטס דעם אמת געוווירּ,
ווי דער מענטש האָט זיך אויפֿגעפֿירט פֿריַ׳ר.
נישט איינער טרעפֿט אַ שעת־הכּושר,
ער ווייס נישט פֿון ווו און פֿון וואַנען:
פּלוצלינג ווערט ער אַ גרויסער עושר,
כאָטש ער איז ערשט גאַנץ שמאָל געשטאַנען.
מען הערט אים שוין אומעטום שאַצן,
אַז ער איז אַ נגיד פֿאַר דער וועלט,
קליידער, צירונג, זילבערנע טאַצן,
און אַ קאַסע־קאַסטן פֿול מיט געלט.
ער קויפֿט זיך שוין דאָס קינצלעכע הויז,
טוט מיט קינדער גרויסע שידיכים [31];
גייט אים נאָר אָבער די נשמה אויס,
מוז מען אים נאָך שענקען תּכריכים.
אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן
גייט יענער ווידער אין קליידער גאָר;
ער באַרעכנט אַיטלעכן ביסן,
וואָס ער קען פֿאַרצערן אַ גאַנץ יאָר.
ער לעבט אין צרות, אין גרויסער לייד,
מיט אַ שטיקל דאַר פֿאַרשימלט ברויט,
ער ווייסט אין זײַן לעבן פֿון קיין פֿרייד,
נאָר קלאָגט טאָג און נאַכט איבער זײַן נויט.
קומען נאָר אָבער די קברנים,

---

[31] שידוכים.

מיט די פֿינצטערע טהרים־קענדלעך,
שלאָגן זיך יורשים ווי גזלנים
איבער זײַן קופּערטל מיט רענדלעך.

דאָרט דערציילט מען ווידער פֿון איינעם,
אַז ער איז אַ בעל־צדקה אָן אַ שיעור,
גאָר שטיל, גאָר בסוד שווערן זיך די שכנים,
אַז פֿרײַטיק רוט ניט בײַ אים די טיר.
האָט ער אָבער נאָר איין אויג פֿאַרמאַכט,
געפֿינט מען בײַ אים ערשט משכּונות,
וואָס ער האָט אַזוי טאָג, אַזוי נאַכט
געריסן רווחים בײַ אַלמנות.

פֿון דער גרויסער גאַס אָפּגעלעגן
ווינט זיך אַ ייִדל פֿון מיטעלן שטאַנד,
מען קען זיך צו אים קוים דערפֿרעגן,
ער איז גאַנץ ווייניק אין שטאָט באַקאַנט.
מען רעכנט אים נישט צווישן נגידים,
מען האַלט אים נאָר נישט פֿאַר קיין שלעכטן;
נישט פֿון מתנגדים, נישט פֿון חסידים,
הערט מען אים ערגעץ אָפּרעכטן.
זײַן טויט גיט ערשט איטלעכן אַ ראַיה,
ווי אַ פֿרומער מענטש דאַרף צו לעבן,
מען הערט ערנסט שמועסן ביז זײַן לוויה,
די גרעסטע צדקה פֿלעגט ער צו געבן.

פֿינצטער, שטאָק פֿינצטער ווערט ווײַב און קינד,
נאָך פֿינצטערער ווי די ווינטערנעכט.
אַז מען זאָגט: „לאָז מען נאָר גאַנץ געשווינד
גיין אָנצינדן און ברענגען אַ לעכט“.
דאָס ליכט, וואָס האָט אונדז תּמיד דערקוויקט,

ברענגט איצט אַרײַן טרויעריקייט אין הויז,
איטלעכער זיצט גאַנץ טרויעריק און קיקט,
ווי די נשמה פֿליט פֿון אַ מענטש אַרויס.
מען האָט דאָס ליכט איצט אָנגעצונדן,
ווײַל מען וויל זען מיט די אויגן,
אויב די נשמה איז שוין פֿאַרשווּנדן,
אויב זי איז שוין אַרויסגעפֿלויגן.
מען האַלט עס דעם מענטש שטיל פֿאַר דער נאָז
און מען קוקט גאַנץ גוט אויף דעם פֿײַער,
אויב מען זעט נאָך אַ ריר, נאָך אַ בלאָז,
וואָרן איטלעכער הויך איז טײַער.
צינדט אָבער איצט כאָטש טויזנט ליכט אָן,
וועט איר אײַך גאָר אומזיסט באַמיִען;
קוקט איצט מיט אויגן כאָטש אַ מיליאָן,
וועט איר נישט זען קיין נשמה פֿליִען.
נאָר אַ גוף, זעט איר, ליגט אויסגעשטרעקט,
וואָס קען מיט קיין אבֿר נישט רירן,
זײַן קורצע צײַט האָט זיך שוין געעקט,
וואָס ער האָט געוואָלט לענדער פֿירן.
קוקט־אָן דעם מענטש, אַפֿילו דעם רײַכן,
קוקט איצט אָן זײַן לויכנדיקן סוף,
צו אַ מלאך וויל ער זיך פֿאַרגלײַכן,
און שטאַרבט ווי אַ בהמה, ווי אַן עוף.
אַדרבא, קוק דיך אָן, וואָס דו ביסט!
דו וועדסט געבוירן מיט אַ געוויין,
מוטשעסט דיך אָן אַ צײַט אומזיסט
און דײַן סוף איז ערגער ווי האָלץ, ווי שטיין.
ווען אַ שיינער בוים פֿאַרדאַרט שוין גאָר,
זעט מען אויס אים עפּעס צו שניצן;
ער בלײַבט דער וועלט נאָך עטלעכע יאָר

און קען דער וועלט נאָך אַ סך ניצן.
ווען אַ שטיין ווערט טאָקע צעבראָכן,
באַווײַזט אַ בעל־מלאָכה זײַן גבֿורה,
זיצט איבער אים עטלעכע וואָכן
און מאַכט אויס אים אַ שיינע צורה.
ער קומט־אַרײַן צווישן גרויסע לײַט,
מען פֿאַרצירט מיט אים די שיינע שטוב,
דויערט־אַוועק אַ לאַנגע צײַט,
כאָטש זײַן מײַסטער פֿוילט שוין לאַנג אין גרוב.
איז אָבער נאָר אַ מענטש געשטאָרבן,
טראָגט מען אים נאָר פֿון שטוב אַרויס —
ווי געשריגן איבער דעם חורבן! —
לאָזט ער זיך שוין אין גאַנצן אויס.
זיבן טאָג אַ לאָמפּ אָנגעצונדן,
אַ גלאָז וואַסער געשטעלט דערנעבן,
און אַ ווײַס טיכל אָנגעבונדן —
זײַנען דער זכר נאָך דײַן לעבן.
און דערצו פֿאָרט ביסטו גרויס בײַ דיר?
אַלץ נאָר ווײַל דו האָסט אַ קלוג מוחל!
נו, טראַכט זשע אָבער אַ ביסל פֿריִ׳ר,
לאָז עפּעס בלײַבן פֿון דײַן שׂכל.
קום דער וועלט אויך נאָך דײַן טויט צו נוץ,
זע צו אַרבעטן, לערנען, שרײַבן,
טו בײַ דײַן לעבן אַ סך גוטס,
וועסטו אויף דער וועלט אייביק בלײַבן.

אַצינד לייגט־אַוועק אַלע זאַכן,
מיר האָבן עפּעס נייטיקס צו טאָן;
אַ יאָרצײַטליכט מוזן מיר נאָך מאַכן,
די אַנדערע אַרבעט מעג רוען.

װאָרן איר מוזט װיסן,
אַז זיבן טעג אין ניסן
איז דעמס פֿאָטער אַװעק פֿון דער װעלט,
װאָס האָט בײַ אונדז יאָרצײַטליכט באַשטעלט.
אין אונדזער זיסער תּורה־קדושה
האָט אונדז גאָט געזאָגט דורך משה:
„האַלטסטו טאַטע־מאַמע אין הערן,
װעסטו לאַנג אויף דער װעלט געװערן".
און דערצו פֿאָרט איז אַ װוּנדער בײַ לײַט,
פֿאַר װאָס מענטשן שטאַרבן פֿאַר דער צײַט?
מיר איז אַ גרויס װוּנדער, גאָר פֿאַרקערט,
װאָס איך זע מענטשן מיט גרויע בערד!
װאָס עס איז אַמאָל מיט אײַך געשען,
װען איר זײַט נאָך קלײנע קינדער געװען,
װאָס מען איז מיט אײַך אויסגעשטאַנען,
קענט איר אײַך אמת ניט דערמאַנען.
דערקעגן פֿון די שפּעטערע יאָר,
װאָס איר געדענקט שױן גאַנץ גוט און קלאָר,
װי מען האָט אײַך געשוכט און געקלײדט,
אָפּגעהיטן פֿאַר צרות, פֿאַר לײד,
און אַפֿילו גאָר אין דער גרעסטער נױט
פֿון זיך אָפּגעשפּאָרט דאָס שטיקל ברױט,
איר זאָלט נאָר נישט לײַדן קײן הונגער —
אויף דעם קוקט איר װי דורך די פֿינגער?
װער האָט פֿאַר דיר ביז אַהער געטראַכט?
זאָג, װער האָט דיך צו אַ לײַט געמאַכט?
און זאָג מיר אויך אין אײן װעגס, מײַן קרױן,
װאָס האָבן זײ פֿון דיר פֿאַר אַ לױן
פֿאַר דעם גאַנץ גרױסן קריעה שנײַדן,
װאָס זײ האָבן פֿון דיר געמוזט לײַדן?

ווי אַ זאַך, וואָס דו האָסט געדאַרפֿט פֿרי׳ר,
זײַנען איצט טאַטע־מאַמע בײַ דיר,
דהײַנו ווי אַן אַלטע קאָמאָדע,
ווי נאָך פּסח די הגדה.
זיי בלאָנקען זיך דאָרט ערגעץ ווו אַרום,
עס קוקט זיך קיינער אויף זיי נישט אום,
ווי זאָלן פֿרעמדע זיי טובֿות טאָן,
אַז דו ווילסט נישט, וואָס דו ביסט אַ זון?
האָבן זיי יאָ אַ מאָל פֿון דיר אַ נוץ,
מיינסטו גאָר, דו האָסט געטאָן גרויס גוטס,
מיינסטו, האָסט דיך גאָר איבערגעהויבן
און ווילסטו, מען זאָל דיר דערפֿאַר לויבן?
עס זעט דאָך אָבער איטלעכער אײַן,
אַז דו טוסט דאָס נאָר יוצא צו זײַן.
נאָר, גוטער ברודער, נאַ דיר די האַנט!
זײַ מיר מוחל, איך האָב מיך דערמאַנט!
איך האָב גערעדט, אָבער ניט קלוג,
יאָ, דו טוסט־אָן זיי זייער גענוג.
איך האָב געזינדיקט, און דו ביסט גערעכט,
דו צינדסט דאָך אָן אַ גרויס יאָרצײַטלעכט.

איצט, נעמט דעם קעסל שוין גאָר אַוועק,
שטעלט עס אַנידער דאָרט אין אַ זײַט;
מיט אונדזער אַרבעט איז איצטער אַן עק,
ביז עס וועט ווידער קומען די צײַט.
דעם חלבֿ פֿון דער פּרעס
שענקט ר׳ מאיר בעל נס!
גאָט זאָל אונדז תּמיד ניסים טון,
איטלעכער זאָל אין שלום רו׳ן.

קאטאוועסלעך

עפיגראמען

צו מײַן ביכל

האָט עמעץ דײַנע רייד ווי אַרבעס געקליבן
און מיינט, איך האָב אים, נאָר אים, דאָ באַשריבן,
האָט ער זיך, כ'לעבן, שוין גאָר אַליין געקלאָגט:
וואָרן וואָס איך ווייס נישט — האָט ער אַליין געזאָגט.

די שרײַבערס

מיט שרײַבערס איז די גאַנצע וועלט פֿיל [1],
איטלעכער קען שרײַבן אויף יענעם אַ פּאַשקוויל [2].
הערסט נאָר אָבער וואָס איך וויל:
עס העט [3] געוועזן רעכט און שיין,
עס זאָל איטלעכער שרײַבן אַ פּאַשקוויל —
נאָר פֿרי'ר אויף זיך אַליין.

דער קריטיקער

צו אַ קריטיקער זאָגט פֿאַר זײַן טויט
טאָקע זײַן בעסטער גוטער פֿרײַנד:
— דו ביסט דאָך נאָך אין אַזוי אַ נויט
קיין מאָל נישט געוועזן ווי הײַנט;
קערסטו דעם איבערשטן דאָרט אויבן
כאָטש הײַנט זײַן לויב אָפּצוגעבן.
— ניין, ניין, שרײַט ער, איך קען נישט לויבן!...
און האָט אויפֿגעהערט צו לעבן.

[1] (פּוילישער דיאַלעקט) פֿול. — [2] אַ חיבור מיט זידלערייען. — [3] עס וואָלט.

פֿרײַנד און שונאים

גוטע פֿרײַנד אין דער נויט
גייען וויניק אויף דעם לויט[4];
שונאים אָבער אין גליק
זײַנען דאָ אויף דעם שטיק.

מײַנע פֿרײַנד

די מענטשן קען איך ערשט דערקענען,
ווען זיי ליגן שוין אין קבֿר טויט:
מײַנע פֿרײַנד אָבער — וואָס זיי זענען —
דערקען איך, ווען איך בין אין דער נויט.

מײַן ערגסטער פֿײַנד

מײַן ערגסטער פֿײַנד
איז אַ פֿאַלשער פֿרײַנד;
פֿאַר יענעם היט איך מיך ווי ווײַט איך קען,
דער אָבער קען מיר שאַדטן ליאַדע[5] ווען.

אַ שטילער שונא

היט דיך פֿאַר אַ שונא אַ שטילן:
די הינט בײַסן נישט וואָס בילן.

---

[4] (רוסישע וואָג) בערך 12 גראַם. — [5] ווען נישט איז, אומגעריכט.

בײַ מײַן געבורטסטאָג

איך זיץ און קלער מיר שוין אַזוי דאָ
אפֿשר מער ווי אַ האַלבע שעה,
פֿאַר וואָס האָבן דאָס נאָך מײַנע האָר
זייער גרויס׳ שוואַרצקייט ניט פֿאַרלוירן;
עס איז דאָך שוין דרײַ און פֿערציק יאָר,
זינט איך בין אויף דער וועלט געבוירן?
נאָר איך האָב אַ תּירוץ גאָר אַ קליינעם:
זיי ווערן פֿאַרשוואַרצט מיט מיר אין איינעם.

גאָר קיין מורא

וואָס האָט מען פֿאַר דעם טויט מורא צו האָבן?
מיר דאַכט זיך, אַז ער איז נאָך אַ גרויס גליק;
וואָרן די אַלע וואָס מען האָט באַגראָבן
ווילן דאָך שוין נישט מער קומען צוריק.

אַ נײַע דערפֿינדונג

איך וועל אײַך זאָגן, אָבער גאָר בסוד:
איך האָב געפֿונען דעם פֿיפֿטן [6] יסוד
צו די אַרבע יסודות פֿון דער וועלט;
נאָר שטיל! גאָר שטיל! איך מיין: דאָס געלט.

[6] (פוילישער דיאַלעקט) פינפטן.

אַ טײַערער ייִד

זאָגן אַ טײַערער ייִד האָב איך אָפֿט געהערט,
אויף דעם אַנדערן ווידער: ער איז נישט ווערט.
זאָגטס מיר: וואָס איז דער חילוק? איך בעט אײַך:
איז דען טײַער און נישט־ווערט נישט גאָר גלײַך?

די נאַראָנים

נאַראָנים מאַכן דעמאָלט די גרעסטע גרײַזן,
ווען זיי ווילן דווקא נאָר חכמות באַווײַזן.

די פּויערן

מען זאָגט, אַז אין די שטעטישע מויערן
זעט מען קיין מאָל נישט ווינען קיין פּויערן.
ליגנט[7]! איך אַליין האָב דאָרט אַ סך דערווישט;
נאָר דער חילוק איז — זיי אַרבעטן נישט.

דער צונגפֿעלער

זי זאָל דאָס איינעם ניט פֿאַרדריסן:
מען הערט מנשהן טאָג און נאַכט היסן[8],
און דער דאָקטער זאָגט: — יאָ, איך דענק,
אַז אַ צונגפֿעלער איז זײַן קרענק!
נאָר דער דאָקטער איז גערעכט,

[7] (פויל׳ ריידאַרט) ליגן. — [8] הוסטן.

ניין, ער זאָגט גאָר נישט שלעכט:
— וואָס בײַ אַ ניכטערנעם איז אויף דער לונג,
איז, נעבעך, בײַ מנשהן אויף דער צונג.

דער שפּעטער

מען קען נאָך זײַנע פֿעלער נישט פֿאַרגלעטן
מיט דעם וואָס מען וועט איבער פֿרעמדע שפּעטן.

די דאגה

אַשר איז רײַך, ער האָט מער נישט צו זאָרגן,
נאָר ווי ער זאָל זיך ערגעץ אַ ביסל חכמה באָרגן.

דאָס אײַנרײידעניש

דו ביסט גאַנץ קלוג, רעדסטו דיר אײַן:
נו, ווי אַזוי קענסטו קלוג זײַן?

דער נוסקנאַקער

דו ווילסט מיט פֿרעמדע ציין ניס קנאַקן,
הייס זשע דיר דײַנע פֿריִער אויסהאַקן.

די טרערן

עס האָט דיך, זאָגסטו, זייער שטאַרק פֿאַרדראָסן,
וואָס שמערל האָט צו דײַנע צרות געלאַכט.
זאָג איך דיר: ניין, טרערן האָט ער פֿאַרגאָסן,
נאָר ער האָט זיך דעמאָלט אַ ציבעלע געמאַכט.

דער בעל־רחמן

דוד

איך בעט אײַך, ליבער ר׳ נחמן!
איר זײַט דאָך אַ בעל־רחמן;
אַזוי ווי גאָט איז אײַך ליב,
לאָזט מיך אַרײַן אין שטיב
וואָרן מײַנע פֿיס און די אויערן
זײַנען מיר שוין באַלד אָפּגעפֿרוירן.

ר׳ נחמן

וואַרט, וואַרט, איך שווער דיר בנאמנות,
איך האָב אויף דיר גרויס רחמנות.

דוד

נו, עפֿנט זשע מיר שוין אויף די טיר,
אַז איר האָט יאָ רחמנות אויף מיר.

ר׳ נחמן

ניין, מײַן לעבן! שטיי בעסער נאָך אונטערן דאַך,
כּדי איך זאָל קענען האָבן אויף דיר רחמנות אַ סך.

דער ליידיקגייער

דיער פאַטער

זע, מײַן קינד, קיין מאָל נישט ליידיק צו שטיין.

דער זון

גוט, פֿון איצט אָן װעל איך שוין ליידיק גיין.

די נקמה

עס איז אין דער װעלט זייער אַ גרױסע װיגאָדע [9];
איטלעכער איז זיך נוקם אויף אַן אַנדער מאָדע.
אַ ראש־הקהל מאַכט־אָן אַ קריג,
דער דאָקטער מיט אַ שפּאַנישער פֿליג,
מיט אַ שװערד דער סאָלדאַט
און מיט אַן עצה דער אַדװאָקאַט.
אַ משולח מאַכט אַ גרױסע הוצאה,
אַ בייזער טאַטע — אַ שלעכטע צװאה,
דער גזלן מיט אַ האַק,
דער רבֿ מיט אַ פּסק,
אַ שלעכטע קעכין
מיט טעפּ ברעכן,
מיט שעלטן און פֿלוכטן די װײַבער —
און מיט אַ קריטיק דער שרײַבער.

---

[9] (פויל׳) באַקוועמלעכקייט, פאַרגעניגן, נחת רוח.

אויף אַ מחבר

ער האָט איבערגעלאָזט קינדער און ספרים:
יענע האָט ער געמאַכט רײַך און די — אָרעם.

מנשה שוטה

דאָ ליגט מנשה שוטה
אויך צווישן די טויטע!
מיין [10] פון אַלע פאַרדינט ער אַ לויב,
וואָרן אויס [11] אַ נישט איז געוואָרן אַ שטויב.

ווײַבערישע תּפילה

אַ סך תּפילה טאָן איז בײַ ווײַבער אַ פרייד —
זיי מוזן דאָך אויסריידן די בײַן מאָס רייד.

טאָג־און־נאַכט

ער לויבט, זײַן ווײַב איז קלוג ווי דער טאָג —
איך האָב דעריבער זייער שטאַרק געלאַכט.
בעסער וואָלט געווען דאָס, וואָס איך זאָג:
זי זאָל זײַן אַזוי שטיל ווי די נאַכט.

---

[10] (פויל׳ ריידאַרט) מער. — [11] פון.

דער פֿאַרענטפֿער

„ב׳ לעבן, עס איז אַ גרויסע זינד
צו שלאָגן זײַן דערוואַקסן קינד".
— יאָ! — פֿאַרענטפֿערט זיך ר׳ שמערל ביק —
איך שלאָג דאָך אים אָבער נאָר צוריק...

לוט

בײַ משהן איז זײַן שטאָט גאָר נישט רעכט.
ער זאָגט, זי איז ווי סדום אַזוי שלעכט.
איך גלייב אים, כ׳לעבן, איטלעכס וואָרט:
ווײַל ער איז דער לוט וואָס וווינט דאָרט.

דער פֿרומער

יעקבֿ גייט אַלץ נאָר מיט הולטײַעס אַרום,
כּדי מע זאָל זען, אַז נאָר ער איז פֿרום.

דער בעסטער מאַן

„ב׳ לעבן, מײַן מאַן איז טאַקע דער בעסטער.
ער לויפֿט אין ערגעץ נישט אַרום" —
אַזוי באַרימט זיך מײַן שכנס שוועסטער:
ווײַל איר מאַן איז בלינד און קרום.

בלעמס אייזל

עס איז אַ חידוש ביי איטלעכן באַזונדער,
וואָס בלעמס אייזל האָט גערעדט איין מאָל.
ביי מיר איז דאָס אָבער אַ גרעסער ווונדער:
היינט ריידן אייזלען צו פֿיל און אָן אַ צאָל.

דער עזות־פּנים

דו זאָגסט, צאַרטל די מויד איז גאָר נישט פֿרום,
ווייל זי גייט אַלץ מיט הולטייעס אַרום.
שטילער, עזות־פּנים! רייד נאָר נישט אומזיסט:
זי האָט עטלעכע קינדער ווי דו ביסט!

דער פֿאַרטראָגענער מוח

אוי, וואָס זאָל איך אייך דאָ אַ סך זאָגן!
שמואל גייט־אַרום, נעבעך, זייער פֿאַרטראָגן,
ער ווייסט שוין נישט אַפֿילו, וואָס איז דיין און מיין:
איבער דאָס שטעקט ער די הענט אין פֿרעמדע קעשענעס אַריין.

דער בעל־חובֿ

דוד

הערסט, ברודער! איך שווער דיר צו,
איך זאָל זיין אַזוי אַ בעל־חובֿ ווי דו,
העט איך, אָסור, קיין נאַכט
קיין אויג נישט צוגעמאַכט.

משה

און איך ווידער, כ׳לעבן, שווער דיר צו,
אַז איך שלאָף מיר טאַקע גאָר אין רו;
לאָזן יענע זײַן באַזאָרגט,
וואָס איך האָב בײַ זיי געבאָרגט.

אויף אַ גנבֿ

אוי, וויי! לאָמיר שטאַרק קלאָגן
מיט זייער אַ גרויס געוויין:
ער פּלעגט אַרויסצוטראָגן,
אַצינד טראָגט מען אים אַליין.

דער בעל־צדקה

פֿון דעם אַרגסטן ביסטו נאָך אַרגער [12],
אַז דו זאָגסט, בערל איז אַ קאַרגער.
איך אַליין קען אים עדות זאָגן,
אַז ער פּלעגט אַרומצוטראָגן
און צו טיילן אָרעמע לײַט
טאַקע אַ גאַנץ לאַנגע צײַט
בײַטלען געלט אין בײדע הענט —
און, כ׳לעבן, נאָר אויף פּופּציק פּראָצענט!

[12] (פּויל׳ דיאַלעקט) ערגער.

די שיכּורים

אַלע גוטע שיכּורים
זײַנען ניכטער פּורים;
ווײַל זיי מוזן וועלן
פּורים זיך פֿאַרשטעלן.

י ה ו ד א

אַז יהודא וועט זיך אויפֿכאַפּן אין קבֿר,
וועט אין אים ציטערן איטלעכעס אבֿר;
קיין שום אָרעמאַן האָט ער בײַ זײַן לעבן
אַפֿילו אַ קליין שטיקל ברויט געוואָלט געבן;
אַצינד מוז שטיל צוזען אונדזער יהודא,
ווי די ווערעם מאַכן פֿון זײַן פֿלייש אַ סעודה.

די חבֿרים

קאַרגע לײַט און חזירים
זײַנען טאַקע אַ פּאָר חבֿרים;
מע האָט פֿון זייער גוטס
ערשט נאָך דעם טויט אַ נוץ.

דאַגות נאָך דעם טויט

דער קאַרגער חיים ליגט באַגראָבן אָט אָ דאָ,
קיין אָרעמאַן פֿלעגט ער צו געבן אַ דרײַער;
ער האָט נאָך דאַגות ביז דער איצטיקער שעה,
וואָס זײַן מצבֿה האָט געקאָסט אַזוי טײַער.

מ צ ב ה

דאָ, אונטער דער ערד,
ליגט באַגראָבן אַ נקבֿה;
זי איז, כ׳לעבן, ווערט
די שטיינערנע מצבֿה;
וואָרן אַזוי האַרט, ווי דו האָסט דעם שטיין געזען,
איז בײַ איר לעבן איר האַרץ געווען.

מצבֿה אויף אַ פּרעסער

אוי, לאָזטס [13] רינען אײַערע טרערן,
לאָזטס אײַער קול פֿון ווײַטן הערן!
הערט נישט אויף צו וויינען און צו קלאָגן!
אוי, דאָ ליגט אַ גרויסער מאָגן.

קורחס מצבֿה

דאָ ליגט אין דער אַדמה
קורחס גוף מיט דער נשמה.

---

[13] לאָזט, איר זאָלט לאָזן.

משלים

די קינדער

די קינדער האָבן אַ מאָל דעם קאַנטשיק צעריסן,
ווײַל דער פֿאָטער האָט זיי מיט אים געשמיסן,
דערנאָך האָט עס זיי ווידער נישט געוואָרן שמעקן,
אַז ער האָט זיי געשלאָגן מיט דעם שטעקן.

*

עס טויג דיר נישט אין אַ סך זאַכן,
דו זאָלסט דיר ווען בעסער מאַכן.

דאָס איי

צוויי מענטשן האָבן זיך געקריגט איבער אַן איי
און האָבן דערבײַ געמאַכט אַ גאַנץ גרויס געשריי.
איינער האָט געזאָגט: עס זאָל זײַן רוי;
דער אַנדערער: מע זאָל עס קאָכן.
דער סוף איז געווען — אוי, אוי, אוי! —
זיי האָבן דאָס איי צעבראָכן!

*

אַזוי איז אַ קריגערײַ,
אַזוי איז אַ גרויס געשריי
צווישן אַ טאַטן מיט אַ מאַמען,
ווי זיי שפּאַרן זיך צוזאַמען:
— וואָס וועלן מיר מאַכן אַצינד
אויס אונדזער איינציקן קינד?

דער טאַטע זאָגט אַ רבֿ, די מאַמע — אַ מגיד;
דער טאַטע זאָגט אַ חסיד, די מאַמע — אַ מתנגד;
דער טאַטע — אַ סוחר,
די מאַמע — אַ בעל־מלאָכה;
דער טאַטע — אַ סופֿר,
די מאַמע — אַ בעל־הלכה;
דער טאַטע — אַ דײַטש,
די מאַמע — אַ טײַערן ייִד;
דער טאַטע — די בײַטש,
די מאַמע — אַ גאָלדשמיד;
דער טאַטע — אַ שטעכער,
די מאַמע — אַ גאַרבער;
דער טאַטע — אַ בלעכער,
די מאַמע — אַ פֿאַרבער.

נו, לאָמיך שוין אַ מאָל הערן,
לאָמיך שוין אַ מאָל געוויר ווערן,
איר ברענגט דאָך מיך אַרײַן אין צאָרן,
איך בין דאָך שוין, כ׳לעבן, גאָר פֿאַרמישט!
זאָגטס מיר שוין, וואָס איז אויס דעם קינד געוואָרן?
עס איז אויס אים געוואָרן טאַקע — אַ נישט!

קיקערעקי!

בײַ אַ שטײַג מיט הינער
אויף דעם הויף בײַ ר׳ יונה ווינער
גייט זיך זײַן בן־יחיד מאיר,
דער לאַמפּערט, דער לײדיקגייער
(עס איז נאָך געווען גאַנץ פֿרי)
און שרײַט זיך: „קיקערעקי!“

אין דער שטײַג דער האָן
מיינט, ער מוז עס אים נאָכטאָן,
און גיט זיך דאָ געשווינד אַ כאַפּ,
און מיט זײַנע פֿליגל אַ קלאַפּ,
און גיט דאָ דעם גרויסן געשריי:
„קיקערעקי!" — אָט דאָס הייסט אַ קריי!

די הענער פֿון די שכנים
האָבן דערהערט דעם איינעם,
האָט עס זיי נישט געלאָזט קיי רי [1] —
אַלע האָבן געמוזט שרײַען: „קיקערעקי!"

דער שומר, וואָס גייט־אַרום בײַ נאַכט,
האָט זיך דעריבער זייער צעלאַכט:
— יאָ! — זאָגט ער — אוי! אוי! אוי!
עס איז שוין אין דער וועלט אַזוי:
איינער דאַרף נאָר אַ ליגנדל צו זאָגן,
ווערט עס באַלד אין שטאָט צעטראָגן...

דער וועווערק [2]

אין אַ וואַלד פֿון איין בוים צום אַנדערן
פֿאַרגלוסט זיך אַ וועווערק צו וואַנדערן
מיט אַ לויף און אַ שפּרינג,
גאָר ווי אַ פֿעדער גרינג.
דאָ איז ער געווען אויבן, דאָ אינטן,

[1] (פויל׳ דיאַלעקט) רו. (דער פּאָעט באַשטייט אויפֿן פּוילישן דיאַלעקט צו־ליבן גראַם).

[2] אַ קליינע וועווערקע, אַ שטיפער.

דאָ ווידער פֿאַרנט און דאָ הינטן;
באַלד לויפֿט ער אַהין, באַלד אַהער,
באַלד גאָר גלײַך, באַלד אין דער קווער;
איצט גיט ער ווידער אַ האָפּ
און שטעלט זיך אויף דעם קאָפּ;
דערנאָך גייט ער כּסדר עטלעכע טריט
און מאַכט זיך אַ קאָזשעליק[3] אין דער מיט;
און פּלוצלינג האָט ער זיך ווידער צעשטיפֿט
און גיט זיך אַ האָצקע הויך אין דער ליפֿט,
און בלײַבט אויבן אויף אַ שפּיץ בוים שטיין,
און קנאַקט זיך ניסלעך מיט די ציין.

— אָ־וואַ! — זאָגט די מאַלפּע — גרויסע זאַכן!
וואָס? איך וועל עס אפֿשר נישט נאָכמאַכן?
דו, שוטה! קוק דו זיך נאָר גאַנץ גוט צו,
וועסטו זען, אַז איך שפּרינג בעסער ווי דו.

און ווי איר טבֿע איז פֿון תּמיד אָן,
אַז זי מוז תּיכף איטלעכן נאָכטאָן,
גיט זי דאָ אַרויף אַ קלעטער
אויף אַ בוים פֿול מיט בלעטער,
און אַ שפּרונג־אַראָפּ אויף אַ שטייך,
און צעברעכט זיך אין אַ פֿוס אַ בייך.

*

נישט איין מאָל מוז איך זייער לאַכן,
אַז איך זע אַ נאַרישקייט נאָכמאַכן.

[3] קערט זיך איבער אויפֿן קאָפּ.

די רעדער

דאָס הינטערשטע ראָד פֿון אַ וואָגן
טוט זיך אַ מאָל צום פֿעדערשטן זאָגן:
— פֿאַר וואָס גייסטו דיר תמיד פֿרי׳ר?
איך בין דאָך גרעסער פֿון דיר!

דאָס רעדל ענטפֿערט צוריק:
— נו, גיב זשע נאָר אַליין אַ קיק,
אויב דו לויפֿסט געשווינדער און בעסער,
כאָטש דו ביסט פֿון מיר אַ סך גרעסער!
און מעגסט דיך נאָכפֿרעגן
אָט דאָ, די אַלע וועגן,
אַז סײַ צום פֿאָרן, סײַ צום זיצן
קען איך אפֿשר גיכער פֿון דיר ניצן.

*

נישט איינער רעדט זיך דאָס בײַ זיך אָן[4],
עס קומט אים כּבֿוד, ער איז קלוג און פֿאַן[5] —
פֿאַר וואָס? — ווײַל ער איז אַ גרויסער מאַן.

די ציגאַרן

„מיך, זאָגט ראובֿן, וועסטו מיט ציגאַרן
נישט אַזוי גרינג קענען אָפּנאַרן,
וואָרן איך בין שוין לאַנג געקימען
אויף אַ גוטן און ווילן סימן,
וואָס איך קען אויף דער שטעל דערקענען,
וואָס פֿאַר אַ ציגאַרן עס זענען“.

---

[4] איין. — [5](גאַליציאַניש) פֿיין.

— יאָ? — זאָגט צו אים זײַן ברודער שמעון —
איך בעט דיך, זאָג מיר אויך דעם סימן!

— ווי אַזוי מע קען דאָס דערפּרווון,
וועל איך דיך לערנען! — זאָגט ראובֿן —
דו רייכערסט דיר אַ ציגאַר,
וואָס איז גאַנץ טרוקן און דאַר
און גיסט גוט אַכטונג מיט פֿלײַס,
אויב די אַש פֿון איר איז ווײַס;
זעסטו, זי האָט אַ ווײַסע קאָליר,
מעגסטו דיך שוין פֿאַרלאָזן אויף מיר,
אַז דו האָסט אַ ציגאַר,
וואָס איז קינצלעך און ראַר [6].

— אוי, — זאָגט שמעון — וואָס נאַראָנים זענען!
אַלע נאַרישקייטן זענען פֿאַר זיי רעכט;
זיי ווילן ערשט נאָך דעם אַש דערקענען,
צי איז די ציגאַר געווען גוט צי שלעכט.

*

כ׳לעבן, ברידער! עס איז גאָר נישט גלײַך —
אַש־מבֿינים זענט עץ [7] פֿון גרויס ביז קליין!
לעבט יאָ אַ ווילער מענטש צווישן אײַך,
ווילט עץ אײַך אויף אים גאָר נישט פֿאַרשטיין;
נאָר דעמאָלט קריגט עץ אים זייער ליב,
ווען פֿון אים איז שוין נאָר דאָ אַש אין גריב.

[6] (לאַטיין) זעלטן, טייער. — [7] (פּויל׳ דיאַלעקט) איר.

דער שלום

דאָס פֿײַער זאָגט צום וואַסער גאַנץ קליג[8]:
— ווי לאַנג נאָך וועל'מיר אונדז לעבן אין קריג?
וואָס האָב איך צו דיר?
וואָס האָסטו צו מיר?
עס העט, כ'לעבן, געווען שיין און פֿײַן,
עס זאָל צווישן אונדז שוין תּמיד שלום זײַן.

דאָס וואַסער ענטפֿערט: — דו ביסט טאַקע גערעכט,
צו לעבן אין שׂנאה איז, כ'לעבן, גאַנץ שלעכט.
אָט לאָמיר שוין בײדע פֿון הײַנט
אויף תּמיד בלײַבן גוטע פֿרײַנד!

און זיי האָבן אָנגעהויבן בשלום צו לעבן
און האָבן זיך תּיכף אַ קוש געגעבן.
און עס האָט געקאָכט, געזאָטן, געזאָטן און געשפּריצט.
גלײַך עס העט געווען געדונערט און געבליצט,
און בײדע זײַנען אַזוי לאַנג געווען אין צאָרן,
ביז עס איז אויס בײדע גאָר נישט געוואָרן.

*

זײַנען צוויי מענטשן אַזוי נישט קליג
און לעבן פֿון אייביק אָן אין קריג,
נו, לייגט זיך אַ דריטער אַרײַן,
עס זאָל שוין שלום צווישן זיי זײַן;
וועל איך זיי נאָך מײַן עצה געבן,
זיי זאָלן תּמיד פֿון ווײַטן לעבן;
לאָזן זיי זיך ליב האָבן פֿון ווײַטן,
וועט דער שלום דויערן לאַנגע צײַטן.

---

[8] קלוג.

די מאַלפּע

„ווײַז מיר כאָטש אײנע צווישן די חיות
איך זאָל נישט נאָכמאַכן אירע העוויות!" —
אַזוי טוט זיך אַ מאַלפּעלע באַרימען
פֿאַר אַ פֿוקס, וואָס איז צו איר געקימען.

דאָס פֿיקסל ענטפֿערט תּיכּף צוריק:
— זאָג נאָר, דו, פֿאַרשיווע מאַרשעליק[9]:
ווען וועט אָבער דאָס אײַנפֿאַלן אַ גאַנץ יאָר,
ער זאָל דיך וועלן נאָכמאַכן אויף אַ האָר?

*

דאָס משל מעג, כ'לעבן, אָן אַ נמשל בלײַבן;
איטלעכער ווייסט עס אַליין צוצושרײַבן...

דער האָן

דער האָן, דער פֿײַנער יונג מיט שפּאָרן,
איז אויף זײַן באַלעבאָס בייז געוואָרן,
ווײַל ער האָט אים איין מאָל פֿאַרגעסן
צו דער צײַט צו געבן עסן.
— וואַרט נאָר — זאָגט צו זיך דער האָן —
איך וועל אים שוין בעסער אָפּטאָן.
ער דאַרף דאָך מאָרגן פֿרי אויפֿצושטיין
און תּיכּף אין שטאָט אַרײַן צו גיין,
לאָז אים וועקן ווער עס וויל...
איך וועל מיר זיצן גאָר שטיל...

[9] בדחן, אָנפֿירער אויף שמחות, אַמאָליקער טאָסטמייסטער.

איך וועל מיך, אָסור, פֿאַר אים נישט זאָרגן;
לאָז ער שלאָפֿן כאָטש ביז איבער מאָרגן...
פֿאַר טאָג ליגט דאָ דער באַלעבאָס און קלערט
און העט שוין גאָר זייער גערן דערהערט
פֿון זײַן האָן דעם ערשטן קריי,
פֿון זײַן וועקער דעם גרויסן געשריי.
אָט! ער איז שוין מיד געוואָרן צו ליגן,
און דער האָן האָט אַלץ נאָך געשוויגן.

און ער גיט זיך דאָ אַ כאַפּ־אויף אַצינד
און לויפֿט, און עפֿנט דאָ אַ לאָדן געשווינד —
און דער טאָג גיט אַ שײַן
אים פלוצלינג אין זײַן פנים אַרײַן.

— אָך איז מיר! וואָס איז דאָס? —
שרײַט גאָר בייז דער באַלעבאָס —
ווי געפֿעלט איַיך מײַן פאַרשיווער האָן?
ער האָט נאָך הײַנט קיין קריי געטאָן!
ער איז שוין, אָסור, נישט ווערט אַ פּריטה [10];
איך שיק אים תּיכף צו דער שחיטה.

דער באַלעבאָס האָט טאַקע וואָרט געהאַלטן
און שוין צו מיטאָג אויף צוויי געשפּאַלטן.

*

וויל נישט פֿאַר איטלעכן פיצל
תּיכף יענעם אָפּטאָן אַ שפּיצל.
אַז ניט, וועסטו אויך אַזוי אַ סוף האָבן,
ווי אונדזער האָן האָט זיך באַגראָבן.

---

[10] פּרוטה.

דער בעל־הלוואה

א בעל־הלוואה איז גאָר אין אַ קורצער צײַט
געוואָרן אַ גרויסער אַדיר, אַ גרויסער לײַט.
מיינסטו אַז דורך שאַכערן, גענאַרן און שווינדל־מלאָכה?
ניין, ער שווערט כּל־השבֿועות: נאָר דורך גאָטס ברכה.
נו, מוז ער דאָך כאָטש גאָט זײַן פֿרומקייט ווײַזן,
אַז ער האָט אַ בטחון גאָר שטאַרק ווי אײַזן;
אַז גאָט וועט זײַן פֿרומקייט דערהערן
און אים נאָך מער עשירות באַשערן;
האָט ער טאַקע נישט געזשאַלעוועט קיין געלט
און האָט אַ גרויס הקדש אויפֿגעשטעלט.

ווי ער האָט דאָס הקדש אַזוי פֿאַרטיק געמאַכט,
איז ער געשטאַנען און בײַ זיך נאָך געטראַכט,
ווי ער האָט פֿאַר גאָט און לײַט יוצא געווען,
האָט ער זײַנס אַ פֿרײַנד, אַ קלוגן יונג, דערזען:
— נישט וואָר — באַרימט ער זיך — עס איז שיין און פֿײַן?
וועלן קענען געוונג אָרעמע לײַט אַרײַן?
— יאָ — זאָגט דער קלוגער יונג — עס איז טאַקע גרויס און שיין,
נאָר איך מיין, עס וועט אַלץ נאָך זײַן גאָר צו קליין,
ווען עס זאָלן דרינגען [11] די אַלע פֿאַרשוויגנען,
וואָס דו האָסט בדלות געשטעלט וועלן וווינען!

*

דער קלוגער יונג האָט גוט געזאָגט — איך האָב הנאה:
נעם נישט קיין רווחים! פֿע, זײַ נישט קיין בעל־הלוואה!

---

[11] (פּויל׳ ריידאַרט) דאָרט אינעווייניק.

די ביקס

איך ווייס נישט, ווו דאָס האָט זיך גענומען
און פֿון וואַנעט דאָס איז געקומען,
אַז עס האָט אויף דעם וועג,
ווו מען גייט אויף דעם גערעג,
געפֿונען אַ מאָל אַ פֿיקס
אין מיטן וועג אַ ביקס.
ער איז דאָ מיט כּעס צוגעשפּרינגען,
די ביקס טאַקע גאָר אײַנצושלינגען:

— דו — זאָגט ער — גייסט דאָ אויף מײַן נשמה!
איצט וועל איך ערשט אין דיר האָבן אַ נקמה.
איך מוז דיך צעברעכן אויף שטיק־שטיקלעך,
דערנאָך וועל איך ערשט קענען לעבן גליקלעך.

— איך — זאָגט די ביקס — בין דאָך נאָר אַ שליח.
דו ביסט אַזוי שלעכט, וואָס איז נישט שכיח.
ווי קען דיך גאָר אויף מיר פֿאַרדריסן?
איך אַליין קען דאָך, אָסור, גאָר נישט שיסן.

— איך — זאָגט דער פֿוקס — טרײַב דאָ קיין קאַטאָוועס;
דו, נאָר דו ביסט דאָס מײַן מלאך־המוות!

און ער האָט אָנגעהויבן די ביקס צו בײַסן,
צו וואַרפֿן, צו פֿליקן און צו רײַסן.
פּלוצלינג האָט די ביקס אַ שאָס געגעבן
און דער פֿוקס האָט אויפֿגעהערט צו לעבן.

*

כ׳לעבן, איך האָב אַליין געזען אַ סך אירע,
ווען עס איז זיי געקומען אַ מאָל אַ שלעכטע בשׂירה [12],
זײַנען זיי געווען אַזוי גאָר נישט קליג
און האָבן געפֿירט מיט דעם שליח אַ קריג.

די צוויי הענער

צוויי געזונטע הענער, די רעכטע לײַט,
וואָס האָבן פֿאַר טאָג אַלע אויפֿגעוועקט,
האָבן אַ צײַט לאַנג זיך תּמיד געמײַדט,
ווײַל צווישן זיי האָט אַ שׂנאה געשטעקט.
אַ מאָל האָט עס זיך אָבער פֿאַרלאָפֿן,
די הענער האָבן זיך אָנגעטראָפֿן.
קוים האָבן זיי זיך דערזען מיט די אויגן,
איז איינער צום אַנדערן צוגעפֿלויגן
און האָבן גאָר איילן הויך געשפּרינגען,
איינער דעם אַנדערן אײַנצושלינגען;
דער האָט דעם בײַ דער קאַם געדזשובעט [13]
און דער דעם בײַ די אויגן געדלובעט [14],
און ווי מען צאַפּט וואַסער פֿון טונען,
איז פֿוןביידן דאָס בלוט גערונען;
זיי האָבן זיך בײַ די קעפּ געביסן
און די פֿעדערן גאָר אויסגעריסן.
קורץ, דאָס איז אַזוי געווען עטלעכע מאָל,
ביז ביידע זײַנען געבליבן נאַקעט און גאָל.
— זאָגטס נאָר מיר, וואָס איז דאָס? —

---

[12] בשורה. — [13] געפּיקט. — [14] געבאָברעוועט, געגראַבלט.

פֿרעגט זייער בייז דער באַלעבאָס —
וואָס איז דער ליאַרעם, דאָס געשריי?
פֿאַר וואָס איז דאָס געהרגעריי?

— וואָס? — שרייט איינער — ער וועט דאָס ווערטער פֿאַרדרייען?
און קי־קע־רע־קי, ניט קו־קע־רע־קו קרייען?
וואַרט, איך וועל אים שוין ווייזן,
ווי מען קרייעט מיט גרייזן!
— איך קריי — שרייט דער אַנדערער האָן —
קי־קע־רע־קי שוין פֿון אייביק אָן!
מיר קען איטלעכער האָן זאָגן עדות,
וואָס האָט געהערט קרייען מיינע זיידעס,
וואָס דו מוזסט זיך צען מאָל אָפּשווענקען,
דו זאָלסט זייער נאָמען געדענקען,
אַז זיי האָבן געקרייעט קי־קע־רע־קי
און נישט מיט גראָבע גרייזן אַזוי ווי די[15]!

דער באַלעבאָס הייבט־אָן זייער צו לאַכן:
— הערטס־אויף מיט אייערע נאַרישע זאַכן!
ביי מיר איז דאָס אַלץ איינערליי.
איך דאַרף נאָר האָבן אייער געשריי,
קרייעטס קי־קע־רע־קי, קרייעטס קו־קע־רע־קו,
אַבי וועקטס מיך נאָר תּמיד אויף צו דער שעה!

*

צווישן אונדזערע לומדים, רבנים,
טרעפֿט מען אַ מאָל אויך אַזעלכע נאַראָנים,
וואָס רייסן זיך שיער נישט ביי די האָר

---

[15] דו.

און קריגן זיך אַוועק לאַנגע יאָר,
און זידלען זיך אַוועק גאַנצע צײַטן
איבער אַן אות, וואָס עס קען באַטײַטן.
דער ברענגט אַ ראַיה פֿונעם שיטה מקובצת [16]
און שעלט זײַן חבֿר מיט קללות נמרצות [17],
און דער פֿאַררופֿט זיך אויף דער קבלה
און גיט דעם חבֿר דאָפּלט די קללה;
צום סוף קומט זיי בײדע גאָר נישט אַרויס,
וואָרן דער פּשט לאַכט זיי בײדע אויס.

די שער

צווישן בײדע קלינגען פֿון אַ שער
איז געווען אַ שׂנאה גרויס און שווער.
איטלעכע באַזונדער פֿאַר זיך אַליין
איז געווען טאַקע קינצלעך און שיין,
זייער גוט פּאָלירט, גאַנץ שאַרף און גלאַט,
זיי האָבן קיין שום פֿעלער געהאַט;
נאָר צי פֿאַר גאווה, צי פֿאַר קנאה
האָט צווישן זיי געשטעקט אַ שׂנאה.
שלעכטס טאָן האָבן זיי זיך פֿאָרט נישט געקענט,
כאָטש די שׂנאה האָט זייער שטאַרק געברענט;
נאָר זיי פֿלעגן זיך תּמיד צו מײַדן,
ווײַל זיי האָבן זיך נישט געקענט לײַדן.

אַ שטיק שמאַטע פֿלעגט בײַ זיי צו זײַן,
וואָס זיי האָבן זיך מיט איר אָפּגעווישט.

[16] אַנטאָלאָגיע פֿון תּלמודישע חידושים. — [17] גראָבע, וווּלגאַרע.

איר איז פּלוצלינג גאָר אין זין אַרײַן
און האָט זיך צווישן זיי אַרײַנגעמישט.
זי איז געגאַנגען אַהין און אַהער
און האָט דערציילט זאַכן פֿון דער צו דער;
וואָס די האָט גערעדט,
וואָס די האָט געמאַכט,
ווי די האָט געשפּעט,
ווי די האָט געלאַכט.
אַזוי פֿלעגט זי שמועות צוצוטראָגן
און וואָס זי האָט געהערט — אָפּצוזאָגן.

דערקעגן[18] הער איך זאָגן בײַ לײַט,
אַז אויף איטלעכער זאַך קומט אַ צײַט.
די קלינגען האָבן זיך מיישבֿ געווען,
זיי ווילן זיךביידע פֿאָרט אַ מאָל זען.
זיי זײַנען ביידע צונאַנד געקומען,
האָבן די שמאַטע מיט זיך גענומען;
זיך האָבן זיי נישט געטאָן קיין רעכטס,
נאָר האָבן זיי צווישן זיך אין מיטן
דאָס שמאַטקעלע אויף שטיקלעך צעשניטן.

*

הער נאָר צו, דו, קליינער!
זע, היט דיר די ביינער
און גיי דיר בעסער גאָר אָן אַ זײַט
בײַ אַ מחלוקת פֿון גרויסע לײַט;
זע, מיש דיך נישט אין זייער קריג אַרײַן,
וואָרן דו וועסט דאָס כּפּרה־הינדל זײַן.

---

[18] להיפּוך, פֿאַרקערט.

די דרײַ זין

אין יאָרן אַלט און אין גיטער רײַך,
צעטיילט צווישן דרײַ קינדער גלײַך
אַן ערלעכער מאַן, אַן אַלטער באַלעבאָס,
זײַנע צונאַנדגעפּראַצעוועטע [18] נחלאות.

„אַ פינגערל — זאָגט ער — האָב איך נאָך אין מײַן פאַרמעגן,
דאָס באַהאַלט איך אָבער נאָר פאַר דעם זונס וועגן,
וועלכער פון מײַנע דרײַ זין
וועט די גרעסטע מצווה טין״.

און דעם פאָטערס צוזאָג צו דערלאַנגען,
זעט מען די דרײַ קינדער זיך צעגיין.
דרײַ חדשים זײַנען שוין אַוועקגעגאַנגען,
זעט דער פאָטער די קינדער פאַר זיך שטיין.

דער עלטסטער זאָגט פריז'ר:
„עס וועט זײַן אַ וואָך פיר,
איז מײַן חבֿרס גאַנץ פאַרמעגן
בײַ מיר אין מײַן קופערטל געלעגן;
ער האָט גאָר נישט געהאַט אויף מיר,
קיין שום וועקסל, קיין שום פאַפיר,
און איך זאָל אַזוי געזונט זײַן און לעבן,
ווי איך האָב אים אַלץ ערלעך אָפּגעגעבן!״

„דו האָסט — זאָגט דער אַלטער — מײַן ליבער זון,
געטון וואָס איטלעכער איז מחויבֿ צו טון״.

---

[18] מיט שווערער פּראַצע (האָרעוואַניע) צונויפגעקליבענע.

„איך — הייבט־אָן דער מיטלערער צו זאָגן —
פֿאַר מיר דאָ אַנומלט אויפֿן וואָגן,
פֿאַלט פּלוצלינג אין טײַך אַרײַן אַ קינד.
איך לויף אָבער תּיכף אַהין געשווינד,
ווי אַ פֿויגל בין איך טאַקע געפֿלויגן
און האָב עס לעבעדיק אַרויסגעצויגן;
איך האָב עס אין דאָרף אַרײַנגעטראָגן —
דאָס גאַנצע דאָרף קען מיר עדות זאָגן".

„פֿאַר דעם — האָט דער פֿאָטער צו ענטפֿערן אָנגעהויבן —
קומט דיך, מײַן זון, נאָך נישט אַזוי שטאַרק צו לויבן.
ווער פֿון אונדז עס טוט נישט אַזוי,
דער מוז זיך שעמען, אוי, אוי, אוי!
אמת, דײַן מעשׂה איז שיין און גאַנץ גיט,
אָבער נאָך אַלץ קיין מצווה ניט".

דער יינגסטער זאָגט: „בײַ זײַנע שאָף
איז מײַן שׂונא אָנגעפֿאַלן אַ שלאָף
דאָרט, בײַ דעם גרויסן, טיפֿן טײַך, וואָס איז אין טאָל.
צווישן אים און דעם טויט איז שוין געווען גאַנץ שמאָל.
בײַ דעם ערשטן ריר העט ער אַראָפּגעזונקען,
בײַ דעם קלענסטן רוק העט ער געווען דערטרונקען.
איך אָבער האָב אים מציל געווען און אויפֿגעוועקט"...

„איצט — האָט דער אַלטערביידע הענט אויסגעשטרעקט —
נאָ! דאָס פֿינגערל איז דײַן, מײַן ליבער זון!
ווייל דעם, וואָס קען זײַן שׂונא אויך גוטס טון".

די אַסיפֿה

נאָך דעם לייבס, דעם גיבורס, טויט
זײַנען די חיות געבליבן אין אַ נויט;
זיי זײַנען געבליבן אָן אַ פֿירער,
איטלעכער האָט געוואָלט ווערן רעגירער.
ווי די חיות האָבן דאָס געזען,
האָבן זיי זיך אַלע מיישבֿ געווען
און האָבן זיך אַלע צונאַנדגענומען,
און זײַנען אויף איין אָרט צונאַנדגעקומען,
און האָבן אָנגעהויבן נאָכצוקלערן,
ווער פֿון זיי עס זאָל רעגירער ווערן.

דער ערשטער איז געווען דער טיגער,
וואָס איז געקומען צו שוועבן.
„ניין! — זאָגן די חיות — ער איז אַ קריגער;
אונדז וויל'מיר רויִק לעבן".

דער עלטסטער פֿון די בערן
האָט געוואָלט רעגירער ווערן:
„דער טענצער — האָבן די חיות געשריגן —
האָט פּלוצלינג אויך גאָר חשק געקריגן,
אויף דער עלטער צו ווערן אַ רעגירער?
ניין, ניין, לאָז ער גיין טאַנצן פֿרי'רער!"

דער הערש איז געקומען דערהיצט,
מיט זײַנע הערנער פֿאַרשפּיצט,
און זאָגט מיט גרויס חן:
„ווער איז ווי איך אַזוי שיין?
מיך זאָלט עך צוהערן:
איך וועל רעגירער ווערן!"

„וואָס טויג אונדז דײַנע שיינע העוויות" —
ענטפֿערן מיט אַ מאָל אַלע חיות —
שיינקייט אַליין איז גאָר נישט גענוג,
אַז מען איז נישט דערצו גאַנץ קלוג!"
דער פֿוקס, דער חרוץ, האָט זיך נישט וויסן געמאַכט,
וואָרן ער האָט זיך בײַ זיך אַזוי געטראַכט:
„איטלעכן, ווער עס וועט נאָר רעגירן,
וועל איך דאָך בײַ דער נאָז אַרומפֿירן;
ליבער וועל איך מיר גאָר זיצן שטיל,
לאָז זײַן אַ רעגירער, ווער עס וויל".

דעם אייזל, דעם שוטה, דעם גרויסן נאַר,
האָט זיך אויך געגלוסט צו ווערן אַ האַר.
„נו — זאָגט ער — לאָמיר נאָר קלערן,
פֿאַר וואָס זאָל איך נישט רעגירער ווערן?
וואָס פֿרעגט עץ דאָ פֿאַר אַ שאַלה,
איך האָב דאָך פֿון אַלע די גרעסטע מעלה;
איך בין דאָך דאָס אַ מיוחס פֿון אַלטע צײַטן,
די גרעסטע לײַט פֿלעגן אויף אייזלען צו רײַטן.
אויף מײַן עלטער־עלטער־זיידע
איז אַבֿרהם געריטן צו דער עקדה.
און דאָס, וואָס בלעם איז ד'רויף געריטן,
איז געווען מײַן פֿעטערס לײַבלעכער מחיתן [19],

און דאָס ווייס איך אויך גאַנץ קלאָר,
אַז דאָס אייזל פֿון ר' פנחס בן יאיר
(איך האָב עס תמיד פֿון מײַן פֿאָטער געהערט),
אַז דער צדיק האָט זיך מיט אונדז אָנגעקערט".

[19] מחותן.

מיט דעם אייזל, דעם יחסן, דעם אַלטן,
האָבן זײַנע קרובֿים די פֿערד געהאַלטן
און האָבן אים געזאָגט אַלע עדות,
אַז זיי האָבן געהערט פֿון זײַנע זיידעס.

איצט איז דער פֿוקס שוין בייז געוואָרן
און זאָגט צום אייזל מיט גרויס צאָרן:
„גיי דו צו אַלע ריחות[20]
מיט דײַן פֿאַרשיווע יחוס!
הערסטו, דו גרויסער שוטה, דו עזות־פּנים!
אויף אייזלען זײַנען טאַקע געריטן צדיקים, רבנים,
אָבער עץ[21], אייזלען, בלײַבט תּמיד נאַראָנים,

אַזוי ווי די אָבֿות, אַזוי די בנים.
חיות! מײַן דעה וועט אײַך אַלע געפֿעלן:
איך וויים, עץ וועט אַוודאי אַזוי וועלן;
וואָס קלערט עץ אַהער, וואָס קלערט עץ אַהין —
רעגירער זאָל ווערן אונדזער רעגירערס אַ זין[22]!"

„יאָ, יאָ!" האָבן אַלע חיות געשריגן;
נאָר דאָס אייזל האָט שטיל געשוויגן.

*

פֿרעגטס נאָר נאָך בײַ איטלעכן ראש־הקהל,
אַז אַזוי אַן אַסיפֿה טרעפֿט זיך אַלע מאָל.

[20] רוחות. — [21] איר. — [22] זון.

דעם לייבס משפּט

דאָרט, אונטן, אויף די וויסטע פּעלדער
זײַנען די חיות געקומען פֿון די וועלדער,
איטלעכער מיט זײַן קלאָג און זײַן באַגער
פֿאַר דעם לייב און פֿאַר זײַן יועץ, דעם בער.

די קו, נעבעך, קומט צום ערשטן און קלאָגט,
אַז נעכטן פֿרי, איידער עס האָט געטאָגט,
איז אַ גזלן, זי ווייסט נישט ווער, געקומען
און האָט איר, נעבעך, איר קעלבל גענומען.

דער לייב קוקט זיך אום און וויל דאָ הערן,
אויב עמעצער ווייסט נישט דערפֿון.
„איך — זאָגט דער וואָלף — קען הייליק שווערן,
אַז איך האָב דאָס נישט געטון;
מען קען דאָס איצט אויף מיר ניט זאָגן,
וואָרן איך בין שלאָף אויף מײַן מאָגן“.

„שווײַג!“ — שרײַט דער לייב — דאָס איז מײַן סימן,
אַז דו, נאָר דו האָסט דאָס קעלבל גענימען;
וואָרן איך זע, אַז דײַן געוויסן
לאָזט דיך, גזלן, אַליין נישט רוען;
דו האָסט דאָס קעלבל צעריסן —
דיר זאָל דער בער דאָס אייגענע טוען!“

און אין דעם וואָלפֿס בויך האָט מען האַלב
געפֿונען פֿון דעם אייגענעם צעריסענעם קאַלב.

*

פֿאַרענטפֿערסט דו דיך פֿרי׳ר,
איידער מען באַקלאָגט זיך אויף דיר,
קען איטלעכער שוין מיט זײַן שׂכל אָנזען,
אַז מע האָט דיך נישט אומזיסט חושד געווען.

די צוויי פּערדלעך

צוויי פּערדלעך, שיין איַינגעשפּאַנט,
שמועסן זיך אַזוי צווישן אַנאַנד [23].
„זעסטו, דער פּורמאַן איז אַוועקגעגאַנגען
און האָט די לייצעס אויפגעהאַנגען.
לאָמיר זיך נאָר צעיאָגן
מיט דעם גרינגן וואָגן.
לאָמיר אים גאָר איבערקערן,
עס זאָל אַלץ צעבראָכן ווערן;
לאָמיר זיך אונדז מאַכן פריַי:
וואָס טויג אונדז זיַין פאַסקודנע בריַי [24]?
לאָז ער וויסן, דער גרויסער כּעסן,
ער זאָל אונדז שוין נישט מער שמיַיסן!"

„גוט — זאָגט זיַין ברודער —
לאָמיר געבן אַ רודער!"

און ווי ער האָט דאָס געזאָגט,
האָבן זיי זיך שוין צעיאָגט.
זיי זיַינען געפלויגן איבער דער גאַס
און האָבן פאַרלוירן אַ גרויס פאַס,
זיי האָבן פאַרריסן די קעפּלעך
און צעבראָכן אַ שטעל מיט טעפּלעך,
און אַ טישל מיט גלעזלעך,
און אַ קויבער מיט קעזלעך;
זיי האָבן איבערגעפאָרן אַ קינד
און צעטראַטעוועט [25] אַ שיינעם הינט;

---

[23] איינע מיט די אַנדערע. — [24] טומלען (קאָכן). — [25] צעטראָטן.

און אין מיטן דער שטאָט
האָבן זיי פֿאַרלוירן אַ ראָד.
און ווער עס האָט זיי געוואָלט איינהאַלטן,
האָבן זיי שיִער דעם מוח צעשפּאָלטן.

און ווי זיי ווילן איבערן וואַל [26],
אַז זיי גיבן דאָ ניט אַ פֿאַל
ביידע מיט אַ מאָל
אַראָפּ אונטן אין טאָל
און האָבן זיך אויף שטיינער
צעבראָכן גאָר די ביינער.

*

נישט איינער לאָזט־אַראָפּ די נאָז,
ווײַל ער האָט איבער זיך אַ באַלעבאָס,
און מאַכט זיך אַליין גאָר פֿאַרגעסן,
אַז דער באַלעבאָס גיט אים צו עסן,
און וויל נאָר אַלץ אין איינעם דערקלערן,
ווי ער זאָל דעם באַלעבאָס פּטור ווערן;
דערנאָך ליגט ער אָבער אין דער ערד,
ווי אונדזערע צוויי פֿאַרשאַרטע [27] פֿערד.

---

[26] גראָבן, קאַנאַל. — [27] חוצפּהדיקע, פֿאַרשייטע.

די צוויי ציגן

צוויי אַלטע ציגן, די רעכטע נאַראָנים,
וואָס דער נאַר ליגט זיי אויפֿן פּנים,
גיבן זיך דאָ בײַם בערדל אַ גלעט
און שמועסן זיך מיט גרויס געשפּעט:
„ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט
און דעם פֿוקס אַ שם געמאַכט,
אַז דעם גרעסטן שׂכל
האָט נאָר ער אין מוחל?
ווייסטו, איך זאָל אַזוי זײַן געזינט,
ווי איך געדענק נאָך אַזוי ווי אַצינד,
ווי דער פֿוקס האָט אַ מאָל אָנגעהויבן
דעם לייב, דעם מלך, זייער צו לויבן,
האָט ער דעמאָלט עפּעס געזאָגט אַ דרשה,
עפּעס קעגן דעם צדיק און דעם רשע:
איך זאָל נישט אַוועקגיין פֿון דאַנען,
אויב איך האָב כאָטש איין וואָרט פֿאַרשטאַנען.
כ'לעבן, ווי איך בין אַ ציג!
דער פֿוקס איז גאָר נישט קליג!“

*

עץ, וואָס לאַכט־אויס פֿרעמדע ספֿרים
פֿון מזרח, מערבֿ, צפֿון און דרום —
אַלע פֿון גרויס ביז קליין:
שטויסט [28] אײַך, וואָס איך מיין!

[28] פּאַלט אויפֿן געדאַנק, טרעפֿט!

צוויי גוטע פֿרײַנד

דער וואָלף מיט דער שלאַנג,
גוטע פֿרײַנד שוין פֿון לאַנג,
באַחשבונען זיך אַ מאָל
דאָרט, אונטן, אין טאָל,
ווער פֿון זיי עס האָט מער
גוטס געטאָן ביז אַהער.

דער וואָלף דערציילט צום ערשטן:
„איך גיי אַ מאָל איבערן גערשטן —
עס האָט דעמאָלט זייער שטאַרק גערעגנט —
האָב איך פּלוצלינג אַ שעפּעלע באַגעגנט.
דאָס קעפּעלע, נעבעך, אײַנגעבויגן,
פֿאַרנעצט ביז איבער די אויגן,
פֿון אויבן ביז אַראָפּ פֿון בלאָטע שוואַרץ;
עס האָט מיך אַזש געריסן בײַם האַרץ.
עס האָט זיך, נעבעך, געמיטשעט,
עס האָט געבעקעט און געקוויטשעט,
האָב איך פֿאַר גרויס רחמנות —
דו קענסט דאָך מײַן ישרנות [29] —
עס נאָר אַזוי אַ קליינעם ביס געגעבן,
האָט עס אויפֿגעהערט צו לעבן.
עס האָט שוין נישט געפֿרעגט נאָך דעם רעגן,
וואָרן עס איז זיך שוין גאַנץ רויִק געלעגן“.

„ביסטו — זאָגט די שלאַנג — נאָך געקימען
מיט דער שיינער מעשׂה דיך באַרימען?
שעם דיך אין דײַן ווײַטן האַלדז אַרײַן!
איך העט גאָר נישט געקענט אַזוי שלעכט זײַן!
זעסטו, איך האָב דעם פֿאַסטעכס זון

[29] געפֿיל פֿאַר יושר.

טאַקע יאָ אַ גרויסע טובֿה געטון.
עס וועט זײַן אין דעם אַ וואָך דרײַ,
הער איך פּלוצלינג אַ גרויס געשריי
דאָרט בײַ דעם פֿאַסטעך אין שטוב.
איך קריך מיר אַרויס פֿון מײַן גרוב,
און ווי איך קום דאָרט אַהין,
ליגט, נעבעך, דעם פֿאַסטעכס זין
אויסגעשטרעקט אויף דער ערד,
מיט דעם פּנים איבערגעקערט,
און דער פֿאָטער האָט אים אַזוי געשמיסן,
עס האָט מיך אַזש בײַם האַרץ געריסן.
(דער זון איז, פּראַווודע[30], געווען שיכּור,
נאָר דאָס געהער גאָר נישט צום עיקר).
און מיך תּיכּף נוקם צו זײַן,
קריך איך מיר אין אַלקער[31] אַרײַן
צו דעם פֿאַסטעכס קראַנק ווײַב
און גיב איר אַ ביס אין לײַב.
זי האָט, פּראַווודע, נאָך געשריגן,
אָבער טויט איז זי געבליבן ליגן".

„דו ביסט — זאָגט דער וואָלף — זייער שלעכט:
דאָס איז אַוודאי נישט געווען רעכט;
שעם דיך אין דײַן ווײַטן האַלדז אַרײַן!
ווי קען מען גאָר אַזוי נישט ווערט זײַן?!"

*

דאָס, וואָס איטלעכער טוט אַליין,
הייסט בײַ נ׳אים רעכט און שיין;
נאָר דאָס, וואָס יענער טוט,
הייסט בײַ נ׳אים גאָר נישט גוט.

---

[30] (סלאַוויזם) וואָס אמת. — [31] קליינער שלאָף־חדר.

טעמערל מיט דעם האָן

די אַלטע טעמערל
האָט געהאַט אַ קעמערל,
ווו נאָר הענער אַליין
פֿלעגן אַרומצוגיין.

אַ מאָל האָט זי געקויפֿט אַ הענדל,
מאָגער און דאַר ווי אַ שפּענדל.
ווי דאָס הענדל איז אַהין געקומען
און האָט זיך נאָר צום עסן גענומען,
איז צוגעלאָפֿן אַ האָן, אַ גרויסער כּעסן,
און האָט אים אָנגעהויבן אַזוי צו בײַסן,
אַז אין איין האַלבער מינוט
איז דאָס הענדל געווען צעבלוט.

טעמערל הייבט־אָן מיט גיטן
נאָך אַ ביסל האָבער צו שיטן.
אָט! דער האָן פֿאַלט שוין ווידער צו
און לאָזט דעם הענדל גאָר קיין רו.
איצט איז שוין טעמערל בייז געוואָרן
און שרײַט צום האָן מיט גרויסן צאָרן:
„דו ועסט דאָס אַלץ נישט גענוג האָבן?
וואַרט, איך וועל דיך בעסער באַגראָבן!"
צום שוחט האָט זי דעם האָן געשיקט
און אויף אָנבײַסן אים אָפּגעפּליקט.

*

האָט דיר גאָט פּרנסה געגעבן,
לאָז זשע דײַן חבֿר נעבן דיר לעבן;
אַז נישט וועט דיר גאָט אַזוי טאָן,
ווי טעמערל האָט געטון דעם האָן.

דער דאָרן

עס יאָמערט און קלאָגט אַ מאָל אַ דאָרן:
„וואָס פֿאַר אַ שלעכטע צײַטן זײַנען דאָס געוואָרן!
עס זײַנען שוין נישטאָ יענע גוטע צײַטן,
ווען איך בין געווען באַוואַקסן פֿון אַלע זײַטן
מיט בלעטער גרין ווי אַ גראָז
און מיט פּירות גאָר אָן אַ מאָס.
עס איז טאַקע געווען אַ נחת מיך אָנצוקוקן,
אַפֿילו מײַן שאָטן פֿלעגט מענטשן צו דערקוויקן.
איצט בין איך דאַר און מאַט,
האָב קיין פּרי, האָב קיין בלאַט,
האָב קיין כּוח, האָב קיין קראַפֿט,
ווי אַ שטיק שטיין גאָר אָן זאַפֿט.
אוי, איך האָב מיך קיין מאָל נישט גערעכט[32],
אַז צײַטן זאָלן קענען ווערן אַזוי שלעכט".

*

אַזוי הער איך אַלץ קלאָגן בײַ לײַטן:
„עס זײַנען אַצינד זייער שלעכטע צײַטן!"
איך זאָג, די אַלטע צײַטן זײַנען נאָך דאָ:
יאָרן, חדשים, וואָכן, טעג און שעה —
נאָר זײַנען די מענטשן אַליין זייער שלעכט געוואָרן,
ווי אויס דעם שיינעם בוים דער מיאוסער דאָרן.

---

[32] געריכט, דערוואַרט.



רעפּראָדוקציע פון אַ בלאַט סערקעלע אין כתב־יד

סערקעלע

אָדער

די יאָרצ״ײט נאָך אַ ברודער

גאָר אַ נײַ טעאַטער־שטיק אין 5 אויפֿציִען

Motto:

Kein Laster ist so albern, das sich nicht
Der Tugend Anstrich anzukünsteln wüsste.[1]

"Der Kaufmann von Venedig".

---

[1] (פון שעקספּירס שײַלאָק) קײן שום עבירה איז נישט אַזוי נאַריש, אַז זי זאָל נישט קענען זיך פֿאַרשטעלן אונטער דער מאַסקע פון אַ מצווה.

פאַרשוינען:

ר׳ משה דאַנצקער, אַן אויפגעקומענער עושר.

סערקעלע, זײַן װײַב.

פריידע־אַלטעלע, זייער טאָכטער, זי רופט זיך אַן
אויף דײַטש **פרידעריקע.**

הינדע, אַ יתומה, סערקעלעס ברודערנטאָכטער.

ר׳ גבריאל הענדלער, אַ שפּעקולאַנט.

מאַרקוס רעדלעך, אַ סטודענט װאָס לערנט זיך דאָקטערײַ.

ר׳ יוחנן, אַ שדכן.

אַ פרעמדער.

אַ דאָקטער.

ר׳ שמעלקע טרויניקס, אַ ליטװאַק, דער באַלעבאָס פון דעם
גאַסטהויז װאָס הייסט **די מרגלים.**

בערל, זײַן הויזיונג.

חוה, אַ דינסטמויד	}	ביידע בײַ **ר׳ משה דאַנצקער.**
חיים, אַ משרת		

ירחמיאל, אַ משרת בײַ ר׳ גבריאל הענדלער. ער זאַהיקעט
זיך, אַז ער רעדט.

שמשים און **לאַמפּערטעס** [2]

די מעשה איז אין לעמבערג

---

[2] נאַכשלעפּערס, טויגעניכטן, שטיפערס, לצים.

אַ וואָרט פּרי׳ר [3]

סאַמע גוטס נאָר גאָר אַליין
קען אין דער וועלט נישט באַשטיין;
וואָרן ווי אַזוי קען מען וויסן, אַז עס איז גיט,
אַז מען ווייסט גאָר פון דעם שלעכטן ניט.
איך בין אַזוי קלוג,
עס איז פאַר מיר גענוג,
אַז מען וועט אין דעם ביכל דרינען,
כאָטש נאָר אַ ביסעלע גוטס געפינען.
סערקעלע! גיי אין דער וועלט אַרײַן,
לאָז מען דיך אַ ביסל דערקענען.
איינער וועט זאָגן, דו ביסט גוט און פײַן,
דער אַנדערער וועט דיך פאַרברענען.
איך בעט אָבער נאָר דאָס איינע —
עס איז אַ בקשה, אָבער גאָר אַ קליינע —
לאָז מען טון מיט סערקעלען, וואָס מען וויל,
נאָר קעגן מיר לאָז מען זײַן גאָר שטיל.

דער מחבר

[3] פרי׳ער, פאָרויס, פראָלאָג.

ערשטער אויפצי [4]

אַ שטוב ביי ר׳ משה דאַנצקער מיט דריי טירן: איינע אין דער רעכטער זייט, וואָס מען גייט דורך איר צו די איבעריקע שטובן; איינע אין דער לינקער זייט, וואָס מען גייט דורך איר צו סערקעלעס שלאָף־חדר; און איינע אין דער מיטן, וואָס מען גייט דורך איר אויף דער גאַס אַרויס. אין דער שטוב שטייט אַ ביסל מעבל, דהיינו: אַ קאַנאַפּע מיט עטלעכע שטילעכער, אַ שאַפּע, אַ קאָמאָדע; אויף דער וואַנט הענגט אַ שפּיגל און נאָך איין שפּיגל, אַ גרויסער, שטייט קעגנאיבער דער טיר, וואָס איז אויף דער רעכטער זייט, אויף דער ערד; און אין מיטן דער שטוב שטייט אַ קיילעכדיקער טיש.

ערשטער אַריינקום

חיים אַליין, דערנאָך חווה

חיים — שטייט ביי דער טיר, וואָס גייט אויף דער גאַס אַרויס, און מאַכט זי צו. דערנאָך ציילט ער פֿון איין האַנט אין דער אַנדערער אַריין געלט. איינס, צוויי, דריי צוואַנציקער, אָ, וואַ, כ׳לעבן, אַ רייניש מינץ [5], דאָס הייסט אַ ביסל אַ גוטער מענטש געווען! אָט ביי אַזוי אַ באַלעבאָס, ווי דער ר׳ גבֿריאלכן איז, איז טאַקע גאַר אַ תענוג צו זיין — עס איז גאַר עפּעס אַנדערש, ווי ביי מיין באַלעבאָס. מען דאַרף נישט אַ מאָל די האַנט אין קאַלט וואַסער אַריינצוטון און מען פֿאַרדינט שיין געלט. העט? יאָ, מאָנטיק, און היינט איז ער דאָ געווען, האָט ער מיר, כ׳לעבן, שוין צוויי רייניש מינץ געגעבן. אַי, אַלטעלע איז, אָסור, גאָר קיין נאַר נישט. איך זאָל זיין אַ מיידל, העט [6] איך

---

[4] אַקט (אַרויפֿצי׳ פֿון פֿאָרהאַנג). — [5] מטבע, קליינגעלט. — [6] וואָלט.

אים אויך ליב געהאַט. און פֿאַר וואָס דען נישט? ער איז דאָך טאַקע אַ גוטער מענטש, אַ קלוגער מענטש, אַ שיינער מענטש. הלוואַי אויף מיר כאָטש די העלפֿט געזאָגט, העט חווה מיט מיר געוועזן אַנדערשט געשמועסט. וואָס די טראַכט זיך, קען איך, אָסור, נישט פֿאַרשטיין! ער שטעלט זיך קעגן דעם גרויסן שפּיגל, וואָס שטייט אויף דער ערד. כ׳לעבן, איך בין אויך קיין מיאוסער יונג נישט, האָב אויך געקרײַזל־טע פּאהלעך. נו, און אַז איך בין יאָ שוין אַ ביסל געשטופּלט — אָ, וואָ, בײַ נאַכט זײַנען אַלע אָקסן שוואַרץ! ער מאַכט אַלע מאָל אַן אַנ־דערע העוויה קעגן דעם שפּיגל. איך זאָל נאָר וויסן, וואָס פֿאַר אַ פּנים איך זאָל מיר מאַכן, איך זאָל איר קענען געפֿעלן! אַזוי? ביין — אפֿשר אַזוי? אי, פֿע! אַזוי גייט זיך דאָך גאָר די גאַל איבער פֿאַר מיר. אָ, וואָ! אַזוי? כ׳לעבן, קיין חיות נישט. חווה קומט צו גיין דורך דער טיר, וואָס איז אין דער רעכטער זײַט, גאַנץ שטיל. בלײַבט שטיין און קוקט־צו, ווי חיים מאַכט העוויות קעגן דעם שפּיגל. חיים דערזעט זי אין דעם שפּיגל, פֿאַרדרייט זיך נישט, נאָר שמועסט זיך ווײַטער צו איר אין שפּיגל אַרײַן, חווה־לעבן! איך האָב דאָך דיך, כ׳לעבן, זייער ליב. פֿאַר וואָס האָסטו מיך נישט אַזוי ליב? קוק מיך אַצינד אָן, איך בין, אָסור, נישט מיאוס, דו ביסט נאָר אַ ביסעלע אײַנגעשפּאַרט. און זעסטו... ער קלינגט אין דער האַנט מיט דעם געלט. געלט האָב איך אויך! חווה לאַכט זייער הויך און אַנטלויפֿט. חיים לויפֿט איר נאָך אויף דעם שפּיגל אַרויף און פֿאַלט־אַרויף און פֿאַלט־אַנידער, צע־ברעכט דעם שפּיגל און צעשיט דאָס געלט.

צווייטער אַריינקום

סערקעלע, חיים

סערקעלע — אוי, ווי מיר! וואָס איז דאָס, וואָס איז דאָס?! איך בין אַוועק! זי האַלט זיך בײַ די זײַטן. אוי; האָב איך זשע יאָ כּוח אַזוי צו שרײַען? משוגע זאָלסטו שוין ווערן! וואָס האָסטו געטון? דעם גוטן שפּיגל! מײַן בייזער חלום זאָל זיך צו דײַן קאָפּ אָנהייבן

און אויסלאָזן, דו גנבֿ! דו, פּושע ישׂראל! האָב דיר אַ שוואַרץ יאָר, אוי, וויי, מײַנע כּוחות! דער יונג וועט מיר נאָך דעם טויט מאַכן! אַז טאָג און נאַכט זאָל זיך אַ יונגאַטש נאָר שפּיגלען. העט ער כאַטש שיין געווען, העט מיך שוין אַזוי נישט געאַרט, אָבער אַזוי אַ פּאַסקודניק!... וואַרט נאָר, וואַרט, לאָז נאָר מײַן מאַן אַהיימקומען! מײַן משה וועט דיר שוין געבן פֿאַר ס׳דײַניקע, איך, ווייסט איין גאָט, האָב שוין קיין כּוח נישט, מיר דאָס געזונט מיט אײַך אָפּצורײַסן. אוי, וויי, מײַנע כּוחות!

חיים — הייבט זיך פּאַמעלעך אויף, קלײַבט דאָס געלט און די שטיקלעך שפּיגל צונאַנד און זאָגט אין דער שטיל צו זיך. נאָך דאָס שלימזל האָט מיר געפֿעלט, אַז די מיוחסת זאָל גראָד אָנקומען אויף מײַנע צרות. ער קרעכצט הויך. אוי, מײַן קאָפּ! אוי, מײַן קאָפּ! איך האָב מיר גאָר דערהרגעט!

מערקעלע — אַ מצווה גדולה, ווער געהרגעט פֿאַר אַלע ייִדישע קינדער! וואָס האָסטו אָבער נאָך פֿון דעם זינדיקן שפּיגל געוואָלט האָבן, הע?

חיים — אוי! דעם שפּיגל מיינט איר? אוי! איך האָב אים נאָר אַזוי אַ ביסל געוואָלט איבערפּוצן, אוי! און פֿאַר גרויס אײַלעניש בין איך אַזוי ווי געפֿאַלן, אוי! איך האָב מיך גאָר צעהרגעט.

מערקעלע — ביסט קראַנק געווען חווהן צו רופֿן, זי זאָל דיר העלפֿן? וואָס האָט זי דען צו טאָן, די חצופֿה! האָט זי דען מער ווי דאָס טעפּל צו פֿאַרזאָרגן? אומשטיינס געזאָגט, איין שלימזל גרעסער ווי דאָס אַנדערע! אוי, מײַנע כּוחות! העט איך נאָר נישט אַזוי חרובֿ געווען... אַ גאַנצע לעכע טאָג [7] זיצט זיך נאָר דאָס מיידעלע בײַ דער צרה, בײַ דעם פּורעניות, בײַ איר הינדע־לעבן, און העלפֿט איר נאָך אירע גנבֿישע שטיקלעך אויספֿירן... וואַרט נאָר, וואַרט, לאָז נאָר מײַן משה אַהיימקומען, אוי, מײַנע כּוחות!

---

[7] אַ גאַנצן ליכטיקן טאָג.

חיים — נו, גאָלדענע באַלעבאָסטע! בייזערט אײַך שוין נישט. חווה איז, אָסור, גאָר נישט שולדיק.

מערקעלע — פֿאַלט אים אין די רייד אַרײַן. געשעדיקט זאָלס־טו נאָר ווערן מיט איר בחבֿרותא! ווער דען איז שולדיק, איך? אוי, ווי דערלעבט מען שוין נאָר אײַ׳רער אַלע פּטור צו ווערן, וואָלט איך אפֿשר פּאָרט אַ מאָל געקענט קומען צו מײַנע פֿרי׳ריקע כּוחות.

חיים — נו, בייזערט אײַך שוין נאָר נישט, באַלעבאָסטע־לעבן! איך וועל אײַך שוין פֿון אַצינד אָן אַלץ פֿאָלגן, אַפֿילו אין פֿײַער אַרײַן, אַבי בייזערט אײַך נאָר נישט.

מערקעלע — אַ, געשעדיקט זאָלסטו ווערן! וואָס טײַטש, איך זאָל נישט בייז זײַן? קען מען דאָ נישט בייז זײַן? וואָס פֿאַר אַ תּירוץ וועל איך דאָ קענען מײַן משהן זאָגן, העי?

חיים — ע, דער באַלעבאָס וועט זיך גאָר נישט אומקוקן. ער גייט דאָך אָנדאָס [8] טאָג און נאַכט אַלץ אין איינעם אַרום פֿאַרטראַכט.

מערקעלע — פֿאַרשטעלט אים. וואָס זאָגסטו? ער גייט־אַרום פֿאַר־טראַכט? וואָס האָט ער צו טראַכטן, וואָס? וואָס טראַכט ער, וואָס, העי?

חיים — ווייס איך, וואָס ער טראַכט? וואָס גייט דאָס מיך אָן? איך בין דאָך נאָר אַ משרת. וואָס גייט מיך אָן, וואָס דער באַלע־באָס טראַכט?

מערקעלע — נו־נו, זאָלסט דיך נאָר דערוועגן נאָכצופֿאָרשן, וואָס דער באַלעבאָס טראַכט, איך זאָל נאָר ווידער עמעצן אַזוי דער־ווישן, ווי איך האָב אַנומלט חווהן הינטער דער טיר דערווישט — ווינטש איך מיר, אָסור, נישט אין אײַער הויט צו שטעקן.

חיים — ע, באַלעבאָסטע־לעבן! איך וועל אײַך זאָגן, וואָס חווה איז אַנומלט געשטאַנען הינטער דער טיר. זי האָט דאָס מיך גע־מוזט זוכן.

מערקעלע — אַוודאי מוז מען ערשט מיט ליכט זוכן אַזוי אַ

---

[8] אויך אָן דעם, סיי ווי.

נאַר ווי דו ביסט. נאַר הער נאַר צו... וואָס האָב איך דיר דאָ עפּעס געוואָלט זאָגן?... אוי, מײַנע כּוחות! יאָ, זעסטו... איך האָב מיך דער־מאָנט... גיי, גיב מיר נאָר אַ שפּרונג־אַריבער צו רעדלעכן און זאָג אים, איך האָב אים זייער שיין געלאָזט בעטן, ער זאָל הײַנט בײַ נאַכט קומען צו מיר אין שלאָף־חדר אַרײַן, וואָרן איך בין עפּעס חרובֿ. איך העט געוועזן געשיקט נאָך אַן אַנדערן דאָקטער, נאָר עס דאַכט זיך מיר, אַז ער קען שוין מײַן נאַטור... אוי, מײַנע כּוחות! נאָר הערסטו, גיב אַכטונג, דאָס פּורעניות זאָל דערפֿון נישט געוויר ווערן — דו ווייסט דאָך שוין, ווען מען איך מיין, הע?

חיים — אוי, אוי, אוי, אויב איך שטויס מיך, ווען איר מיינט! איר מיינט דעם באַלעבאָס אַוודאי?

סערקעלע — גיי, ווער געשעדיקט! זי זאָגט צו זיך אין דער שטיל. איטלעכער נאַר האָט זײַן שׂכל בײַ זיך. דאָס הייסט געוועזן אַ ביסל אַ גנבֿ! הויך צו חיימען. ווייסט נישט, אַז איך מיין היינדען? דאַרף מען אים ערשט אַרויסטײַטשן, דעם שוטה! נו, גיי שוין, גיי, אַט קומט שוין עמעץ!

חיים — נעמט־מיט דעם צעבראָכענעם שפּיגל און גייט־אַוועק.

דריטער אַרײַנקום

ר׳ גבֿריאל, סערקעלע און צום סוף חווה

ר׳ גבֿריאל — גוט מאָרגן, סערקע־לעבן! וואָס מאַכט איר גוטס? כ׳לעבן, איר זעט הײַנט זייער גוט אויס, אָן אַן עין־הרע. נאָר וואָס איז דאָס? פֿאַר וואָס גייט איר דאָס הײַנט אָן דעם שטערנטיכל?

סערקעלע — מיט חן. יאָ, יאָ, גוט זע איך אויס! שפּעטס נאָר, שפּעטס! פֿראַוודע[9], איך זאָל ווידער קענען קומען צו מײַנע פֿריִערדיקע כּוחות, העט עפּעס אַנדערש געוועזן, אָבער אַזוי, אומ־שטיינס געזאָגט... ווו בין איך שוין די שיינע סערקעלע, וואָס איך

---

[9] אמת.

בין אַמאָל געווען! האָ, האָ, נישטאָ שוין די לויכנדיקע סערקעלע, וואָס אַלע פלעגן נאָך איר צו שטאַרבן, אוי, מײַנע כּוחות! הע, הע, הע, איך קען מיך נאָך אַזוי ווי הײַנט דערמאַנען, ווי איך האָב דאָס ערשטע שלייערל אָנגעטאָן און מען האָט מיך אין שול אַרײַנגעפירט — וואָס פאַר אַן איבערגעלויף איז דאָס געווען! יונג און אַלט האָט מיר נאָכגעקוקט. מען האָט נאָר געדאַרפט צו הערן, ווי די גרעסטע שׂררות האָבן זיך געשמועסט: „די שיינע סערקעלע גייט, די שיינע סערקעלע גייט"! אָבער איצט, ווו זע איך שוין גוט אויס? עס זײַנען שוין גאָר נישט די צײַטן, וואָס זײַנען געווען בײַ לײַטן.

ר' גבריאל — ע, וואָס פעלט אײַך דען נאָך הײַנט? איר זאָלט נאָר געזונט זײַן! צו זיך אין דער שטיל. נאָך וואָס טויג עס איר?... הויך צו סערקעלען. פאַר וואָס גייט איר דאָס אָבער הײַנט אָן דעם שטערנטיכל?

סערקעלע — וואָס טײַטש, איר ווייסט נישט? הײַנט ווערן דאָך דאָס פיר יאָר, אַז מײַן גילדענער, איינציקער, שיינער ברודער איז, נעבעך, אונטערוועגנס געשטאָרבן. הײַנט, אומשטיינס געזאָגט, איז דאָס, נעבעך, מײַן דוד־לעבנס יאָרצײַט.

ר' גבריאל — נו, באַדאַרפט איר, אַ שלאָפער מענטש, נאָך צו טרויערן? איר האָט דאָך בײַ דער גילדענער בשׂורה אַוודאי געגנוג געוויינט. וואָס ווילט איר נאָך?

סערקעלע — גלייבט מיר, מײַן ליבער ר' גבריאל, אַז חוץ דעם, וואָס איך האָב זייער געיאָמערט, געוויינט און געקלאָגט, וואָס איך האָב געמיינט, אַז איך וועל עס שוין גאָר נישט איבערלעבן, האָט מיר די שוואַרצע, פינצטערע בשׂורה נאָך גאָר מײַן איבעריק ביסל כּוחות אַוועקגענומען, אוי, מײַנע כּוחות! וואָרן מאַלעם [10] עס שטאַרבט אַ ברודער. אָבער אַזוי אַ ברודער! אַזוי [11] אַ כּשרה נשמה! אַזוי אַ ווילקענעוודיקער! אַזוי אַ צדיק! זיווישט זיך די אויגן און וויינט זייער.

---

[10] פּויליש: „מאַלאָ"/ נאָך ווייניק? — [11] אַזאַ (אַזוי אַ).

ר׳ גבריאל — אַ, סערקעלע! פּע, שעמט אײַך. איר װײנט? װאָס האָט איר אײַך דאָ איצט גראָד דערמאָנט אַזױ אַ קלוגע ייִדענע, װי איר זײַט, זאָל װײנען? פּע, שעמט אײַך, כ׳לעבן. נו, נו, גענוג... הערט שױן אױף, איך קען נישט צוזען, אַז מען װײנט.

סערקעלע — װײנט. אױ, װײ, מײַנע כּוחות! העט ער כאָטש געװען אַ קדיש איבערגעלאָזט... נאָר דאָס אײנע טרײסט מיך נאָך, מײַן משה, זאָל לעבן, זאָגט אַלע יאָרצײַט קדיש נאָך אים.

ר׳ גבריאל — און אױס הינדען װעט עפּעס זײַן אַ לײַט?

סערקעלע — אַט, פּלוצלינג, אַפילו נישט נעבן לײַט: די צרה, דאָס פּורעניות װײס איך עפּעס? אומשטײנס געזאָגט! שאָדנס טאָן, אָקעגנרײדן — דאָס קען זי. גלײבט מיר, ער, עליו השלום, זאָל זיך מיִען פֿאַר אונדז, זאָל אַצינד אױפֿשטײן און זאָל אָנקוקן דאָס גילדענע טעכטערל, װאָס ער האָט איבערגעלאָזט, העט ער, כ׳לעבן, נאָך אַ מאָל געװען געשטאָרבן פֿאַר צרות.

ר׳ גבריאל — אַ חידוש, כ׳לעבן! זי שײַנט עפּעס קײן שלימ־מזלניצע צו זײַן. אַ חידוש, כ׳לעבן. מיט פֿרײדע־אַלטעלען בײַנאַנד, דאָס הײסט דאָך, גאָר װי אױפֿגעצױגן געװאָרן, און פֿאָרט אַזױ אַ צרה צו זײַן ? !

סערקעלע — ע! האָט מיר נישט פֿאַראיבל, װאָס פֿאַרגלײַכט איר דאָ די צרה, די לײד, צו מײַן אַלטע־לעבן? אָך איז מיר! אַ שײ־נער חילוק!... מײנט איר אָבער, אַז װײניק געזונט האָט מיר דאָס גע־קאָסט? אױ, װוּ זײַנען דען מײַנע כּוחות אַהינגעקומען? װי געפֿעלט אײַך איר נײען? אָט האָט זי זיך גאָר אַלײן אַ פֿאָר קעשענעס אױס־גענײט! און איר העפֿטן? און איר שטיקן? האָט איר געזען דעם גױישקן אַבעצעדלע [12], װאָס זי האָט אױסגעשטיקט? און איר רײדן? און איר שרײַבן? און איר בוך לײענען? האָט דאָס גאָר אַ שאַך? [13] פֿראַנצײזעריש און דײַטשעריש װי אַ װאַסער!

---

[12] (פּױליש) א״ב, אַלפֿאַבעט. — [13] (פֿון דײטש) (אוצר האָט דאָס אַ פּרײז?).

ר׳ גבריאל — ווי אַלט איז זי, זי זאָל לעבן? איך מיין, עס איז שוין צײַט זיך צו סטאַרען אום[14] אַ חתן?

פּערקעלע — וואָס מיינט איר, ווײַל זי איז אָן אַן עין־הרע אַזוי אונטערגעוואַקסן? זי איז פּאָרט נישט מער אַלט... ווי... ווי... דרײַצן יאָר.

ר׳ גבריאל — אמת. צו זיך אין דער שטיל. אָן שבתים און אָן יום־טובים.

פּערקעלע — וואָרן ווי אַלט, מיינט איר, בין איך דען גאָר אין גאַנצן? מען מעג זאָגן, וואָס מען וויל... איך בין פּאָרט מער נישט אַלט ווי... ווי... זיבעצעצוואַנציק יאָר.

ר׳ גבריאל — טאַקע אויך אמת. צו זיך אין דער שטיל. שוין פֿון צען יאָר אָן אַלץ אין איין עלטער.

פּערקעלע — נאָר דער ברודער האָט מיך גאָר געעלטערט. און די צרה, די הינדע, נעמט מיר צום איבעריקן מײַן ביסל געזונט אַוועק. אוי, וויי, מײַנע כּוחות! צו דער חתונה בין איך, פּראַוודע, געווען אַ גרויסע מויד, ווי אַ שיינע סאָסנע, און האָב געלײַכט ווי די זון אום[15] תּמוז; עס האָט קיינער נישט געוואָלט גלייבן, אַז איך זאָל ערשט דרײַצן יאָר אַלט זײַן.

ר׳ גבריאל — צו זיך אין דער שטיל. איך גלייב עס נאָך נישט. הויך צו פּערקעלען. און האָט אַזוי יונג חתונה געהאַט? כ׳לעבן, די טאָכטער קען אויך צו די יאָרן חתונה צו האָבן, וואָס די מוטער.

פּערקעלע — יאָ, ווער שמועסט, עס זאָל זיך נאָר טרעפֿן עפּעס רעכטס.

ר׳ גבריאל — ע, וואָס! גיט איר נאָר אַזוי עפּעס אַ גוטן סוחר, ער זאָל איר קענען פּרנסה געבן. הײַנטיקע צײַטן קוקט מען ווייניק אויף יחוס. אַז מען טוט מיט דעם שווער, זיצט מען דערנאָך מיט דעם בער.

---

[14] באַמיִען זיך וועגן. — [15] (דייטשמעריש) אין.

סערקעלע — וואָס? יחוס? וואָס באַדאַרף זי דאָס נאָך מײַן יחוס? איז זי דען שוין פֿון מײַן צד אַליין נישט גענוג אַ מיוחסת? מילא, דער ראָבטשיצער רבֿ איז דאָך געווען... הע?... גאָר אַ נאָענ־טער קרובֿ; און דער סאַוראַניער מגיד, עליו השלום, איז געווען מײַן פֿעטערס שוואָגער אַ לײַבלעכער, הע?... יאָ, אָ... לײַבלעכער קרובֿ, און דעם חם צבֿיס שוואָגערס זיידע און איר עלטערזיידע זײַנען געווען פֿון מוטערס צד... לײַבלעכע מחותּנים.

ר׳ גבֿריאל — צו זיך אין דער שטיל. שוין טויזנט מאָל האָב איך דאָס פֿון איר געהערט. הויך צו סערקעלען. איבער דעם זאָג איך דאָס, איר זאָלט איר נאָר זען עפּעס אויסזוכן אַ פֿײַנעם יונג. עפּעס אַ גוטן סוחר.

חווה — קומט דורך דער טיר, וואָס אין דער רעכטער זײַט. באַלעבאָסטע, קומט־אַרײַן, דער באַלעבאָס איז געקומען!

סערקעלע — גיי, גיב אים שוין דאָס זינדיקע ביסל קאַווע. ער קומט דאָך דאָס, נעבעך, ערשט פֿונעם דאַווענען. האָט נישט פֿאַר־איבל, מײַן ליבער ר׳ גבֿריאל, איך מוז אַרײַנגיין צו מײַן מאַן.

ר׳ גבֿריאל — נישקשה, גייט געזונטערהייט.

סערקעלע — אוי, מײַנע כּוחות! זי גייט־אַוועק מיט חוווהן.

פערטער אַרײנקום

ר׳ גבריאל און דערנאָך פריידע־אַלטעלע

ר׳ גבֿריאל — אַליין. געלויבט צו גאָט, אַז איך בין אירער שוין פּטור געוואָרן! זי העט מיר דאָ נאָך צען מאָל איר יחוס אויסגע־רעכנט, ווי אַזוי דער פּויזנער מגיד האָט אָנגעקערט איר געשוועס־טערקינד אַ בערדיטשעווער... חזן. נאָר עס איז שוין אַזוי אין דער וועלט: אַז מען קריגט נאָר געלט, ווערט מען שוין תּיכף שיין, קלוג, פֿרום, אַ גרויסע מיוחסת און אַפֿילו יינגער אויך. ווער עס האָט די סערקע פֿאַר אַ יאָר זיבן נישט געקענט, ווען זי פֿלעגט נאָך מיט שפּײַז און מיט מעל צו זיצן! ווער האָט זיך דאָס דעמאָלט געריכט

אויף סערקען דער מעל־יידענע! ווער האָט זיך דען דעמאָלט גאָר אומגעקוקט אויף איר? אָבער איצט, זי האָט געלט, און ווער איז איר גלייך? דאָס טעכטערל, די גרינע צרה, האָט פּלוצלינג פון העלער הויט אַלע מעלות געקריגן. נאָר וואָס גייט דאָס מיך אָן? איך דאַרף נאָר צו זען, זי זאָל האָבן געלט. איך וועל מיך שוין פּאָרען, איך זאָל זי אין קויבער [16] אַריינקריגן. פון מיינעט וועגן מעג זי זיין גרין אויך. איך האָב שוין אַ מאָל אויף דער מלכה גרין אויך אַ גרויסן קאָן אויסגענומען. שאַ, אָט איז זי דאָ! ער מאַכט זיך קעגן דעם שפּיגל די פּאות און דעם קאָלנער צו רעכט און נעמט־אַראָפּ דעם ספּאָדעק [17]. אַ גוטן מאָרגן, מיין שיין פריילין! וואָס מאַכן זי גיטס!

אַלטעלע — שמועסט מיט חן. אַ שעהנען גוטען מאָרגען, הער ענדלער, איך דאַנקע איהנען. ווי האַבען זי געשלאָפען דיזע נאַכט?

ר׳ גבריאל — וואָס טייטש? ווי האָב איך געזאָלט שלאָפן? אין דער היים האָב איך געשלאָפן. איך נעכטיק תמיד אין דער היים.

אַלטעלע — לאַכט. האַ־האַ־האַ! זעהען זי, מיין לעהרער האַט געזאַגט, דאַס ווען מאַן יעמאַנדען פראַגט: „ווי האַבען זי געשלאַפען?״, זאָ מוס ער אַנטוואָרטען: „גוט״; אונד ווען מאַן יעמאַנדען פראַגט: „וואָ האַבען זי געשלאַפען?״, זאָ מוס ער אַנטוואָרטען: „צו הויזע״.

ר׳ גבריאל — מילא, אין וואָס גייט עס אינע דאָ, מיין שיין פריילין, ציי מוז מען זאָגן „ווי״, ציי מוז מען זאָגן „וואָ״? איך זאָג אינע, אַז דער לערער איז אַ שוטה, אַ נאַר; דאָס איז אַלץ איינס, ציי זאָגט מען „ווי״, ציי „וואָ״, ציי „וויי״ — אַבי מע שלאָפט.

אַלטעלע — שטעלט צוויי שטולן צונאַנד און זעצט זיך אויף איינעם. איך ביטע, נעהמען זי פּלאַץ! פאַן ווען האַבען זי דיזע נאַכט געטריימט?

ר׳ גבריאל — זעצט זיך נעבן איר. זען זי, מיין שיין פריילין! עס האָט זיך מיר אַ גאַנצע נאַכט געטריימט נאָר פון אינע. עס האָט

---

[16] קאָרב, קויש (אַריינקריגן אין זאַק אַריין). — [17] חסידיש היטל.

זיך מיר געדאַכט, ווי מײַנע בריקעס [18] מיט סחורה זײַנען שוין פֿון לייפּסק אָנגעקומען און איך האָב אינע אויסגעקליבן זייער אַ שיינע מאַטריע [19] אויף אַ קליידעלע.

אַלטעלע — אײַן צײַג [20] אויף אײַן קלײַד? אַך! איך ביטע זי, וואָס פֿיר איינס? פֿילײַכט אַ לאַ פֿערוואַלטער שקאָט?

ר׳ גבֿריאל — יאָ, יאָ, טאָקע אַ לאַ אַלטער שטאָק. חוץ דעם אָבער האָב איך אינע באַזונדער געבראַכט אַ פּאָר בראַנזלעקעס [21], קינצלעכע. זי האָבן אָבער גאָר נישט געוואָלט צונעמען, וואָס איך האָב זי געבעטן, געבעטן און געבעטן. און איך ווייס נאָך נישט פֿאַר וואָס זי האָבן בײַ מיר אַזוי אַ קליין געשענק נישט געוואָלט צונעמען.

אַלטעלע — איך האָב ניכט וואָללען אַננעהמען? פֿאָן איהנען? נייך, דאָס קאָן ניכט זײַן. זעהען זי, מײַן ליבער הער הענדלער, דער לעהרער זאָגט אימּמער, דאָס אײַן טרוים ניכט וואָהר איזט, אונד ער האָט גאַנץ רעכט, דען פֿאָן איהנען מעכט איך אַלעס אַננעהמען.

ר׳ גבֿריאל — פּשיטא?! ער נעמט פֿון דער קעשענע אַרויס די מאַטריע און אַ פּאָר בראַנזאַלעטקעס און גיט אַלטעלען. איצט וועל איך זען, אויב זי זײַנען אַ וואָרטסמאַן!

אַלטעלע — כאַפּט געשווינד צו די זאַכן. אַך, שעהן, איך דאַנקע איהנען!

ר׳ גבֿריאל — נייך, מײַן שיין פֿרײַלײַ! זי באַדאַרפֿן מיר גאָר פֿאַר אַזוי אַ קלייניקייט נישט צו דאַנקען. איך וואָלט אירעט וועגן, כ׳לעבן, מײַן גאַנץ פֿאַרמעגן אַוועקגעגעבן. און ווייסן זי פֿאַר וואָס? ווײַל איך האָב זי טאָקע זייער ליב.

אַלטעלע — קוקט אים שטאַרק אין פּנים אַרײַן און שמייכלט מיט חן. אונד דאָס קאָמט איהנען פֿאָן הערץ? זעהען זי, אונד איך קאָן איהנען ניקס מעהר אָפּפּערן אַלס... זי גיט אים די האַנט, ער זאָל איר אַ קוש געבן.

---

[18] וואָגנס, וועגענער. — [19] מאַטעריאַל, שטאָף. — [20] שטאָף. — [21] בראַס־לעטן, בראַנזאַלעטקעס.

ר׳ גבֿריאל — כאַפּט זי אָן בײַ דער האַנט און גיט איר אַ קוש אין פּנים אַרײַן. מײַן גילדן אַלטעניו! איך האָב אינע טאַקע זייער ליב.

פינפטער אַרײַנקום

חווה, ר׳ גבריאל, אַלטעלע

חווה — זעט, ווי זיי קושן זיך און לויפֿן אויסאַנאַנד. זי זאָגט צו זיך אין דער שטיל. **אַט אַ דאָס איז, כ׳לעבן, אַ שיין פּאָר פֿלאָק! הויך צו אַלטעלען. פֿריידע־אַלט...** זי כאַפּט זיך אין רײדן צוריק. **פֿרײַלינן! גייען זי אַרײַן, דער לערער איז געקומען און האָט זי גע־הייסן אַרײַנרופֿן.**

אַלטעלע — **ווער, רעדליך? דער קונדאָס! זאָג אים, ער זאָלל מיך קאָממען וואַרגען. איך האָב אויף איהם לענגער געוואַרט. איצט זאָל ער וואַרטען.**

חווה — הייבט אָן אין שטוב אויפֿצוראַמען.

אַלטעלע — **נון? ווארום געהסטו ניכט? דו מיסטפּיך[22]! דאָס האָב איך נאָך אין מײַן לעבענסטאָג ניכט געזעהן! איין מענטש זאָל אַזוי דום[23] זײַן ווי די איזט! געשעדיקט זאָלסטו ווערן!**

חווה — **וואָס בין איך שולדיק, אַז די באַלעבאָסטע שעלט מיך, פֿאַר וואָס איך רוים דאָ נישט אויף.**

אַלטעלע — מיט כּעס. **דאָס איזט איין לודער[24]! זי זעהט, עס זינד יעצט געסטע היר, שטעלט זי זיך יעצט אויפֿרוימען! הינדע זאָל מיט איהר עטוואָס שאַפֿען, העט זי באַלד געלאָפֿען. אונד מיך, ווען איך איהר טויזענד מאָהל וואָס זאָגען זאָל, פֿאָלגט זי פּאָרט ניכט.** זי נעמט־אָן חווהן בײַ דער האַנט און וואַרפֿט זי אַרויס. **גיי, דו בעסטיע!**

---

[22] פּאַסקודניצע. — [23].נאַריש. — [24] קריכער, שלעפּער.

ר׳ גבֿריאל — נו, געגוג שוין, בייזערן זי זיך שוין נישט, מײַן שיין פֿרײַליַי! עס קען איגעו נאָך שאָדן. זײַנען זי נאָך בייז?

אַלטעלע — אָ, נייך, נייך, ווען זי נור וועק איזט, בין איך שאָן ניכט מעהר בעזע, — מאַן מוס נור אימער זעהען די דינסטען אין דען גרעסטען רעשפעקט צו האַלטען.

ר׳ גבֿריאל — אוי, מײַן משרת, מײַן ירחמיאל, אַזוי אַ שטור־מער יונג ער איז, אַזוי ווי ער קען נישט ריידן, אָבער פֿאַר מיר האָט ער דעם גרעסטן פֿרעשפעקט. פֿאַר מיר מוז ער די נכפה האָבן.

אַלטעלע — ווען איך אַ מאַהל פֿאַר מיר זײַן ווערדע, זאָ ווער־דע איך נור קריסטליכע דינסטען האַלטען. די וויססען זיך שעהן צו בענעהמען. ניכט וואַהר? [25].

ר׳ גבֿריאל — ווען וועט דאָס אָבער שוין אַ מאָל זײַן, ווען? איך האָב, פֿראַוודע, נעכטן ווידער געשמועסט מיט ר׳ יוחנן שדכן, און ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט הײַנט ריידן מיט דער מאַמען און מיט דעם טאַטן. גלייבן זי מיר, מײַן שיין פֿרײַליַי, אַז פֿאַר דעם סילוק האָט מען זיך גאָר נישט צו זאָרגן! אָט האָב איך ערשט אַ בריוו געהאַט פֿון די ברידער סוקאַרד פֿון טריעסט, אַז עס גייט מיר שוין הונדערט צענטן קאַווע און הונדערט צענטן צוקער, אַחוץ וואָס עס קומט מיר ווידער אָן פֿון ווין באַקאַליעס און אַנדערע פּראָדוקטן.

זעקסטער אַריינקום

ירחמיאל, ר׳ גבריאל, אַלטעלע

ירחמיאל — נעמט־אַראָפּ דעם ספּאָדעק. באַ־באַ־באַ־באַ־באַ־לעבאָס! גייט שוין אַ־אַ־אַהיים!

אַלטעלע — לאַכט זייער.

---

[25] ווען איך וועל אַ מאָל זיין (אַ באַלעבאָסטע) פֿאַר זיך, וועל איך גאָר קריסטלעכע דינסטן האַלטן. אַזעלכע ווייסן שוין גוט ווי זיך צו באַציִען, נישט אמת?

ר' גבֿריאל — זעען זי, פּאַר גרויס פּרעשפּעקט קען ער אַזש דאָס וואָרט נישט אַרויסריידן! צו ירחמיאלן. וואָס ווילסטו, וואָס?

ירחמיאל — קו־קו־קו־קומט שוין אַהיים. אַז מען באַ־באַ־באַ־באַדאַרף אים, מוז מען ערשט לויפֿן זוכן. דער פּאָ־פּאָ־פּאָ־פּאָטש־טער איז געקומען מי־מי־מי־מיט אַ־אַ־אַ בריוו.

ר' גבֿריאל — נו, גיי זאָג אים, ער זאָל וואַרטן אַ מינוט, איך קום תּיכף צו גיין, אָדער... זאָג אים, ער זאָל דיר איבערלאָזן דעם בריוו.

ירחמיאל — דעם שׂכל האָ־האָ־האָב איך אויך געהאַט, ער בייזערט זיך אָבער או־או־און שעלט אײַך מי־מי־מי־מיט פֿינצטערע קללות, ווײַל אי־אי־איר זײַט אים אַ־אַזוי אויך שוין שו־שו־שולדיק פֿאַר עטלעכע בריוו און גי־י־י־יט אים שוין אַ־אַ־אַזוי לאַנג נישט אָפּ.

ר' גבֿריאל — נעמט אים אָן און וויל אים אַרויסוואַרפֿן. נו, גיי שוין צו אַל די שוואַרצע יאָר.

ירחמיאל — נו, אי־אי־איך גיי שוין! — ווּעט אי־אי־איר אָבער אַ־אַ־אַהין אויך נאָכקומען?

אַלטעלע — לאַכט זייער שטאַרק. דאָס הייסט איין רעשפּעקט!

ר' גבֿריאל — וואַרפֿט ירחמיאלן אַרויס. נו, גיי שוין, דו, שטומער הונט.

ירחמיאל — גייט־אַוועק.

ר' גבֿריאל — דאָס איז ער דערפֿאַר אַזוי פֿאַרשאַרט געוואָרן, ווײַל ער פֿאַרדינט בײַ מיר אַזוי פֿיל געלט פֿון מעקלערײַ און צעטל־געלט; אַ קאַטאָווועס, מיינען זי, פֿאַרדינט דער אַכבראָש [26] בײַ מיר אין די סחורות, וואָס קומען־אָן אַלע וואָך? וואָרן מענטשן ווילן גאָר דאָס גלייבן?

אַלטעלע — אָ, איך גלויבע איהנען. איך ווייס, איך ווייס, זי זינד זעהר רײַך. זעהען זי, מאַן רעדעט מיר נאָך אײַן, נאָך אײַן...

---

[26] שווינדלער, דרייקאָפּ (העברעיש: עכבּרוש, עכבּר — מויז).

זי דערמאָנט זיך אַ ביסל. נאָך איין... אי! איך האָב פֿערגעססען, ווי מאַן רופֿט עס אַן... ווי עס הייסט דאָרט, אויף ייִדיש. אַ, אַ...

ר׳ גבֿריאל — אפֿשר גאָר, חלילה, אַ שידוך?

אַלטעלע — יאַ, יאַ, זאָ רופֿען עס די יודען. זעהען זי, אונד דער ברייטיגאַם [27] איזט אויך אויסעראָרדנטליך רייך. ער האָט זיין אייגענס זעהר פֿיל געלד, זילבער אונד צירונג, אונד איין זעהר גראָסעס איינפֿורהויז היר אין לעמבערג.

ר׳ גבֿריאל — ע, גלייבן זי נישט! דאָס איז אַלץ ליגנד. דאָס זאָגט נאָר דער שווינדלער, דער שדכן, אַזוי, כּדי ער זאָל קריגן אַ סך שדכנות. איך וועל מיך וועטן, אַז ער האָט קיין געלט, קיין צירונג און קיין הויז אויך נישט... איך קען שוין די שווינדלערס, די שדכנים!

אַלטעלע — איך וויים יאָ אָבער זעלבסט, דאָס ער האָט איין זעהר גראָסעס הויז. אונד די מוטטער זאָגט, דאָס ער איזט זעהר, זעהר רייך.

ר׳ גבֿריאל — אונד איך שווערע אינע, אַז ער איז אַ גרויסער קבצן, אַ ליידאַק, אַ שווינדלער, און דער שדכן איז אַ ליגנער, אַ כּזבֿן.

אַלטעלע — וויססען זי דען שאָן, ווער דער ברייטיגאַם איזט?

ר׳ גבֿריאל — וואָס טויג מיר דאָס גאָר צו וויסן, אַז איך וויים נאָר, אַז ער איז אַ גרויסער אָרעמאַן, אַן אבֿיון, איז שוין גענוג. אָט וועל איך דאָך טאַקע תּיכּף געוווּיר ווערן, ווי הייסט ער, ווי?

אַלטעלע — ער הייסט ר׳ שמעלקע טרויניקס.

ר׳ גבֿריאל — צו זיך אין דער שטיל. אָ, וואָ! אַזוי בין איך טאַקע אין דער ערד. דער איז טאַקע אַ גרויסער עושר. נאָר אַ קלוגער יונג קען זיך אַן עצה געבן. ער לאַכט הויך. האַ־האַ־האַ, נו, וואָס האָב איך געזאָגט? דער ליטוואַק! דער שווינדלער! דער אבֿיון! מיין אייגנס זאָל איך האָבן, וואָס ער איז מער שולדיק אויף וואָכנגעלט ווי ער פֿאַר־מאָגט. צו זיך אין דער שטיל. אַ נאַר בין איך. נאָך וואָס טויג עס

[27] חתן.

מיר? הויך. און דעם פּאַסקודניק, דעם אַלטן סאָבאַק[28], ווילן זי נעמען פֿאַר אַ חתן? ער לאַכט זייער. דעם פּאַסקודנע ליטוואַק? דעם בייזן מענטש, וואָס האָט ערשט אַ ווײַבל, נעבעך, דעם טויט געמאַכט?

אַלטעלע — האָט ער איהר דען דען טאָד געמאַכט? זי וואַר יאַ אימער געזונד. נור זי איזט פער צופֿאַלל פֿאָן די טרעפּ הערונ־טער געפֿאַללען אונד איזט געשטאָרבען, וואָס איזט ער שולדיג?

ר׳ גבֿריאל — וואָס ער איז שולדיק? יאָ, ווער ווייסט? אַז אַזוי אַ ליטוואַק האָט פֿײַנט אַ ווײַב, קען, כ׳לעבן, גאָר זײַן, אַז דער רוצח האָט זי אַליין פֿון די טרעפּ אַראָפּגעוואָרפֿן, כּדי ער זאָל זי קענען גאָר גרינג פּטור ווערן.

אַלטעלע — ער וואַר יאַ אַבער דאַמאַלס גאַר ניכט היר, אין לעמבערג.

ר׳ גבֿריאל — ער פֿאַלט איר אין די רייד אַרײַן און רעדט גאַנץ געשווינד. אָבער זײַנע משרתים זײַנען יאָ הי געוועזן, העי? אָבער בריוולעך האָט ער איר געשריבן, דער גזלן, העי? — נו, נו, נו, האָט ער זיך שוין געוווסט אַן עצה צו געבן, דער רוצח! עה, ווערט קלאָמערשט בייז. נו, לאָזן זי מיך שוין גאָר גיין און נעמען זי זיך דעם ליטוואַק פֿאַר אַ חתן. איך וועל, כ׳לעבן, אויך קריגן אַ שיינע כּלה. איך וועל אָסור, אויך נישט פֿאַרזיצן. נאָר עס איז גאַנץ גוט צו קענען זעלכע מענטשן, ווי זי זײַנען. ווי איך זע אײַן, מעג איך שוין אַוועקגיין? ער וויל קלאָמערשט אַוועקגיין.

אַלטעלע — כאַפּט אים אַן בײַ דער האַנט און לאָזט אים נישט גיין. אַבער, ליבער הערר הענדלער! געהען זי ניכט, אום גאָטטעס וויללען! זײַן זי נור ניכט בעזע! איך ווילל איהם יאַ גאַר ניכט, דעם ליטוואַק, ער זאָלל נאָך טויזענד מאָהל זאָ רײַך זײַן, ער זאָלל האַבען מיליאָנען רענדלעך זײַן אייגענס! זי, נור זי, מיססען ווערדען מײַן ברייטיגאַם. איך ווילל געוויס קיינען אַנדערען.

---

[28] (פֿאַרגרייזטער רוסיש) הונט.

ר׳ גבֿריאל — קערט זי צוריק אום און קושט איר די האַנט. אַזוי, זעען זי, איז גאָר עפּעס אַנדערשט. אַזוי האָב איך זי גאַנץ ליב, מײַן שיין פֿרײַלײַ! האַלטן זי זיך נאָר בײַ איין וואָרט, אַז זי ווילן נאָר מיך, וועט אַוודאי גאַנץ גוט זײַן.

אַלטעלע — אָ, יאָ, געוויס, געוויס, איך ווערדע מיך געוויס בײַ אײַן וואָרט האַלטען. זי מיססען מײַן ברייטיגאַם ווערדען. זי מיססען מײַן מאַנן ווערדען! נור זײַן זי ניכט מעהר בעזע, איך ביטע איהנען.

ר׳ גבֿריאל — ניין, ניין, איך בין אַצינד שוין נישט בייז. נאָר פֿאַרדראָסן האָט עס מיך פֿאָרט, אַז אַזוי אַ קלוג, אַזוי אַ געשיקט, אַזוי אַ שיין פֿרײַלײַ, ווי זי זײַנען, זאָל פּלוצלינג נאָכזאָגן אַזעלכע נאַרישקייטן, וואָס אַ לײַדאַק, אַ שדכן, האָט דאָרט אָנגעפּלוידערט.

זיבעטער אַריינקום

ירחמיאל, ר׳ גבריאל, אַלטעלע.

ר׳ גבֿריאל — ביסטו שוין ווידער דאָ? וואָס ווילסטו?

ירחמיאל — דער פּאָ־פּאָ־פּאָטשטער מאַכט מיך גאָ־אָ־אָר משוגע, איך זאָל אָ־אָ־אַײַך אַהיימשלעפּן.

ר׳ גבֿריאל — נו, גיי שויך, האָב דיר אַ שוואַרץ יאָר! צו אַלטעלען. אַטיעס [29], מײַן שײַן פֿרײַלײַ! אַטיעס, איך מוז שוין גיין. איך מוז אַוודאי האָבן זייער נייטיקע בריוו פֿון ווין און פֿון דאַנצק. איך וועל נאָך הײַנט דאָ זײַן. ר׳ יוחנן וועט אַוודאי אויך הײַנט זײַן בײַם טאַטן. הערן זי נאָר, וואָס ער וועט ענטפֿערן, און האַלטן זי זיך נאָר בײַ איין וואָרט! פֿאַרשטיין זי מיך שוין?

אַלטעלע — זאָרגן זי נור ניכט, עס ווירד געוויס אַזוי בלײַבען, ווי איך וויל.

---

[29] אַדיע.

ר' גבֿריאל — וויל שוין גיין. אַטיעס, מײַן שײַן פֿרײַלײַ! אַטיעס!

אַלטעלע — האַלט אים בײַ דער האַנט. וואַרטען זי נור! וואַס אײַלען זי אַזוי? ווערדען זי הײַטע זײַן אויף דעם טעאַטער?

ר' גבֿריאל — יאַ, מײַן פֿרײַלײַ!

אַלטעלע — וואַס ווירד דען הײַטע געגעבען?

ר' גבֿריאל — ווי תּמיד, אַ האַלבער צוואַנציקער.

אַלטעלע — לאַכט. האַ־האַ־האַ, אַבער וואַס פֿיר אײַן שטיק ווירד הײַטע געשפּילט?

ר' גבֿריאל — אַלינאַ אָדער לעמבערג אויף יענער וועלט.

אַלטעלע — זי מײַנען אַלינאַ אָדער לעמבערג אין איינעם אַנדערן וועלטטײַל!

ר' גבֿריאל — דאָס איז אַלץ איינס. נו, אַטיעס! מײַן שײַן פֿרײַלײַ! האַלטן זי זיך נאָר, למען השם, בײַ איין וואָרט! איך האָב איצט גאָר קיין צײַט נישט. איך מוז שוין גיין. אַטיעס, בלײַבן זי מיט געזונט!

אַלטעלע — געהען זי מיט געזונד!

ר' גבֿריאל און ירחמיאל. גייען־אַוועק.

אַכטער אַריינקום

אַלטעלע אַליין

זי באַקוקט די בראַנזאָלעטקעס מיט דער מאַטריע און מאַכט זיך צו רעכט די לאָקן קעגן דעם שפּיגל. דערנאָך גייט זי אַרום אין שטוב און זינגט:

ווער זיך פֿאָן דעם טרויאונגסרינגע
גאָלדענע טאַגע פֿילע פֿערשפּריכט —
אָ, דער קענט דען לויף דער דינגע
אונד דאַס הערץ דער מעננער ניכט.
מאַנכע וואַרף זיך אָהנע זאָרגען

אין דעם מאַננעס אַרם, ווי דו,
אונד בעווײַנטע דען אַנדערן מאָרגען
אירע פֿרײַהײַט, איהרע רוה [30].

זי בלײַבט שטיין און לאַכט. האַ־האַ־האַ, דאַס איזט מיר דאָס איין ליד. זאָ אײַן יאַהר זאָלל נאָר שמעלקע ליטוואָק האַבען! ביין, מיט מיר און מיט מײַנעם הענדלער ווירד עס גאַנץ אַנדערס זײַן. איך וויים, איך בין פֿאָן זײַנער ליבע איבערצײַגט. וואַס ער מיר שאָן אַללעס איבערגעשענקט האַט, זײַט ער צו אונז הערײַנקאָממט, אוי, אוי, אוי! בלײַבט אַ ביסל שטיל. דערנאָך רעדט זי מיט חן. אַך, אונד מײַן הערץ, מײַן גוטעס הערץ, שפּריכט נור פֿיר איהן! אײַן נאַר מעכט איך זײַן, איך זאָהל נעהמען דעם ליטוואָק אונד זאָלל נאָך נאַך דער האָכצײַט אויך גיין יידיש אַנגעצאָגען. זי מעסט זיך אָן קעגן דעם שפּיגל די מאַטריע און די בראַנזאָלעטקעס. אַך, דאַס ווירד מיר אַנש־טעהען! און ווען נאָך אײַן הוט מיט פֿעדערן דאַ צוקאָממען ווירד — אַך, ווי שעהן! ווי הערליך ווערדע איך אויסזעהען! יאַ, דײַטש מוס איך געהען, אונד מײַן הענדלער אויך! אַך, ווען וויר זאָ אײַנמאַהל אויסגעהען ווערדען, אויף איין שפּאַציר — עס ווירד אונס געוויס נימאַנד ערקענען, דאַס וויר יודען זינד. זי בלײַבט אַ ביסל שטיל. ווען נור דער פֿאַרפֿלוכטע שדכן שאָן אײַנמאַהל קאָממען מעכטע. אונד וואַס ווירד איהם די מאַמעניו אַנטוואָרטען? זי טראַכט נאָך. רײַך איזט ער זעהר, דאַס איזט וואַהר. ער האַט עס מיר יאַ עטליכע מאַהל זעלבסט געזאַגט. כ׳לעבן, איך ווערדע זעהר גליקליך בײַ איהם זײַן. אַללע מיידלעך ווערדען מיך בענײַדען. זי שווײַגט אַ ביסל. דערנאָך גיט זי זיך פלוצלינג אַ כאַפּ. אַך, איך האַבע גאַנץ אַן דער שטונדע פֿערגעססען! דער רעדליך מאַכט מיך אויך גאַנץ טאָלל מיט זײַנער

---

[30] ווער עס האָפּט פון קידושין־רינג / צו האָבן אַ סך גאָלדענע טעג, / דער קען נישט דעם לויף פון די זאַכן / און דאָס האַרץ פון די מענער. / טייל וואַרפן זיך אָן קיין שום זאָרג / אין דעם מאַנס אָרעם אַזוי ווי דו / און באַוויינען באַלד צו מאָרגנס / זייער פרייהייט, זייער רו.

לעקציאָן. ווען נאָר ווערענד דער שטונדע ר׳ יוחנן ניכט קאָממען מעכטע. נאָר איך ווערדע די לעקציאָן אויף נאַכמיטטאָג זעהען אַבצו־לעגען, דענן נאָך מיטטאָג ווערדע איך שלאָפען. זי לאַכט און לויפט אַוועק.

נייגטער אריינקום

הינדע

הינדע — קומט פון דער טיר, וואָס איז אין דער רעכטער זייט, גאַנץ פאַרזאָרגט. אוי, וואָס מען מוז נישט אַלץ ליידן, אַז מען האָט קיין טאַטע און קיין מאַמע נישט! איך טאָר ניט זיין אין שטוב, ווען אַלטעלע לערנט מיט רעדלעכן! איך בין שולדיק, וואָס רעדלעך זאָגט, אַז איך קען די לעקציאָן נאָר פון צוהערן פון ווייטן בעסער ווי פרידעריקע!... גאָט ווייסט, עס איז מיר שוין באַלד אוממעגלעך לענגער אויסצוהאַלטן די טעגלעכע עגמת־נפש פון פריידען און פון דער מומען באַזונדער. וואָס איך טו, געפעלט זיי אַלץ נישט. זי איז זיך אַ ביסל מיישב. נאָר אפשר בין איך טאַקע אַזוי אַ שלימזלניצע, אַזוי אַ צרה, ווי זיי זאָגן? יאָ, העט מיר דאָך דאָס אָבער רעדלעך געוועזן פירגעהאַלטן און געזאָגט: „דיזעס אונד דיזעס, מיינע ליבע הינדעלע, האַבען זי שלעכט געמאַכט; היר האַבען זי געפעהלט, זוכען זי דיזע פעהלער ווידער גוט צו מאַכען". און אַז ער זאָל מיר געוועזן נאָר איין מאָל זאָגן, העט איך דאָך אים אַוודאי געפאָלגט. און ס׳אַנ־דערע, איך זע דאָך, אַז אפילו גוטס, וואָס אַלע מענטשן מוזן זאָגן, אַז איך האָב רעכט געטאָן, טאָר איך אויך נישט טאָן! פאַר וואָס? וואָרן עס וועט פריידען פאַרדריסן, אַז איך האָב רעכט געטאָן! זי בלייבט אַ ביסל שטיל. אוי, ווי ליב די מומע פלעגט מיך צו האָבן, ווען איך בין נאָר ביים טאַטן, עליו־השלום, געוועזן! גאָט איז מיין עדות, אַז איך האָב זי נאָך איצט אַקוראַט אַזוי ליב, ווי דעמאָלט. און צו פאַרט זע איך, ווי זי קריגט מיך אַלע טאָג מער פיינט. אוי, היינט ווערן דאָס פיר יאָר, אַז מיין גילדענער טאַטע איז געשטאָרבן!

נאָך איצט שטייט ער מיר פֿאַר די אויגן, גלײַך ער העט געלעבט. ווי ער האָט מיך פֿאַר זעקס יאָר, איידער ער איז אַוועק פֿון אונדז, גע־נומען אויף דער האַנט און האָט מיך געקושט און געוויינט. איך גע־דענק עס נאָך אַזוי ווי הײַנט, ווי ער האָט געזאָגט, ער וועט וואַרטן ביז רעדלעך וועט קומען אויס דער שול, ער זאָל זיך מיט אים געזעג־גענען. נייִן, אין מײַן לעבן וועל איך דאָס נישט פֿאַרגעסן, דאָס קושן, דאָס האַלדזן און דעם כאַפּ־אַרום מיט ביידע הענט, ווען ער איז נאָר אַרײַנגעקומען גלײַך ער העט געווען זײַן אייגן קינד. אַפֿילו פֿרעמדע מענטשן האָבן, אויף אונדז קוקנדיק, געקלאָגט און געוויינט. זי ווישט זיך די אויגן און וויינט. גוטער טאַטע! זיסער טאַטע! האָט דיר שוין דעמאָלט דײַן האַרץ געזאָגט, אַז דו וועסט שוין נישט מער אַהיימ־קומען? אַז דו וועסט דײַן קינד שוין מער נישט זען? אַז דאָס איז שוין דאָס לעצטע מאָל געווען? זי רעדט ווײַטער אַלע מאָל מער אָן כּוח און אַזוי ווי פֿאַרטראַכט. יאָ, יאָ, דאָס לעצטע מאָל געוועזן! דאָס לעצטע מאָל? נייִן, נייִן, האַרציקער טאַטע! נייִן... איך וועל עס שוין באַלד נישט מער קענען אויסהאַלטן. נייִן, גוטער טאַטע! עס איז נישט געווען צום לעצטן מאָל, נייִן. נישט צום לעצטן מאָל האָסטו דײַן איינציק קינד געזען — וועלן מיר זיך באַלד, יאָ, באַלד, ווידער זען! זי פֿאַלט גאַנץ פֿאַרשלאָפֿט אַנידער אויף דער קאַנאַפּע.

צענטער אַרייַנקום

הינדע, חווה

חווה — קומט־אַרײַן און זעט נאָך נישט הינדען. דאָס עפּעלע פֿאַלט נישט ווײַט פֿונעם ביימעלע! ווי די מוטער, אַזוי דאָס טעכ־טערל! אַלטע האָט הײַנט אויף דער לינקער זײַט געמוזט אויפֿשטיין, וואָס זי וואָיעוועט אַלץ אַזוי פֿון דער פֿרי אָן מיט מיר און מיט הינדען. ווו איז הינדעלע? איך האָב געמיינט, זי איז דאָ. זי קוקט זיך אום און דערזעט הינדען. זי גייט צו איר צו און זעצט זיך נעבן איר אַנידער אויף דער קאַנאַפּע. הינדע־לעבן! וואָס ליגסטו אַזוי, מײַן

האַרץ?! מאַך דיר, כ׳לעבן, גאָר נישט דרויס[31], איך בעט דיך. זי נעמט זי אַרום און קושט זי. מײַן גילדן לעבן! מאַך דיר גאָר קיין עגמת־נפֿש נישט דרויס, װעסטו זען, װי גאָט װעט דיר נאָך העלפֿן. דו װעסט זען, אַז דו װעסט נאָך אַ מאָל זייער גליקלעך זײַן. זי װיינט און װישט זיך אָפּ די טרערן פֿון די אויגן. װיין נישט, מײַן לעבן, מײַן האַרץ! װיין נישט, איך בעט דיך.

הינדע — ביסט זייער גערעכט, חװה! נישט װאָר? איך זאָל נישט װיינען, זאָגסטו? ביסט אפֿשר גערעכט. נאָר עס האָט אַ פּנים, חװה־לעבן, אַז דו האָסט גאָר פֿאַרגעסן, װאָס הײַנט פֿאַר אַ פֿינצטע־רער טאָג איז.

חװה — גלייב מיר, אַז איך װעל פֿריִער פֿאַרגעסן, אַז איך לעב, איידער אין דער צרה פֿון דעם הײַנטיקן טאָג! איך װייס אַװדאי גאַנץ גוט, אַז הײַנט איז מײַן גוטן באַלעבאָס׳ יאָרצײַט. נאָר זאָג מיר, מײַן לעבן: איז דען נישט איטלעכער טאָג, זינט דער פֿינצטערער בריװ איז צו דער מומען געקומען, בײַ דיר אַזוי װי תשעה־באָבֿ? האָב איך דען נאָך פֿון דעמאָלט אָן געזען פֿון דיר אַ פֿריילעכע מי־נוט? כ׳לעבן, עס איז, אָסור, גאָר קיין עבֿירה נישט! מעגסט שוין טאַקע אַ ביסל פֿאַרגעסן. דו מוזסט דאָך דײַן געזונט אויך זען צו שוינען.

הינדע — חװה! דו זאָלסט דאָס זאָגן, דו? זי זעצט זיך אויף. דיר זאָל זיך גאָר קענען די צונג לייגן דערצו אַזוי איינס צו זאָגן? דו, װאָס דו ביסט בײַ אונדז אין הויז, דאָס הייסט דאָך גאָר טאַקע, װי אויפֿגעצויגן געװאָרן? דו, װאָס דו װייסט זייער גוט, װאָס פֿאַר אַ טאַטן איך האָב געהאַט, זאָלסט אַזוינס קענען זאָגן? דו, װאָס דו װייסט זייער גוט, װי גליקלעך איך בין געװעזן, זאָלסטו קענען אַצינד זאָגן, אַז איך זאָל אָן מײַן גילדענעם טאַטן, נעבעך, פֿאַרגעסן, גאָר אין גאַנצן פֿאַרגעסן? אַפֿילו אָן דעם טאָג, װען זײַן פֿינצטערע יאָר־

[31] פֿון דעם.

צײַט געפֿאַלט, זאָל איך אויך אָן אים פֿאַרגעסן? נישט וואָר, חווה, דו ביסט גערעכט?

חווה — נו, נו, מײַן לעבן! איך בין אומגערעכט, דו ביסט גערעכט, דו קענסט נישט פֿאַרגעסן — ווער קען דען יאָ אַזוי אַ טאַטן פֿאַרגעסן? זאָג מיר נאָר אָבער, מײַן לעבן, אַז דער טאַטע איז יאָ אַזוי גוט געווען קעגן דיר, פֿאַר וואָס האָט ער...

הינדע — פֿאַלט איר אין די רייד אַרײַן. דו מיינסט אפֿשר דאָס, וואָס ער האָט אויף דער מומען דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן אָפּגעזאָגט? גלייב מיר, מען מעג זאָגן, וואָס מען וויל — מן הסתם האָט ער געוווּסט, וואָס ער טוט. וואָרן די גאַנצע וועלט ווייסט גאַנץ גוט, וואָס פֿאַר אַ חכם ער איז געווען און ווי ליב ער האָט מיך, זײַן איינציק קינד, געהאַט. דו אַליין קענסט דיך נאָך דערמאָנען, ווי ער פֿלעגט צו וויינען און גאַנצע נעכט נישט צו שלאָפֿן, אַז איך בין נאָר עפּעס שלאַף געווען. איבער דאָס מיין איך, אַז ער האָט אַוודאי געמוזט האָבן אַ גוטן טעם, וואָס ער האָט אַזוי געטאָן. און ס'אַנדערע, העט איך שוין גליקלעך געווען, ווען איך זאָל האָבן דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן? ער איז פֿאָרט איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל געשטאָרבן און איך האָב קיין טאַטן נישט.

חווה — וואָס דאָס פֿאַרמעגן העט דיר געווען געהאָלפֿן? הם... העסטו געדאַרפֿט צו זײַן בײַ דער מומען? העסטו געדאַרפֿט די צרות, די לייד פֿון איטלעכן באַזונדער צו לײַדן, וואָס דו לײַדסט איצט? העט געטאָרט אַ ליאַדע פּאַרך דיר אַ וואָרט ריידן? און לאָמיר זיך נאָר גאָר נישט נאַרן... ווער שמועסט פֿון עפּעס אַנדערש... העטן נישט געקענט נעבן דיר נאָך אַנדערע מענטשן... פֿאַרשטייסטו, וואָס איך מיין?... אַנדערע מענטשן... אויך נעבן דיר גליקלעך זײַן, העי?

הינדע — קוקט חווהן גוט אין פּנים אַרײַן און פֿאָרשט זי איך פֿאַרשטיי נישט... אַנדערע מענטשן? וועמען מיינסטו? ווער זײַנען דאָס די אַנדערע מענטשן? איך ווייס נישט... מיינסטו אפֿשר דיך?

חווה — גלייב מיר, הינדע־לעבן, איך ווייס, וואָס איך רייד, כ'לעבן! איך רייד נישט פֿון קיין הויל פּאָס אַרויס... נאָר זאָג מיר

נאָר, איין זאַך וועל איך דיך פֿרעגן: זאָג מיר, וואָס האָב איך דיר אַזוינס געטאָן, וואָס דו ביסט קעגן מיר אַזוי שלעכט געוואָרן? זאָג מיר כאָטש, אַדרבא, לאָמיך אויך וויסן!

הינדע — איך קעגן דיר שלעכט? חווה! עס האָט זיך דיר עפּעס געמוזט חלומען!

חווה — אַוודאי דאַרף זיך מיר ערשט צו חלומען!... זע איך דען נישט אַליין, ווי דו ביסט שוין גאָר נישט די הינדעלע קעגן מיר, וואָס דו פֿלעגסט צו זײַן?

הינדע — זאָג מיר, חווה־לעבן! זי בעט זי. אום גאָטעס ווילן, וואָס מיינסטו, וואָס?

חווה — וואָס איך מיין? אוי, אוי! איך בין, אָסור, גאָר קיין נאַר נישט. איך זע אַלץ גאַנץ גוט, וואָס עס טוט זיך, נאָר איך קוק צו דאָס גרייטע. און איך זאָג דיר דעם אמת. איך האָב אַלץ געמיינט, אַז דו וועסט מיר אַליין דערציילן... וואָרן ווער האָט דיך דען נאָך אַזוי ליב, ווי איך האָב דיך? פֿאַר וואָס זאָלסטו מיר דאָס נישט אַלץ דערציילן, העי?

הינדע — גלעט חווהן בײַ דער באַק. איך בעט דיך. זי קושט זי. זאָג מיר שוין און מאַרטער [32] מיך נישט!

חווה — קוקט הינדען שטאַרק אין פּנים אַרײַן. זאָג מיר נאָר: קענסטו איינעם וואָס ער הייסט מאַרקוס רעדלעך, העי? זיי בלײַבן ביידע אַ ביסל שטיל.

הינדע — לאָזט־אַראָפּ די אויגן און שעמט זיך. דערנאָך כאַפּט זי חווהן אַרום מיט ביידע הענט און קושט זי. חווה־לעבן! דו ביסט זייער גערעכט. איך ווייס אַליין, אַז איך האָב קעגן דיר זייער גע־פֿעלט. איך בעט דיך, מײַן חווה־לעבן, זײַ מיר מוחל! איך וועל דיר שוין אַלץ דערציילן. זי בלײַבט פּלוצלינג שטיין גאָר שטיל און שעמט זיך.

חווה — נו, אַזוי דערציילסטו מיר? וואָס שעמסטו דיך אַזוי?

---

[32] פּייניק.

וואָס ווערסטו דאָ אַזוי רויט? גיי, ביסט אַ נאַר! זאָג־אַרויס אין גאַנצן. אַ בלינדער זעט דאָך אויך. נו, דו האָסט אים ליב — ווער האָט דען רעדלעכן נישט ליב? איז ער דען נישט ווערט, אַז מען זאָל אים ליב האָבן? ער איז זייער שיין, געשיקט, קלוג און דערצו זייער ערלעך.

הינדע — חווה־לעבן! וואָס ווייסטו, וואָס ער איז! איז דען גאָר דאָ אין דער גאַנצער וועלט זײַנס גלײַכן? קלוג, זאָגסטו? זע נאַר, ווי ער באַנעמט זיך דאָ אין הויז בײַ דער מומען זינט דרײַ יאָר קעגן איטלעכן באַזונדער, אַז קיין מענטש, אַפילו פריידע, קען אים נישט פײַנט האָבן...

חווה — פאַלט איר אין די רייד אַרײַן. און ווער שמועסט פון דער באַלעבאָסטע? די שטאַרבט דאָך גאָר נאָך אים.

הינדע — שיין, זאָגסטו? וואָס טײַטש? קוק נאָר אָן זײַן שיין פנים, די רויטע ליפּן, די שיינע קײַלעכדיקע בעקעלעך, דעם הויכן גלאַטן שטערן און די פײַערדיקע אויגן! ער איז דאָך טאָקע גאָר אַ פאַטרעט[33]. וואָס שמועסטו דאָ, אויב ער איז געשיקט? זײַן זיס שמועסל, זײַנע צוקערדיקע ווערטער! ער רעדט דאָך ווי אַ בוך. און ווער איז דען נאָך אין זײַנע יאָרן שוין, אַזוי ווי ער, אין דעם דריטן יאָר דער מעדיצין? ער איז דאָך שוין טאָקע באַלד אַ גאַנצער דאָקטער!

חווה — ווייסטו, ער האָט דאָ אַנומלט געשמועסט מיט דעם שׂרה, וואָס איז געווען בײַ דער באַלעבאָסטע זיך געלט לײַען, פראַנצייזעריש צי לאַטײַנעריש!... כ׳לעבן, זיי העטן מיך געקענט פאַרקויפן און איך זאָל גאָר נישט וויסן. מען הערט אין דרויס סערקעלעס קול, ווי זי שרײַט: „הינדע! הינדע!"

הינדע — מיר דאַכט זיך, אַז די מומע רופט מיך?

חווה — יאָ, יאָ, גיי שוין, גיי, וואָרן זי וועט שרײַען אויף דיר.

הינדע — גייט און קוקט זיך ווידער צוריק אום. **חווה־לעבן!** נאָך איין זאַך וועל איך דיך בעטן...

---

[33] נאָר ווי פאַר אַ פאָרטרעט, אַ בילד שיינער.

חווה — פֿאַלט איר אין די רייד אַריין. **איך ווייס שוין, וואָס דו ווילסט מיר זאָגן... גיי נאָר, גיי, איך וועל שוין פֿאַר קיינעם נישט איבערחזרן.** מען הערט ווידער **סערקעלעס** קול: **הינדע! הינדע! האָב איך זשע יאָ כוח צו שרייען דריי מאָל הינדע? הינדע?**

הינדע — לויפֿט געשווינד אַוועק דורך דער מיטלסטער טיר און באַגעגנט **חיימען** און גיט אים אין לויפֿן אַ וואָרף־אום, ווי ער וויל גיין אין שטוב אַריין.

עלפטער אַריינקום

חווה, חיים

חווה — לויפֿט־צו און העלפֿט חיימען זיך אויפֿהייבן. **וואָס טוט זיך דאָס היינט מיט דיר? צי ביסטו שיכּור, צי וואָס?**

חיים — **לאָז שוין הינדע אַריינגיין, זי מאַכט דאָך אַ געוואַלד, אַז מען קומט שיִער צו לויפֿן.**

חווה — **נו, נו, זי איז שוין געלאָפֿן. נאָר וויִז נאָר: האָסטו זיך נישט ערגעץ סקאַליטשעט?**[34]

חיים — בייזערדיק. **צי האָב איך מיך יאָ סקאַליטשעט, צי נישט, וואָס גייט דאָס דיך אָן? פֿרעג איך דיך עפּעס?**

חווה — **עפּעס ביסטו מיר היינט זייער בייז, חיים! איז דיר נישט אַ שיף אונטערגעגאַנגען?**

חיים — **וואָס טויג מיר דאָס אַ סך שמועסן, חווה! מיט אונדז האָט זיך שוין אויסגעלאָזט, אַן עק!**

חווה — שמייכלט. **עס האָט אַ פּנים, אַז עס האָט זיך צווישן אונדז עפּעס גאָר אַ מאָל אָנגעהויבן?**

חיים — **וואָס, עס האָט זיך גאָר נישט אָנגעהויבן? נו, לאָז**

---

[34] צעשניטן, פֿאַרוווּנדעט.

זײַן אַזױ! הײַנט איז דײַן צײַט. ער גײט־אַרום אין שטוב און רעדט קלאָמערשט אַזױ װי צו זיך אַלײן. האָט זיך נאָך אַזױנס פֿאַרלאָפֿן? אַ מײדל זאָל זיך לאָזן אַ קוש געבן פֿון אַ פֿרעמדן מאַנספּאַרשױן?!

חוה — װעמען מײנסטו, װעמען?

חיים — בלײַבט פּלוצלינג שטײן פֿאַר חוהן. װעמען איך מײן? ער לאַכט מיט כּעס. װעמען זאָל איך מײנען? דיך מײן איך, דיך!

חוה — לאַכט. האַ־האַ־האַ, מיך? מיך מײנסטו? װאָס, איך האָב מיר געלאָזט אַ קוש געבן?

חיים — יאָ, יאָ, דו מײנסט, איך האָב אפֿשר נישט געזען, װי ר׳ גבֿריאל איז דורכגעגאַנגען דורך דער קיך און האָט דיר אַ קוש געגעבן? דאָס ביסטו נאָר אַזױ געװאָרן, זינט דו ביסט מיט דער באַלעבאָסטע געװעזן אין דער װאַרעמבאָד.

חוה — לאַכט זײער שטאַרק.

חיים — איך פֿלעג אָבער תּמיד צו זאָגן, אַז מען זאָל קײן כּלה נישט נעמען, װאָס איז שױן אַ ביסל אין דער װעלט געװעזן. ער װײנט און װישט זיך אױס די אױגן.

חוה — לאַכט נאָך שטאַרקער.

חיים — נײן, עס איז שױן מיט איר גאָר נישט צום אױס־האַלטן! און אַלץ דורך דער פֿאַרשװאַרצטער װאַרעמבאָד! װעל איך אָבער יאָ אַ מאָל אַ חתן װערן, מוז אין די תּנאים שטײן בפֿירוש אַרױסגעשריבן, אַז די כּלה טאָר קײן מאָל נישט פֿאָרן אין דער װאַ־רעמבאָד אַרײַן. ער װישט זיך אױס די אױגן און קוקט חוהן שטאַרק אין פּנים אַרײַן. איך װײס נישט, װאָס דו ביסט דאָס אַזױ גרױס בײַ דיר? אפֿשר מײנסטו גאָר, אַז איך בעט מיך זײער צו דיר? אַהאַ, אַװדאי, דאָ האָסטו טאַקע אָנגעטראָפֿן! עס איז מיר נאָר דראָן[35] גע־לעגן, װאָס דער טאַטע האָט זיך אײַנגעשפּאַרט, אַז איך זאָל דװקא נאָר דיך נעמען. און איך, נאַר, האָב אים נאָך צוגעזאָגט. נאָר װאַרט

---

[35] דערין, אין דעם.

נאַר, וואַרט — איך וועל אים שוין דערציילן פון דיינע חפצעלעך [36], וואָס דו ביסט פאַר אַ שטיק סחורה.

חווה — האַלט זיך ביי די זייטן און לאַכט זייער שטאַרק.

חיים — מיט כעס. נו, נו, לאַך נאַר, לאַך, וועל'מיר שוין זען, **ווער עס וועט שפּעטער לאַכן, איך צי דו. אָט לויף איך שוין צום טאַטן און וועל אים איטלעכעס פּיצל דערציילן!** ער לויפט־אַוועק מיט כעס.

חווה — לאַכט. האַ־האַ־האַ, **דאָס הייסט געוועזן אַ נאַר! שלאָגן האָב איך מיך געזאָלט מיט דעם הולטיי! דאָס איז דאָס נאָך אַ ביסל אַ נאַר! נאָר כ'לעבן, אַ גוטער, אַן ערלעכער נאַר, אַזוי אַ יאָר זאָל איך האָבן! עס טוט מיר כ'לעבן באַנג, וואָס איך האָב אים דאָ אַצינד אַזוי פיל עגמת־נפש אָנגעטאָן. נאָר ער וועט שוין שפּעטער בעסער ווערן, כאָטש ער איז אַזוי בייז אַוועקגעלאָפן. ער וועט שוין שפּעטער אַליין קומען צו מיר און וועט מיך איבערבעטן. העט איך אַזוי בטוח געווען, אַז איך וועל מיך מיט אים עלטערן אין עושר און אין כבוד!** זי לויפט־אַוועק.

דער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ

סוף פון דעם ערשטן אויפצי

[36] (פון חפץ) **שטיקלעך**, טייערע **זאַכעלעך**.

צווייטער אויפצי

עס קומט־פֿאָר די אייגענע שטוב ביי ר׳ משה דאַנצקער, ווי ביי דעם ערשטן אויפצי

ערשטער אַריינקום

ר׳ משה דאַנצקער אַליין

ר׳ משה — ער זיצט ביַי אַ טישל, דעם קאָפּ אויף דער האַנט אָנגעלענט, זייער פֿאַרטראַכט. דערנאָך הייבט ער זיך אויף און גייט אַ פּאָר מאָל אין שטוב אַרויף און אַראָפּ, און זיפֿצט. ער זעצט זיך ווידער אַנידער און טראַכט אַזוי ווי פֿריִער. פּלוצלינג גיט ער זיך אַ כאַפּ־אויף מיט אַ געשריי. **עס איז פֿאָרט נאָר געווען אַ חלום!** ער רוט זיך אַ ביסל אָפּ. דערנאָך זאָגט ער אַ ביסל שטילער. **יאָ, פֿאַר וואָס האָט זיך מיר אָבער נאָך אין מײַן לעבן נישט אַזוי אַ חלום געחלומט? גראָד הײַנט! גראָד אין דעם טאָג...** ער קוקט זיך אַרום אויף אַלע זײַטן. **איך מעג דאָך דאָ זאָגן, עס הערט דאָך דאָ קיינער נישט: הײַנט איז אַקו־ראַט דער טאָג, וואָס איך האָב אַלע אָפּגעגאַרט, אַז מײַן שוואָגער דוד איז אונטערוועגנס געשטאָרבן. אוי, הלוואַי העט איך דעמאָלט ליבער אַליין געווען געשטאָרבן, העט מיר אפֿשר בעסער געווען ווי אַצינ־דערט! האָט דער שוואַרצער יאָר געדאַרפֿט גראָד דעמאָלט אָנצוטראָגן דעם בעל־עצה, דעם שמואל שרײַבער, ער זאָל מיר עצות געבן. נאָר ער איז אויך ניט שולדיק: וואָס מען האָט אים געהייסן, דאָס האָט ער געטאָן — ווי מע שפּילט, אַזוי טאַנצט מען. סערקע, נאָר דו האָסט מיך געקוילעט!** ער שווײַגט אַ ביסל שטיל. דערנאָך הייבט ער אָן צו דערציילן און דערציילן אַלע מאָל העכער. **די נאַכט, זייגער צוועלף, האָט עס שוין אַוודאי געמוזט זײַן, האָט זיך מיר געדאַכט אין חלום,**

אַז איך בין אַזוי אויף יענער וועלט, און איך זיץ אין אַ ווינקעלע אויף אַן אָרט, ווו עס האָבן געברענט אַן אוצר מיט ליכט, אַזוי ווי יום־כּיפּור אין שול, און עס גייען־אַרום זייער אַ סך מתים, אַלע אין תּכריכים אָנגעטאָן, אָבער אַזוי שטיל, אַז מען האָט ניט געהערט אַ שאָרך. ער ווישט זיך אָפּ דעם שווייס פֿון שטערן. האָר און נעגל שטעלן זיך מיר קאַפּויר, אַז איך דערמאָן מיך דראָן! פּלוצלינג דער־הער איך, ווי מען בלאָזט דאָס ערגעץ שופֿר. עס האָט אָנגעהויבן זייער שטאַרק צו דונערן און צו בליצן. איך האָב געהערט אַזוי אַ סך קולות, גלײַך עס העטן זיך אַלע ווינטן, אַלע זאַווערוכעס פֿון דער גאַנצער וועלט אויף איין אָרט צונויפֿגענומען און האָבן זיך געוואָלט פּרווון, ווער פֿון זיי עס האָט אַ העכער קול. אויף אַ מאָל זײַנען אַלע ליכט אויסגעלאָשן געוואָרן. עס איז געווען שרעקלעך פֿינצטער. די ערד האָט אָנגעהויבן אונטער מיר צו ציטערן און צו פּלאַטערן. עס איז אַ פּחד, אַזוי אַן אימה אויף מיר געפֿאַלן, אַז איך דערמאָן זיך נאָך איצט, ציטער איך ווי אַ פֿיש אין איטלעכן אבֿר און עס ווערט מיר אַזש קיל אין בויך, און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך הער נאָך, ווי מען בלאָזט: אַפּרי־ער גאַנץ שטיל, דערנאָך אַלע מאָל העכער און העכער, און העכער, ווי אַ תּקיעה גדולה. ער שווײַגט אַ ביסל שטיל. פּלוצלינג — עפֿענען זיך אויף צוויי גאַנץ גרויסע טויערן און איך האָב דער־זען שטיין צוויי שרעקלעך לאַנגע, הויכע מענטשן מיט פֿײַערדיקע פֿליגל אויף דעם רוקן. איינער האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַ גרוי־סע וואָגשאָל און דער אַנדערער אַ גרויסע פֿײַערדיקע רוט — עס איז זיי געווען אַ מורא אָנצוקוקן. פּלוצלינג הייבט־אָן איינער מיט אַ יעמערלעך קול צו שרײַען: „ווײַ, ווײ דעם, וואָס האָט באַגזלט אַלמנות און יתומים! ווײ דעם, וואָס קאָן הײַנט נישט באַשטיין בײַם משפּט! ווײ, ווײ אים! ער האָט קיין שום כּפּרה נישט!" — עס איז מיר געוואָרן פֿינצטער פֿאַר די אויגן. איך בין געבליבן שטיין ווי אַ סלופּ. דערנאָך האָט ווידער דער אַנדערער אָנגעהויבן צו שרײַען מיט אַ קול, וואָס מען האָט געהערט פֿון איין עק וועלט ביז צו דער אַנדערער: „שטייט־אויף! שטייט־אויף תּחית־המתים!". און איך האָב מיט מײַנע אייגענע

אויגן געזעץ, ווי די ערד און דער ים האָבן אַרויסגעוואָרפֿן קעפּ, הענט, פֿיס און געדערים, און זיי האָבן זיך ווידער צונאַנדגעטשעפּעט און זײַנען געוואָרן גאַנצע מענטשן, און האָבן ווידער געלעבט. פּלוצ־לינג... ער רעדט אַלע מאָל העכער און רוט זיך אָפּ צווישן איטלעכן וואָרט. אוי! פּלוצלינג פֿיל איך... ווי עמעץ... גיט מיר... אַ קלאַפּ... אויף דער... פּלייצע. ווי איך... קוק מיך אום... דערזע איך... אוי! דערזע איך... מײַן... מײַן, מײַן שוואָגער... דוד... ער שרײַט גאַנץ הויך. משה, קענסטו מיך? ער פֿאַלט גאַנץ מיד, אַזוי ווי פֿאַרטויבט, אַנידער אויף דער קאַנאַפּע.

צווייטער אַרייַנקום

ר' משה, ר' יוחנן

ר' יוחנן — איז אַרײַנגעקומען און האָט געהערט, ווי ר' משה שרײַט „קענסטו מיך?". גייט ער צו צו ר' משהן און זאָגט. וואָס טײַטש, אויב איך קען אײַך? וואָס פֿרעגט איר דאָ פֿאַר אַ קשיא, אויב איך קען אײַך? אָך איז מיר! קומט מײַן שמועה אָפּיר[37], איר זײַט דאָך דאָס קלאָמערשט מיט מיר פֿון איין שטאָט. אײַער מאַמע, זכרונו לבֿרכה, איז דאָך געווען אַ היוונעוועריך, צאָרטל זלאַטעס! אָך איז מיר! איך האָב זי זייער גוט געקענט. איך האָב אײַער שוואָגער ר' דוד, עליו השלום, אויך זייער גוט געקענט, גלײַך ער העט איצט פֿאַר מיר געשטאַנען.

ר' משה — כאַפּט זיך פּלוצלינג אויף. וואָס?... אוי, ווּ, ווּ שטייט ער? ווּ? ער כאַפּט־אָן ר' יוחנן. ווּ איז ער, ווּ?

ר' יוחנן — וואָס טײַטש, ווּ ער איז? ווּ זאָל ער זײַן? ער איז דאָך געווען אַ כשרער ייד, אַ צדיק... זיצט ער אַוודאי אין גן־עדן, ווי אַלע צדיקים. ער קוקט ר' משהן אין פּנים אַרײַן און זאָגט צו זיך אין דער שטיל. אָ, וואַ! איך האָב פֿריִער גאָר נישט אַכטונג געגעבן...

[37] ווייס איך דאָך, קומט מיר אויפֿן געדאַנק, לאָזט דאָס מיר צו הערן.

ער מוז עפּעס האָבן אַ מעליגנע[38] אין קאָפּ! איך האָב מיך באַלד געחידושט, פֿאַר וואָס ער אירצט[39] מיך נישט. הויך צו ר׳ משהן. ר׳ משה, זאָגט נאָר, איר מוזט עפּעס ניט זײַן בקוו־הבריאה! וואָס פֿעלט אײַך, וואָס? זײַט איר עפּעס שלאָף?

ר׳ משה — קומט אַ ביסל צו זיך. אָ, ר׳ יוחנן! אוי!... יאָ... יאָ... איך בין חרוב.

ר׳ יוחנן — וואָס פֿעלט אײַך, מײַן ליבער ר׳ משה?

ר׳ משה — שלאָגט זיך אין האַרצן אַרײַן. אוי, דאָ, דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן.

ר׳ יוחנן — נו, קומט מײַן שמועה אַפּיר, פֿאַר וואָס שיקט איר אײַך נישט נאָך אַ דאָקטער?

ר׳ משה — קרעכצט. אוי, נייך, ניטע, ניטע, לאָזט געמאַך. איך בין גאַנץ געזונט. עס פֿעלט מיר גאָר נישט. ער וויל זיך אויפֿשטעלן און קען נישט. נאָר יאָ... זײַט איר שוין לאַנג דאָ בײַ מיר אין שטוב? אוי, איך ציטער ווי אַ פֿיש, נישט וואָר? איך בין קראַנק, זייער קראַנק. איך גיי קוים אַרום... די דאַגות, דאַגות לאָזן מיך נישט רוען.

ר׳ יוחנן — וואָס? דאַגות? איר האָט אויך דאַגות? אָט דאָס איז שיין! נאָר, קומט מײַן שמועה אַפּיר, איינער זאָרגט זיך פֿאַר אַ קוגל און דער אַנדערער פֿאַר אַ גאַנץ טשאָלנט. מילא, בשלמא, איך, איך זאָרג מיך... נו, בין איך דאָך דרויף, ווי איינער רעדט, אַ געמיינער מענטש[40]. אַ מאָל האָב איך יאָ אויף שבת און אַ מאָל נישט. אָבער איר? איר זײַט דאָך, אָן איין עין הרע, אַ גרויסער נגיד ביז הונדערט און צוואָנציק יאָר, האָט נישט מער ווי אַ בת־יחידהלע, זייער אַ כשר טעכטערל, גוט און פֿרום און, כ׳לעבן, שיין אויך. קומט מײַן שמועה אַפּיר... זי האָט געהאַט נאָך עמעצן צו געראָטן... אַ

---

[38] אַ קרענק, שגעון (אין שפּאַניש: „מאַליגנאַ״). — [39] אירצן: זאָגן „איר״. —

[40] אין דער ליטע, טיילווייז אויך אין פּוילן, ווערט אַן אָרעמאַן אָנגערופֿן אַ געמיינער מענטש, מעג ער זיין ביז גאָר איידל.

שידוך וועט איר, אם ירצה השם, אויך אַוודאי מיט איר טאָן זייער אַ גוטן. עס איז שוין, כ׳לעבן, צײַט.

ר׳ משה — איז דערווײַל אין גאַנצן צו זיך געקומען. יאָ, איר זײַט גערעכט, מײַן ליבער ר׳ יוחנן! עס איז שוין צײַט. ווער ווייסט וואָס שפּעטער קען זיך נאָך טאָן. ער פֿאָרשט אים. נישט וואָר? ער קוקט ר׳ יוחנן שטאַרק אין פּנים אַרײַן. איך בעט אײַך, איר זאָלט מיר געזונט זײַן, זײַט איר שוין לאַנג דאָ בײַ מיר אין שטוב? איך זאָג אײַך דעם אמת, איך בין עפּעס נישט בײַם גאַנצן געזונט. זינט אַ פּאָר וואָכן קען איך אַלץ נישט וויסן, וואָס עס פֿעלט מיר. איך קען קיין נאַכט ניט שלאָפֿן און רייד אָפּט מאָל אַזעלכע זאַכן, וואָס זײַנען נישט געשטויגן און נישט געפֿלויגן. ער פֿאָרשט אים ווידער. איר האָט דאָך דאָ געמוזט אַוודאי הערן, הע?

ר׳ יוחנן — יאָ, איך האָב טאָקע געהערט, ווי איר האָט מיך געפֿרעגט, אויב איך קען אײַך. קומט מײַן שמועה אַפֿיר, איר זאָלט לעבן, קענט מיך דאָך נאָך, ווען איך בין געווען אַ בטלן אין קליי־נעם בית־המדרשל. נו, געלויבט צו גאָט פֿאַר דעם. איך בין איצט אַ שדכן, איך פֿיר־אויס די גרעסטע שידוכים — גוט, מען כאַפּט אַ מאָל אַ פּאָר קערבלעך! אָט וויל איך, כ׳לעבן, אײַער אַלטעלעך אויך ריידן זייער אַ גוטן שידוך. איך זאָג אײַך, אַן אויספּאַל פֿון אַ שידוך. איר און אײַער ווײַב, זאָלט לעבן, קענט אים זייער גוט.

ר׳ משה — אין דער שטיל צו זיך. ניין, ניין, ער האָט, געלויבט צו גאָט, גאָר נישט געהערט! הויך. מײַן ליבער ר׳ יוחנן! איר ווייסט דאָך, אַז איך מיש מיך זייער ווייניק אין זעלכע זאַכן. דאָס קער נאָר צו מײַן ווײַב, זאָל לעבן. איך האָב בײַ איר גאָר ווייניק וואָס אַ דעה צו זאָגן. איר מוזט דאָס נאָר מיט איר אַליין שמועסן אויב איר ווילט מוחל זײַן און דאָ אַ ביסל וואַרטן, וועל איך אײַך זי דאָ אַרײַנשיקן! ער גייט און באַגעגנט סערקעלען. אָט איז זי דאָ אויפֿן אמת! ער זאָגט צו סערקעלען. אָט, ר׳ יוחנן דאַרף עפּעס צו דיר, מײַן ווײַב. ער גייט געשווינד אַוועק.

דריטער אַריינקום

ר׳ יוחנן, סערקעלע און דערנאָך אַלטעלע

ר׳ יוחנן — גאָט העלף אײַך, סערקעלע!

סערקעלע — ברוך הבא, ר׳ יוחנן! וואָס זאָגט איר גוטס? זיצט אַ ביסל אַנידער! זי זעצט זיך.

ר׳ יוחנן — זעצט זיך. אָט בין איך אַ ביסל אַריבערגעקומען. מיר זײַנען דאָך איצט שכנים. און ס׳אַנדערע, איך האָב געהערט, אַז אײַער מאַן, זאָל לעבן, קלאָגט זיך עפּעס, בין איך אים געקומען מבקר חולה זײַן.

סערקעלע — ווער? מײַן משה? אָך איז מיר! וואָס פֿאַלט אײַך אײַן? ער איז, געלויבט צו גאָט, פֿריש און געזונט! ווער האָט אײַך די ליגנד געזאָגט, ווער?

ר׳ יוחנן — איך קען מיך, אָסור, נישט דערמאַנען, ווער עס איז הײַנט בײַ מיר געווען און האָט מיר דאָס געזאָגט... ער וויל זיך קלאָמערשט דערמאַנען. איך קען מיך, אָסור, נישט דערמאַנען.

סערקעלע — אַז זיי זאָלן ליידן אין גרויסע לײַדן, אוי, מײַנע כּוחות! וואָס שׂונאים קענען אַלץ אויסטראַכטן! הלוואַי העט איך, אָן זײַן שאָדן, אַזוי געזונט געווען ווי ער.

ר׳ יוחנן — נו, קומט מײַן שמועה אָפּיר, זײַט פֿון מײַנעט־וועגן געזונט און פֿריש, איר זאָלט אײַך עלטערן אין עושר און אין כּבֿוד, איר זאָלט דערלעבן שׂמחות און גדולות אָן[41] אײַער קינד, טאַקע אַזוי ווי עס קומט אָן אײַך.

סערקעלע — אָמן, ליבער גאָט!

ר׳ יוחנן — זעט איר, איך האָב דאָ גראָד גערעדט מיט אײַער מאַן פֿון אַ שידוך פֿון אײַער אַלטעלעס וועגן, זאָל לעבן. מילא, אים געפֿעלט עס זייער, איך זאָג אײַך — ער איז גאָר אַוועק. נאָר ער

---

[41] אין, בײַ, פֿון.

זאָגט: וואָס מײַן ווײַב, זאָל לעבן, וועט טאָן, וועט זײַן געטאָן! כ׳לעבן, אַ נחת צו האָבן אַזוי אַ מאַן. איר זײַט דער באַלעבאָס און די באַלע־באָסטע. וואָס איר רעדט איז גערעדט.

סערקעלע — שמייכלט. אויב איך האָב, אָן עין־הרע, בײַ אים אַ גוטע דאָליע! און ווידערום[42], פֿאַרדין איך עס אפֿשר נישט? ער, אומשטיינס געזאָגט, איז דאָך טאַקע, צווישן אונדז געשמועסט, אַ גרויסער שלימזלניק. קוקט אים נאָר אָן, אויב עס העט עמעץ פֿאַר זײַן גאַנץ לײַב און לעבן געוואָלט געבן כאָטש צען קרײַצער. ער טויג דאָך טאַקע צו גאָר נישט. איך זאָג אײַך: טאַקע צו גאָר נישט. ווער טוט אַלץ? ווער האָרעוועט? ווער שנײַדט קריעה? אוי, מײַנע כּוחות! ווער אַרבעט, נעבעך, אַזוי שווער און ביטער ווי איך?

ר׳ יוחנן — אַוודאי זײַט איר גערעכט! אַט דאַרף מען אַ קינד אויסצוגעבן, פֿאַרלאָזט ער זיך אין גאַנצן אויף אײַך. און, קומט מײַן שמועה אַפֿיר, איך בין דאָך אויך קיין נאַר נישט. איר וועט, אם־ירצה־השם, תּנאים שרײַבן און חתונה מאַכן אָן אים אויך.

סערקעלע — עס איז, כ׳לעבן, אמת. וואָס שמועסט איר דאָ? נאָר לאָמיר כאָטש נאָר הערן, ווער דער חתן איז — אפֿשר גאָר אַ סטודענט?

ר׳ יוחנן — ע, וואָס! אײַך וועל איך פּלוצלינג ריידן מיט אַ סטודענט? שטייט דאָס אײַך אָן? אַזוי אַ מיוחסת, אַזוי אַ נגידה? גייט שוין, גייט! אַזוי אַ קלוגע ייִדענע, ווי איר זײַט, זאָל מיך קענען חושד זײַן, אַז איך וועל אײַער כּשר קינד ריידן מיט אַ סטודענט? ער שפּײַט־אויס אַזוי ווי אין כּעס. פֿי, באַ! מיר דאַכט זיך, קומט מײַן שמועה אַפֿיר, אַז איך בין אויך נישט ערשט פֿון דעם איי אַרויסגע־קראָכן און ווייס גאַנץ גוט, אַז דער שענקער דאַרף זײַן ווײַן, און דער שפּינער זײַן פֿלאַקס — נו, וועל איך אײַער קינד ריידן מיט אַ סטודענט? זעט איר, איך — איך שלאָג אײַך אָן אַ שידוך, וואָס ער

[42] אומקערנדיק זיך, צוריקגעשמועסט.

איז אַ קינצלעכע זאַך אויף דער וועלט. און איר מעגט מיר באמנות גלייבן, אַז ער איז אַוודאי מן השמים.

סערקעלע — נו, יאָ, ווער איז ער אָבער, ווער? איז ער עפּעס פֿון שיינע לײַט? איז ער אַן עושר? איז ער עפּעס אַ שיין פֿאַרשוינדל? אוי, מײַנע כּוחות! האָט ער געלט, הע?

ר' יוחנן — אויב ער איז פֿון שיינע לײַט? ער קומט דאָך דאָס אַרויס פֿון גדולי הדור! מילא, פֿון מוטערס צד... איז ער דאָך דער ערשטער מיוחס, זי האָט זיך דאָך אָנגעקערט מיט דעם גרויסן רבי ר' זלמן פֿון איין זײַט און פֿון דער אַנדערער זײַט איז זי דאָך געוועזן אײַנגעטונקען אין יחוס. און ווער שמועסט זײַן פֿאָטערס משפּחה — האָט דאָך טאַקע געשוויבלט און געגריבלט פֿון רבנים. קורץ, וואָס האָב איך אײַך דאָ אַ סך צו זאָגן, קומט מײַן שמועה אָפּיר — פֿון זאָגן ווערט מען נישט טראָגן — זײַן יחוס־בריוו גייט ביז אין די אַלטע צײַטן, דהײַנו, מאַלט אײַך, ביז צו עלי הכּוהן, פֿאַר־שטייט איר מיך שוין?

סערקעלע — שאָקלט מיטן קאָפּ און חידושט זיך. פּשוט?! טאַקע ביז צום הייליקן כּוהן?

ר' יוחנן — אויב ער האָט געלט? הלוואַי אויף אַלע ייִדן געזאָגט! מײַן אייגנס זאָל איך האָבן, וואָס ער באַדאַרף. איך וויל ניט זאָגן, אין אַ יאָר. קומט מײַן שמועה אָפּיר, אַז מען ווײַזט אַ הונט אַ פֿינגער, וויל ער די גאַנצע האַנט... איך ווינטש מיר נאָר צו פֿאַרמאָגן, וואָס עס גייט אים אַוועק אין איין חודש! ער איז דאָך טאַקע גאָר אַ שׂררה. ער לעבט זיך דאָך ווי אַ גבֿיר און איז דאָך דאָס דער גרויסער סוחר אויך. ער האַנדלט דאָך מיט דער גאַנצער וועלט.

אַלטעלע — עפֿנט גאַנץ שטיל אויף די טיר, זיי זאָלן נישט הערן, און האָרכט־אונטער וואָס זיי שמועסן.

סערקעלע — זאָגט זשע מיר נאָר, ווער איז דער חתן? אפֿשר קען איך אים?

ר' יוחנן — איר קענט אים גאַנץ גוט. ער איז בײַ אײַך גאָר

אַ בן־בית. ער הייסט — ר׳ גבֿריאלכן הענדלער! נו, וואָס זאָגט איר, ווייס איך מיט וועמען איך צו ריידן, הע?

סערקעלע — ר׳ גבֿריאל הענדלער! יאָ, איך קען אים גאַנץ גוט. ער קומט טאַקע אַלע טאָג צו מיר. אָך, ער איז ערשט הײַנט דאָ געווען!

ר׳ יוחנן — נו, אַדרבא, ווי געפֿעלט ער אײַך? איז דאָס נישט זייער אַ גלײַכער שידוך? מיר דאַכט זיך, אַז עס קען שוין גאָר קיין גלײַכערער שידוך אויף דער וועלט ניט זײַן, ווי דער איז.

סערקעלע — נו, יאָ, איך זאָג אײַך דעם אמת, קיין שלעכטער שידוך איז עס נישט. אוי, מײַנע כוחות! ער געפֿעלט מיר אַפֿילו, ער איז נאָר קיין חיות נישט, נאָר...

ר׳ יוחנן — פֿאַלט איר אַרײַן אין די רייד אַרײַן. נו, וואָס נאָך ווילט איר? אַז ער געפֿעלט נאָר אײַך, וועמען דאַרפֿט איר נאָך צו פֿרעגן? איך זאָג אײַך, אײַער מאַן, זאָל לעבן, איז דער שידוך זייער געפֿעלן. וואָס טײַטש! ווי איך האָב אים נאָר אָנגעשלאָגן, איז ער נאָר אויסגעגאַנגען. גלייבט מיר, ער איז גאָר אַוועקגעוועזן[43].

אַלטעלע — אין דער שטיל. צו זיך. הונדערט און צוואַנציק יאָהרע זאָלל ער פֿאַר דאָס לעבען!

סערקעלע — יאָ, ווער ווייסט, וואָס מײַן בת־יחידה וועט דערצו זאָגן, אויב ער וועט אַלטעלען געפֿעלן?

אַלטעלע — אין דער שטיל. צו זיך. אײנעם קראַנקן פֿרעגט מאַן... זי עפֿנט־אויף די טיר און מאַכט זי ווידער צו, גלײַך זי העט ערשט געווען אַרײַנגעקומען, און לויפֿט־צו צו סערקעלען. מאַמעניו! האָסט דו ניכט די שליסעלעך גענאָממען?

סערקעלע — וואָס טײַטש, מײַן האַרץ! דו גייסט דאָך אין זיי אָנגעהאַנגען! אָט אָ דאָס איז שיין — רײַטסט אויף דעם פֿערד און זוכסט עס.

ר׳ יוחנן — דאָס איז דאָך, דאַכט זיך מיר, אײַער אַלטעלע,

---

[43] געוואָרן אויסער זיך.

זאָל לעבן? ער באַקוקט אַלטעלען פֿון אויבן ביז אַראָפּ. נו, כ׳לעבן, זייער אַ פֿײַן מיידל געוואָרן. קומט מײַן שמועה אַפּיר — אויס קינדער ווערן לײַט. נו, מײַן קינד, ווילסטו שוין אַ חתן?

אַלטעלע — שעמט זיך קלאָמערשט. לאָסט מיך דאָרט געהן מיט אַ ברייטיגאַם[44]!

סערקעלע — לאַכט און ווינקט צו ר׳ יוחנן. אַט גלוסט זיך אײַך דאָ עפּעס, דאַטשעפּעט נאָר דאָ מיט איר, וועט זי אײַך דאָ געבן פֿאַר ס׳אײַ׳ריקע.

ר׳ יוחנן — שמייכלט. וואָס ביסטו דאָס אַזוי בייז אויף מיר, מײַן לעבן? ווײַל איך וויל דיר געבן אַ שיינעם חתן, הע?

אַלטעלע — קוקט־אָן סערקעלען און לאַכט.

סערקעלע — נו, פֿאַר וואָס ענטפֿערסטו נישט? ביסט שטום, הע?

אַלטעלע — ווייס איך? וואָס זאָלל מיר איין ברייטיגאַם? איך ברויך נאָך קיינען.

ר׳ יוחנן — רייד זשע נישט ווי קיין קינד, מײַן לעבן, וואָרן איך האָב פֿײַנט, אַז מען רעדט נאַרישקייט! וואָס טײַטש, וואָס עס טויג דיר אַ חתן? קומט מײַן שמועה אַפּיר, דו ביסט דאָך שוין, אָן עין־הרע, אַלט...

סערקעלע — פֿאַלט אים אין די רייד אַרײַן. דרײַצן יאָר, זי זאָל לעבן און געזונט זײַן.

ר׳ יוחנן — נו, זאָג זשע, כ׳לעבן! איך האָב זייער אַ פֿײַנעם חתן פֿון דײַנעט וועגן. ער וועט דיר געפֿעלן.

אַלטעלע — געפֿעלט ער נאָר דער מאַמעניו, וועט ער מיר אויך געפֿעלן. זי וויל קלאָמערשט אַוועקלויפֿן.

ר׳ יוחנן — כאַפּט זי אָן בײַ דער האַנט. נו, וואָס אַנטלויפֿסטו? קום נאָר אַהער! פֿאַר מיר האָט נישט אויפֿזיך[45], אָסור. זעסטו, אַז דו רעדסט ווי אַ קלוג מיידל, האָב איך דיך גאַנץ ליב. גלייב מיר,

---

[44] חתן. — [45] (אויפֿזיך האָבן) מאַכט נישט אויס.

איך רייד דיר אַ חתן זייער אַ שיינעם פּאַרשוין, אַ גרויסער פּיינע־בריה, אַן אַדיר שבאַדירים. ער האָט זיין אייגנס אַ סך, טאַקע אַ סך געלט. ער איז זייער גוט און פֿרום. ער פּירט זיך, ווי גאָט געבאָטן האָט — און דו, מיין קרוינעשי, קענסט אים אויך.

אַלטעלע — איך? איך קאָן איהם אויך?

סערקעלע — יאָ, דו קענסט אים, מיין האַרץ! דו קענסט אים זייער גוט — קענסטו ר' גבריאל הענדלער?

אַלטעלע — שעמט זיך קלאָמערשט. נו, יאָ, איך קאָן איהם. איך האָב איהם היר ביי דיר אַמאָהל געזעהען.

ר' יוחנן — נו, ווילסטו אים פֿאַר אַ חתן?

אַלטעלע — לאַכט. איך האָב יאָ שוין איין מאָהל געזאָגט: ווען ער געפֿעלט דער מאַמעניו, ווירד ער מיר געוויס אויך שוין גע־פֿעללען. זי לויפֿט־אַוועק.

פערטער אַריינקום

סערקעלע, ר' יוחנן

סערקעלע — אַזוי איז אַלץ אין איינעם, אַלע פֿאַרלאָזן זיך נאָר אויף מיר: מיין מאַן און מיין טאָכטער, אַלע נאָר אויף מיר. גלייבט מיר, גלייבט מיר, עס איז איבער מיינע כוחות אַלץ אויף מיר צו נעמען.

ר' יוחנן — נו, קומט מיין שמועה אַפֿיר, אויף וועמען דען זאָלן זיי זיך פֿאַרלאָזן, אַז נישט אויף אייך?

סערקעלע — ע, וואָס ווייסט איר, מיין ליבער ר' יוחנן? אַ גאַנצע לעבע טאָג הערט מען דאָך מער נישט נאָר: „גיי צו מיין ווייב, גיי צו דער מאַמעניו, גיי צו דער מומען, גיי צו דער באַלעבאָסטע, גיי צו סערקעלען!"... איך ווייס נישט, מען זאָל טאַקע זיין אויס אייזן, העט מען עס אויך נישט געקענט אויסהאַלטן, אוי, מיינע כוחות! חוץ דעם אַלעם אָבער, אַז עס קומט נאָך דער פֿאַרפֿינצטערטער דאָ־

נערשטיק, אַז די אָרעמע לײַט הייבן זיך אָן צו שיטן, איך זאָג אײַך, די טיר רוט נישט, און דאָס מויל טוט שוין טאַקע אײנעם ווײ איט־לעכן באַזונדער צו זאָגן „האָט נישט פּאַראיבל, גייט געזונטערהייט!״... מען האָט געענוג פֿון זײַנע אָרעמע קרובֿים. אָט ליגט איבער מיר אַ גרויסע מויד, וואָס טויג, אָסור, נישט אַ הונט אויס דעם גרוב אַרויס־צוטרײַבן, און עסט מיר אָפּ די בײנער, דער שוואַרצער יאָר ווייסט פֿאַר וואָס און פֿאַר ווען, גלײַך זי העט מיר עפּעס אין דער חבֿרותא אַרײַנגעגעבן, אוי, ווי, מײַנע כּוחות!

ר׳ יוחנן — ווענמען מיינט איר דאָס, וועמען?

פּערקעלע — וואָס טײַטש! היגדע, מײַן דודס טעכטערל, אומ־שטיינס געזאָגט: וואָס די קאָסט מיך שוין!

ר׳ יוחנן — און וואָס זי וועט אײַך ערשט אַ מאָל נאָך קאָסטן! אוודאי זײַט איר זייער גערעכט. וואָרן, קומט מײַן שמועה אַפֿיר, קיין ייִדיש קלויסטער איז דאָך נישטאָ. מילא, וועט איר דאָך אויך זי מוזן אַ מאָל חתונה מאַכן.

פּערקעלע — ווער? איך? אָך איז מיר! פֿאַר וואָס? פֿאַר וועמען? און אַז איך זאָל טאַקע וויסן, אַז זי וועט פֿאַרזיצן ביז צום גרויען צאָפּ, גייט מיך, אָסור, אויך גאָר נישט אָן, אוי, מײַנע כּוחות! וואָס איז דאָס עפּעס? קראַנק איז זי? לאָז זי זיך שטעלן ערגעץ דינען!

ר׳ יוחנן — אוי, וואָס רעדט איר! איר זײַט דאָך פֿאָרט, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, אַ גרויסע נגידה און זי איז דאָך אײַער ברודערס איינציקע טאָכטער! כ׳לעבן, עס שיקט זיך נישט פֿאַר לײַט. וואָס וועלן מענטשן ריידן?

פּערקעלע — וואָס מיינט איר, איך וועל מיך עפּעס שעמען? זאָל מיך גאָט שטראָפֿן אויף מײַנע יונגע יאָר, אויב עס וועט מיך כאָטש גאָר עפּעס אָנגיין! מילא, לאָמיר נאָר קלערן, צו קיין שידוך מיט מײַן אַלטע־לעבן קען עס מיר נישט שאַדטן. וואָרן אַז איך וויל אַ קינד נאָכגעבן אַכט הונדערט זילבערנע קערבלעך און צירונג, און קליידער, גרעט און בעטגעוואַנט... הײַנט די אַנדערע אויסריכטונג

און קעסט, חוץ קליינע מתנות און שאַר־ירקות... ווייל איך דאָך איר טאַקע נאָכגעבן, דיר נישט, מיר נישט, אַ גאַנצן עושר. און פֿון יחוס דאַרף איך דאָך אײַך נישט ערשט צו דערציילן, ווער איך בין, אוי, מײַנע כּוחות! נו, זאָגט זשע, איר זאָלט מיר געזונט זײַן, וואָס קען מיר דאָס שאַדטן, אַז די וועלט וועט יאָ וויסן, אַז הינדע דינט צווישן לײַט?

ר' יוחנן — דאָס זײַט איר אפֿשר אויך גערעכט. וואָרן, קומט מײַן שמועה אַפֿיר, נישט אַלע מענטשן קענען האָבן איין דעה. און עס ווייסט קיינער נישט, ווען דער שוך קוועטשט, נאָר דער וואָס גייט אין אים. איטלעכער רעדט זיך אײַן, נאָר ער ווייסט וואָס ער טוט. נאָר זאָגט מיר נאָר, סערקעלע, וואָס איז דאָס: נאָר אַכט הונדערט קערבלעך ווילט איר אײַער קינד נאָכגעבן?

סערקעלע — וואָס? אפֿשר איז עס ווייניק? איך ווייס נישט, מען מוז שטרעקן נאָך די עקן — מיר דאַכט זיך, איך גיב איבער מײַנע כּוחות. הײַנטיקע צײַטן ווער גיט דען אַ קינד מער נאָך?

ר' יוחנן — אוי, האָט מיר נישט פּאַראיבל! ווער עס גיט מער נאָך? כ'לעבן, איר זײַט אַזוי אַ נגידה ווי שפּרה באַלבאַן, און זי גיט נאָך דעם מיידל פּופֿצן הונדערט קערבלעך. און צווישן אונדז געשמועסט, כאָטש איך בין געווען דער שדכן, מיט וועמען האָט זי געטאָן? מיט אַ פֿאַרד!

סערקעלע — ווער? שפּרה די קבצנטע וויל נאָכגעבן פּופֿצן הונדערט קערבלעך? זי לאַכט קלאָמערשט. האַ־האַ־האַ, איך מוז שוין לאַכן פֿאַר צרות. אוי, מײַנע כּוחות! האָט זי דען מסלק צו זײַן? איך ווייס נישט, לײַט זײַנען שוין אַזוי: טוען שידוכים, זאָגן צו גילדענע בערג, מאַכן אײַזערנע כּתבֿים, און אַז עס קומט צום סילוק, איז נישטאָ קיינער אין דער היים.

ר' יוחנן — ע, וואָס רעדט איר? שפּרה באַלבאַן איז אַ גרויסע עשירה. זי האָט דאָך ערשט מייתר געווען זייער אַ סך געלט אָן אַ

ליוועררונג [46] און דער מאַן אירער האָט דאָך פּאָר אַ וואָך צוויי געוווּ־
נען אויף דער לאָטעריע זעכצן טויזנט רייניש מינץ.

סערקעלע — גיט זיך אַ שטעל־אויף. וואָס? שפּרה?! זעכצן
טויזנט רייניש מינץ? עס איז שוין אין דער וועלט אַזוי, אומשטיינס
געזאָגט — אַן דעם ערגסטן הונט קומט דער בעסטער ביין. אוי,
מיינע כוחות! שפּרה באַלבאַן! זעכצן טויזנט רייניש מינץ? אַ רוח
אין איר טאַטן אַריין!

ר׳ יוחנן — מילא, וואָס טויג מיר דאָס? וואָס שמועסט איר דאָ
פֿון אַכט הונדערט קערבלעך? נאָר, קומט מיין שמועה אַפּיר, איר וועט
אייך שוין לאָזן מתיר־נדר זיין. איר וועט שוין בעסער ווערן. לאָז
נאָר עפּעס קומען דערצו.

סערקעלע — וויפֿל האָט ער דען זיין אייגנס, הע?

ר׳ יוחנן — ער? וואָס טייטש? זיין גאַנץ פֿאַרמעגן. ער איז
דאָך דאָס טאַקע אַ גרויסער נגיד. ער פֿאַרמאָגט, כ׳לעבן, אַ סך מער,
כאָטש מען שאַצט אים נאָר פֿאַר צוויי טויזנט רייניש מינץ. איך ווייס
דאָס גאַנץ גוט. איך אַליין האָב ביי נ׳אים געזען אַ גאַנצן פּאַק מיט
באַנקצעטל. איך זאָג אייך, איך בין גאָר טויט געוואָרן, ווי איך האָב
אים דערזען. און ווער שמועסט פֿון זיין בריהשקייט אין סוחריי? אַ
קאַטאָוועס איינבערעגנער איז ער דאָס? וואָס דער מענטש האַנדלט אַלץ
איבער! ער איז דאָך, אַן אַן עין־הרע, טאַקע אַ גאַנצער באַלעבאָס.

סערקעלע — גלייבט מיר, מיין ליבער ר׳ יוחנן, אַז עס גייט
מיר נאָר אין דעם איינעם, וואָס מיין אַלטע־לעבן, זאָל מיר שטאַרק
און געזונט זיין, וועט נישט דאַרפֿן צו קומען צו שווער־און־שוויגער
אין הויז אַריין און וועט נישט דאַרפֿן צו האָבן צוואַנציק אויפֿזעערס
איבער זיך. אָבער ווייטער ווייס איך נישט, וואָס פֿאַר אַ גרויסע
מציאה מען כאַפּט דאָ אַן אים. קיין געלט זעט מען פֿאָרט נישט ביי
אים זיך אַרומוואַלגערן. איך זע דאָך, אַז ער דאַרף אַ מאָל געלט,
קומט ער דאָך ערשט צו מיר לייען.

[46] צוגעגעבן געלט אַן אַ גאַראַנטיע, אָפּן, אויף קרעדיט אָן דעקונג.

ר׳ יוחנן — נו, קומט מײַן שמועה אַפּיר, און װעלכער סוחר איז דאָס נישט אַ מאָל אין האַנדל פֿאַרשטעקט און איז געצװוּנגען זיך צו לײַען. נאָר איר קענט דאָך אײַך אָבער הייסן תּיכף בײַ די תּנאים דעם סילוק באַלייגן.

מערקעלע — זעט איר, אָט אָ דאָס איז עפּעס אַנדערש. אַזוי זײַט איר שוין װידער גערעכט. אַז ער װעט באַלד צו די תּנאים מסלק זײַן — יאָ, אַזוי באַשטיי איך. און װי זאָגט איר? אַז עס װעט קומען צום שרײַבן, װעל איך מיך אפֿשר נאָך לאָזן בײגן אויף אַ צװיי הונדערט קערבלעך.

ר׳ יוחנן — איך װייס פֿיל. איר זאָגט טויזנט און איך זאָג צװעלף הונדערט. קומט מײַן שמועה אַפּיר, פֿון געלט װעגן גייט קיין שידוך נישט אָפּ. הונדערט קערבלעך אַרויף, הונדערט קערבלעך אַראָפּ — עס װעט רעכט זײַן. נאָר איין זאַך העט איך נאָך גערן.

מערקעלע — װאָס איז דאָס, װאָס?

ר׳ יוחנן — איך העט נאָך גערן געזען, אַז די חתן־כּלה זאָלן זיך ערגעץ נאָך פֿאַר די תּנאים צונױפֿקומען און זאָלן זיך אַ ביסל דערקענען און שמועסן צװישן זיך.

מערקעלע — װייסט איר װאָס? איך װעל אים הײַנט שיקן צו מיר פֿאַרבעטן אויף אַן אָנבײַסן — ער קומט דאָך אָנדאָס[47] אַלע טאָג צו מיר, און בײַם עסן קען מען אַלץ אָפּשמועסן. און תּיכף הײַנט בײַ נאַכט קענען זײַן די תּנאים. װאָרן, כ׳לעבן, איך האָב אַליין זייער פֿײַנט, אַז עס שלעפּט זיך אַ זאַך אין די לאַנגע יאָרן אַרײַן.

ר׳ יוחנן — פֿאַרשטייט זיך, זײַט איר זייער גערעכט. װאָרן איינס — מען קען אים דערװײַל אויסכאַפּן. ער שטייט דאָך אפֿשר נאָך אין צװאַנציק שידוכים נאָר אָפּצוטאָן. און ס׳אַנדערע, קומט מײַן שמועה אַפּיר, דער מענטש לעבט דאָך נישט אייביק.

מערקעלע — נו, עס בלײַבט שוין בײַ דעם.

ר׳ יוחנן — איך װעל נאָך האָבן מיט אים אויך געגנוג צו טאָן,

---

[47] אויך אָן דעם.

גלייבט מיר. עס וועלן מיר נאָך גרינגע ווערעם אָפּגיין אײדער איך וועל נאָך מיט אים פּאַרטיק ווערן. נאָר איך בין דאָך, ווי אײנער רעדט, דערויף אַ שדכן. ער שטעלט זיך אויף. נו, ווײַטער, קומט מײַן שמועה אַפּיר, האָט מיר אַ גוטן טאָג און זײַט געזונט.

סערקעלע — גייט מיר געזונטערהייט און זײַט קיין גאַסט נישט.

ר׳ יוחנן — גייט־אַוועק. סערקעלע באַלייט אים ביז צו דער טיר.

פינפטער אַריינקום

סערקעלע אַליין

סערקעלע — ווייס איך! אפשר איז אַזוי רעכט. מען קען דאָך נישט וויסן, ווי אַ זאַך פאַלט־אויס. אָבער לעת־עתה איז עס גאָר קיין חיות נישט. אַן עושר איז ער, דאָס איז אמת. ער האָט עטלעכע גילדן. אַלטעלע זאָל נאָר קלוג זײַן און זאָל נאָר וויסן, ווי מיט אים צו גיין. זי זאָל זיך נאָר באַלד פון תחילת אַן שטעלן בײַ דעם אַלף און זיך נישט לאָזן אויפן קאָפּ אַרומרײַטן, ווי איך האָב מײַן משהן געטאָן, וועט זי, אם־ירצה־השם, טאַקע האָבן בײַ אים אַ גוטע דאַליע. דעם סילוק מוז איך זען, ער זאָל דווקא נאָר בײַ מיר אײַנגעלייגט ווערן. נו, און אַ שיינער יונג איז ער דאָך טאַקע און נישט פון דער פאַרצײַטיקערישער וועלט אויך. זי באַקוקט זיך קעגן דעם שפּיגל. העי? וואָס באַדאַרף איך מער? זי בלײַבט אַ ביסל שטיל און טראַכט נאָך. העט שוין נאָר מײַן משה געוואָלט אַ ביסל אין וואַרעמבאָד אַרײַן פאָרן. איך ווייס, אסור, שוין נישט, וואָס איך זאָל טאָן מיט אים? ער שלאָפט דאָך גאַנצע נעכט נישט, נאָר גייט אַלץ אַרום און רעדט צו זיך אַליין, ווי אַן אָנגעבונדענער. אַ מערכה, כ׳לעבן, אַז עס הערט כאָטש קיינער נישט. דער שוואַרצער יאָר ווייסט, וואָס ער דערמאָנט זיך אַלץ אין אַלטע מעשיות! זי שווײַגט אַ ביסל שטיל. איך, זאָגט ער, בין שולדיק אין דער גאַנצער מעשה! איך ווייס נישט, וועד עס פרעגט

אים? האָסטו נישט געקענט שמעקן קיין פּולווער, העסטו נישט געע־זאָלט גיין אין דער מלחמה אַרײַן. זי גיט מיט דעם פֿוס אַ קלאַפּ אין דער ערד. אַן עק! אָפּגעטאָן און פֿאַרפֿאַלן! ווער קען מיך דאָס איצט פֿרעגן, ווו איך האָב אַזוי פֿיל געלט גענומען? ווער קען אַפֿילו אין הונדערט יאָר אַרום געוויר ווערן, אַז די גאַנצע צוואה איז גאָר ליגנד? געשטאָרבן, באַגראָבן!... העט איך עס נישט געוועז געטאָן, העט, כ׳לעבן, נאָך אַן אַנדערער אויף דעם שׂכל געקומען, און וואָס העט געוועזן? איך העט געוועזן מיט מײַן מאַן און קינד געשטאָרבן פֿאַר הונגער און נאָך געמוזט צוזען, ווי אַנדערע פּאָזיען [48] מײַן גילדענעם ברודערס פּראַצע, וואָס ער האָט, נעבעך, אַזוי שווער און ביטער דרויף געאַרבעט און קריעה געריסן. און ס׳אַנדערע, איך ווייס, ער זאָל אַפֿילו לעבן, וואָלט ער אויך, אָסור, גאָר נישט בייז געוועזן איבער דער גאַנצער מעשׂה. וואָרן איז דען נאָך גאָר פֿאַרהאַנדן אַ נעבנ־טערע קרובֿה, ווי אַ שוועסטער? זי בלײַבט שטיל און טראַכט. די קשיא איז נאָר, אויב ער איז געשטאָרבן? זי שווײַגט ווידער און טראַכט. דערנאָך גיט זי זיך אַ כאַפּ. נאָר וואָס האָב איך דאָ אומזיסט צו איבערטראַכטן? ר׳ שמואל שרײַבער האָט דאָך אַליין דעמאָלט אין דער נײַצײַטונג געלייענט, אַז די שיף — איך געדענק נישט ווי ער האָט זי עפּעס אָנגערופֿן, וואָס דוד האָט זיך אויף איר אַראָפּגעלאָזט קיין אַמעריקע — איז גאָר אונטערגעגאַנגען. זי דערזעט חיימען פֿון ווײַטן. אַהאַ! ווער קומט דאָס דאָרט? אַהאַ, חיים! דעם נאָר איז אויך נאָר גוט צו שיקן נאָך דעם מלאך־המוות.

זעקסטער אַרייַנקום

סערקעלע, חיים

סערקעלע — נו, וואָס האָט ער געזאָגט, רעדלעך, ווען ער קומען? אוי, מײַנע כּוחות! האָסטו אים געזאָגט, אַז איך בין שלאָף?

[48] (רוסיש: פּאָלזעווען?) פּאַרניצן.

חיים — אויב איך האָב אים געזאָגט! וואָס העלפֿט דאָס אָבער? אַז מען דאַרף דעם פֿאַרך צום מנין, האַלט ער זיך דערונטער [49].

פּערקעלע — וואָס, ער וויל נישט קומען?

חיים — ער האָט געזאָגט, אַז ער קען אײַך אויף אײַער שלאָפֿקייט נישט קורירן. אויך מיר אַ דאָקטער! גייט שוין אַזוי לאַנג אין די שקאָלעס אַרײַן און קאָן נאָך גאָר נישט.

פּערקעלע — אָבער קומען וועט ער פֿאָרט? נישט וואָר?

חיים — אָסור! ער וועט נישט קומען. ער האָט געזאָגט, ער וויל נישט קומען. איך זאָל אײַך שיקן רופֿן אַן אַנדערן. זעט איר, באַלעבאָסטע-לעבן, אָט אַ דאָ דעריבער [50], בײַ ר׳ פּישלען, וווינט דער אַלטער דאָקטער. איטלעכער זאָגט אויף אים, אַז ער איז זייער אַ גרויסער מומחה. האָב איך אין איין וועגס דאָרט בײַ אים אָפּגעטראָטן און האָב אים געזאָגט, אַז איר האָט אים געלאָזט זייער שיין בעטן, אַז ער זאָל תּיכף צו אײַך אַריבערקומען — איר קלאָגט אײַך עפּעס. האָט ער געזאָגט, ער וועט תּיכף אַריבערקומען. האָב איך עפּעס רעכט געטאָן?

פּערקעלע — וואָס, דעם אַלטן שקראָפּ [51]? גיי צו אַל די שוואַרצע יאָר מיט אים! איך באַדאַרף אײַך בײדע אויף כּפּרות. ווער האָט דיך געבעטן דרום, אַז דו זאָלסט דעם שקראָפּ רופֿן, הע?

חיים — ווייס איך? איך האָב געמיינט, אַ דאָקטער איז אַ דאָקטער — זאָל איך וויסן, אַז איר האָט אײַך פֿאַרליבט נאָר אין דעם רעדלעכן?

פּערקעלע — וואָס? פֿאַרליבט האָב איך מיך אין רעדלעכן? דו, גנבֿ! אַ רוח אין דײַן טאַטן אַרײַן! איך האָב מיך פֿאַרליבט אין רעדלעכן? דאָס הייסט אַן אַכבראָש! אַ מערכה, כ׳לעבן, עס הערט כאָטש קיינער נישט מײַנע צרות! וואַרט, וועסט דיר שוין אַ קריעה רײַסן נאָך דײַנע יאָר און דײַנע טעג, אוי, מײַנע כּוחות!

---

[49] האַלט זיך אין גרויסן.

[50] קעגנאיבער. — [51] פערד, איינגעדאַרטע באַשעפעניש.

חיים — זאָג איך דען, אַז איר האָט אײַך פֿאַרליבט אין אים? עס רעדט זיך דאָך נאָר אַזוי — אַז איר ווילט נישט קיין אַנדערן, נאָר רעדלעכן, נו...

פערקעלע — גיט אים אַ פּאַטש. נאַ, דאָ האָסטו פֿאַרליבט, אַ רוח אין דײַן פֿאָטער און מוטער אַרײַן! תיכף זאָלסטו מיר צוריק לויפֿן צו דעם אַלטן שקראַפּ און אים זאָגן, אַז ער זאָל נישט קומען. איך באַדאַרף אים און דיך אויף טישאָנצע [52] כפּרות! גיי, זאָג איך!

חיים — כאַפּט זיך אָן בײַ דער באַק און גייט, און וויינט. טוט מער נישט אַ גאַנצע לעבע טאָג, נאָר שרײַט און שלאָגט. צו דעם האָט זי יאָ כּוח... ער גייט־אַוועק.

פערקעלע — אַליין. נאָך גוט, אַז ער האָט מיר פֿריִער געזאָגט, אַז ער האָט דעם גערופֿן. זי לאַכט זייער. האַ־האַ־האַ! דאָס העט שיין געוועזן, דער דאָקטער זאָל זיך דאָ געוועזן אַזוי אַרײַנקומען און איך גיי אַרום געזונט ווי אַ ריז! ווי געפֿעלט אײַך אָבער דער גאַלגאַן [53], דער רעדלעך? ער וויל נישט קומען? ער קען מיך נישט קורירן? אַזוי אַ לײַדאַק, וואָס ער קער זיך דאָס נאָך צו האַלטן פֿאַר אַ כּבֿוד, אַז איך רוף אים צו מיר! זי באַקוקט זיך קעגן דעם שפּיגל. בין איך דען נישט אפֿשר נאָך זייער אַ פֿײַן ווײַבל? וואָס פֿעלט מיר, וואָס, הע? זי ווערט בייז. איך וועל אים שוין לערנען תּרבות [54], דעם פֿאַרד! ער קען מיך נישט קורירן! וואַרט נאָר, וואַרט, איך וועל דיך שוין זען אַזוי צו קורירן, אַז דו וועסט נישט וויסן פֿון דײַן לעבן צו זאָגן! אַזוי אַ קבצן! אַזוי אַן אָפּגעריסענער און אָפּגעשליסענער דײַטש! נו, וואָס איז נאָך דער מער? ער האָט יאָ אַ שיין פּנים, זאָל זיך קענען באַפֿעלן צו מיר: איך זאָל מיר לאָזן רופֿן אַן אַנדערן? וואַרט, וואַרט, מען קען נאָך קריגן זעלכע שיינע מציאות ווי דו ביסט, אָבער דיר וועל איך עס געדענקען! דיר וועל איך ווײַזן, ווער עלטער איז! זי שרײַט חווה! חווה, אוי, מײַנע כּוחות!

---

[52] (פּויליש) טויזנטער. — [53] שמאַטניק, שלעפּער, גאָרנישט. — [54] דרך־ארץ, דערציִונג.

זיבעטער אַריינקום

סערקעלע, חווה

סערקעלע — הונדערט מאָל מוז איך רופֿן און שרײַען אײדער זי רירט זיך, די נבֿלה! גיי נאָר אַריבער צו ר׳ גבֿריאלן און זאָג אים, אַז איך האָב אים זייער שיין געלאָזט בעטן הײַנט צו מיר אויף אַן אָנבײַסן! הערסטו? גיי און זוים זיך גאָר נישט, וואָרן דו וועסט נאָך דאַרפֿן דרײַערליי געריכטסן צו מאַכן.

חווה — כ׳לעבן, באַלעבאָסטע־לעבן, איך האָב גאָר קיין צײַט נישט. די יויך וועט מיר דאָ דערווײַל אויסלויפֿן... שיקט בעסער חיימען.

סערקעלע — תּמיד איז אָבער אַזוי: אַז איך זאָג, זי זאָל גיין, הייסט זי מיר שיקן חיימען. פֿאַר וואָס האָסטו מורא צו גיין? ער וועט פֿון דיר אַ שטיק אָפּבײַסן? קוקט זי נאָר אָן, די לויכנדיקע [55] צרה, עס דאַכט זיך איר אויך, אַז זי שײַנט גאָר, די פֿאַסקודניצע!

חווה — נו, זעט איר, בין איך אַ פֿאַסקודניצע! וועט איר מיך נישט נעמען פֿאַר אַ כּלה! איך בין אים מוחל, דעם ווילן יונג. נאָר זאָגט מיר נאָר, איך בעט אײַך: אַז איך בין יאָ אַזוי אַ פֿאַסקודניצע, פֿאַר וואָס דאָטשעפּעט ער מיך אַלץ, ווען ער גייט־דורך דורך דער קיך? אָט אָ דאָס העט מיר נאָך געפֿעלט, אַז איך זאָל נאָך גאָר צו אים אַהיימגיין!

סערקעלע — אָט דאָ קוקט־אָן אַ ביסל אַ פּיסק פֿון אַזוי אַ פֿאַרשיווער מויד! פֿינצטערע לייד זאָל נאָר די מאַמע אויף דיר זען — ווער מען דען זאָל איך נאָך אים שיקן? אוי, מײַנע כּוחות! איז זשע שוין גאָר דאָס צום אויסהאַלטן? כ׳לעבן, עס איז טאַקע אמת, וואָס מען זאָגט: אַ מיאוסער מויד טאָר מען קיין גלעט נישט געבן, ווערסט שוין שפּעטער פֿאַרשוואַרצט ווערן. זי מיינט, איך האָב אַלץ אַזוי כּוח מיר דאָס געזונט מיט איר אָפּצורײַסן, אוי, ווי, מײַנע כּוחות!

---

[55] לייכטנדיקע, פֿאַרשיינענדיקע.

אַכטער אַריינקום

סערקעלע, חווה, חיים

חיים — בלײַבט שטיין בײַ דער טיר, ווישט זיך מיט דער פּאָלע די אויגן און וויינט.

סערקעלע — נו, ביסטו געוועזן?

חיים — יאָ.

סערקעלע — נו, וואָס האָט ער דיר געענטפֿערט?

חיים — ווי אַזוי האָט ער מיר געקענט ענטפֿערן, אַז ער איז נישטאָ אין דער היים?

סערקעלע — ביסטו זשע קראַנק געוועזן דעם משרת צו זאָגן?

חיים — איך האָב דאָך אים געזאָגט; ער האָט מיר אַפֿילו גע־ענטפֿערט, אַז דער דאָקטער איז שוין אַהער געגאַנגען.

סערקעלע — וואָס, ער איז שוין אַהער געגאַנגען? זי ברעכט זיך די הענט און שרײַט מיט כּעס. **אוי, פֿאַרשוואַרצט בין איך גע־וואָרן! וואָס וועל איך דאָ איצט טאָן? וואָס וועל איך דאָ איצט אָנהייבן? אַ מיתה־משונה זאָלסטו אײַננעמען! וואָס גיט מען זיך דאָ פֿאַר אַן עצה?** זי לויפֿט צום טיש, כאַפּט אַ מעסער און לויפֿט מיט דעם צו חיימען. **גיי מיר אויס די אויגן, דו ממזר, וואָרן איך מאַך דיר דעם טויט!**

חיים — אַנטלויפֿט און באַהאַלט זיך הינטער חוהן, און שרײַט. **געוואַלד! אוי, וויי מיר! חווה־לעבן! געוואַלד!**

חווה — לויפֿט־אַרום אין שטוב. חיים האַלט זיך אָן בײַ איר קלייד און לויפֿט נאָך. סערקעלע יאָגט זיי אַרום.

חיים און חווה — שרײַען בײדע מיט אַ מאָל. **געוואַלד! ראַ־טעוועטס! געוואַלד!** זיי פֿאַלן בײדע איבער אַ שטול אויף דער ערד.

נייַנטער אַרייַנקום

ר׳ משה, הינדע, אַלטעלע קומען פֿון דער טיר, וואָס איז אָן דער רעכטער זייַט. דער דאָקטער קומט פֿון דער טיר, וואָס גייט אויף דער גאַס אַרויס

סערקעלע, חווה, חיים

סערקעלע — פֿאַלט קלאָמערשט, ווי זי דערזעט זיי אַרייַנקומען, אויף דער קאַנאַפּע אַנידער חלשות.

אַלע — לויפֿן צו איר צו און ראַטעווען און רייַסן זי. **חווה** פֿאָכעט אויף איר מיט דעם פֿאַרטעך און **חיים** מיט ביידע פֿאַלעס.

אַלטעלע — שרייַט. מאַמעניו! מייַנע צערטלעכע מאַמעניו!

דער דאָקטער — זייט נור רויק, ווייַן הער, ווייַן.

אַלטעלע — גלייַך, גלייַך, הערר דאָקטער! זי נייגט זיך צו אים גאַנץ מיט חן. איך ברינגע גלייַך פֿאָם קעללער.

דער דאָקטער — לאָססען זי. עס דויערט צו לאַנגע. געבען זי וועניגסטענס קאַלטעס וואַססער אָדער איין וועניג עסיג הער.

הינדע — כאַפּט אַ גלאָז וואַסער און שפּריצט סערקעלען אין פּנים אַרייַן.

דער דאָקטער — רעכט זאָ, מייַן קינד! גוט, רעכט גוט.

סערקעלע — קומט קלאָמערשט אַ ביסל צו זיך און שרייַט. אוי, ווי, מייַנע כּוחות!

הינדע — געלויבט צו גאָט, זי לעבט! זי לעבט!

ר׳ משה — אין דער שטיל צו זיך. איך האָב תּמיד געוווּסט, אַז איר סוף וועט נישט גוט זייַן. גאָט ברוך הוא ווייסט, וואָס ער טוט! הויך צו חווהן. וואָס איז דאָס דאָ אָבער אַזוינס געווען?

חווה — איך ווייס, אָסור, אַליין נישט. עפּעס האָט זי דאָ געהאַט מיט חיימען צו טאָן. און אין כּעס, ווי איר טבֿעלע איז, איז זי צוגעלאָפֿן צו אים מיט אַ מעסער און האָט געשריגן, זי וויל אים דווקא דעם טויט מאַכן. האָט ער זיך, נעבעך, געוואָלט הינטער מיר

באַהאַלטן. איז זי ווידער צו מיר געלאָפן מיט דעם מעסער אין דער האַנט. האָבן מיר ביידע געוואָלט פֿאַר איר אַנטלויפֿן, איז זי פֿלוצלינג פֿאַר כּעס גאָר אַנידערגעפֿאַלן חלשות.

חיים — ע, באַלעבאָס־לעבן! זי ווייסט נישט די מעשׂה גאָר פֿון אָנהייב. איך וועל אײַך דערציילן גאָר אין גאַנצן. זי האָט מיך געשיקט נאָך...

סערקעלע — שרײַט פֿלוצלינג זייער הויך. אוי, ווײ, גזלנים! שמועסטס נישט, וואָרן איך וועל ווידער חלשן!

דער דאָקטער — זיצט נעבן סערקעלען און טאַפּט זי בײַם דופּק און זאָגט צו זיך אין דער שטיל. דאָס איזט איינע זאָנדערבאַרע אַהנמאַכט, דער פּולס איזט גאַנץ רעגעלמעסיק. הויך צו סערקעלען. נון, ווי איזט עס איהנען יעצט? איזט עס איהנען בעססער?

סערקעלע — האַר־לעבן! ראַטעוועט מיך! געוואַלד, איך בין פֿאַרבײַ!

דער דאָקטער — נו, נו, פֿירכטען זי ניכטס, עס ווירד שאָן בעססער ווערדען. ברינגט זי נור צו בעטטע, זי האָט עטוואָס שעדלי־כעס עסען אָדער טרינקען מיססען.

אַלטעלע — זאָגט מיט חן. נײן, הערר דאָקטער! צום אָנבײַסען האָט זי נור צוויי גלאָז קאַפֿע מיט דרײַ פּוטער־געבעקסלעך געגעסען, ווײַטער האָט זי ניקס אין מויל געהאַבט.

הינדע — זאָגט צו אַלטעלען. פֿריידע־אַלטע־לעבן! גיב מיר די שליסעלעך, וועל איך דער מומעניו אַ ביסל קעלניש וואַסער געבן.

אַלטעלע — אין דער שטיל צו הינדען מיט כּעס. פֿרידעריקע ביסטו מיך קראַנק צו רופֿן? הויך. איך האַבע וואַרהאַפֿטיג זעהר וועניג אונד ברויכע עס הײַטע פֿיר מיך זעלבסט, דען מײַן ברייטיגאַם זאָלל יאַ הײַטע היר זײַן.

דער דאָקטער — הייבט זיך אויף פֿון דער שטול. אַלזאָ, ברינגט זי נור גלײַך צו בעטטע אונד לאַססען זי מיר פֿעדער אונד פּאַפּיר געבען. עס ווירד שאָן אַללעס גוט ווערדען.

הינדע און חווה — זעצן־אויף סערקעלען.

סערקעלע — קרעכצט הויך. אוי, וויי! אוי, וויי! אוי, וויי, מײַנע כּוחות!

הינדע און חווה — פירן סערקעלען אין איר שלאָף־חדר אַרײַן.

חיים — זוכט פּאַפּיר און פּעדער.

צענטער אַרײַנקום

דער דאָקטער, ר׳ משה, אַלטעלע, חיים, ירחמיאל

ירחמיאל — קומט דורך דער טיר, וואָס גייט אויף דער גאַס אַרויס, מיט אַ קריגל אין דער האַנט. ער נעמט־אַראָפּ דעם ספּאָדעק און זאָגט גאַנץ הויך. מײַן באַ־באַ־באַ־באַ־באַלע־באָס!

אַלע — ווינקען צו אים, ער זאָל שטיל זײַן.

אַלטעלע — גייט צו ירחמיאלן און זאָגט אים עפּעס בסוד.

חיים — ברענגט צו טראָגן צו דעם דאָקטער פּאַפּיר מיט אַ פּעדער.

דער דאָקטער — נון? וואָ איזט דען די דינטע?

חיים — **דער האַר האָט דאָך נאָר געזאָגט, אַז מען זאָל ברענ־ גען פּעדער מיט פּאַפּיר?**

דער דאָקטער — **נון, זאָ ברינג אויך די דינטע.**

אַלטעלע — באַקוקט זיך קעגן דעם שפּיגל. **נאַ, ווי איך אויס־ זעהע! אַך, מײַנע לאָקען גאַנץ רעזאָנירט!** זי מאַכט זיך די לאָקן קעגן דעם שפּיגל צו רעכט. **איך האַבע מיך זעהר ערשראָקען.**

חיים — ברענגט צו טראָגן אַ טינטער און אַ ביסל זאַמד אין דער פּאָלע. **דאָ האָט דער האַר טינט און פּריזאַמד** [56].

דער דאָקטער — **נו, נו, נו, שאָן רעכט.** ער זעצט זיך אַני־ דער און שרײַבט.

[56] **בריוװזאַמד.**

ר׳ משה — זיפֿצט גאַנץ הויך. אוי, הלוואַי, דער סוף זאָל גוט זײַן!

דער דאָקטער — אָבער וואָרום זינד זי, מײַן ליבער הערר דאַנציגער, זאָ נידערגעשלאַגען? פֿירכטען זי נור ניכטס, איהרער פֿרוי איזט עס בערייטס אום פֿילעס בעססער. עס וואַר נור זאָ איין קלײַנער היסטערישער אַנפֿאַלל. קענטען זי מיר אָבער ניכט זאַגען, וואָס איהר פֿאָרהער פֿעהלטע, אַלס זי מיך רופֿען ליס[57]?

ר׳ משה — פֿריִער האָט איר גאָר נישט געפֿעלט. נאָר זי איז זייער בייז, זייער נישט ווערט. גאָט ווייסט צו וואָס זי וועט נאָך אַ מאָל קומען דורך איר שלעכטיקייט. ער ווײנט זייער.

דער דאָקטער — נו, נו, נו, בערוהיגען זי זיך, מײַן ליבער הערר דאַנציגער, עס ווירד שאָן אַללעס גוט, רעכט גוט ווערדען. איהר קרעפֿטע־צושטאַנד איזט ניכט שלעכט, איך פֿערזיכערע זי, זי איזט שטאַרק גענוג.

חיים — יאָ, האַר דאָקטער! זי האָט מיר פֿריִער אַזוי אַ גוטן פּאַטש געגעבן, זײַנען מיר אַזש פֿונקען פֿאַר די אויגן געפֿלויגן!

אַלטעלע — גיט אים אַ שטויס, ער זאָל שווײַגן.

דער דאָקטער — שטייט־אויף און גיט ר׳ משהן די רעצעפּט. שיקען זי דיזעס אין די אַפּאָטעקע. זי בעקאָממען דאַ איין פֿלעשכען. פֿאָן דיזעס געבען זי איר אַללע צוויי שטונד צוויי עסלעפֿעל. אונד ווען דאַס פֿלעשכען אויסגעבראויכט זײַן ווירד, שיקען זי מיך גיטיגסט ווידער רופֿען. איבעריגענס זאָלל זי זיך רעכט וואָרם האַלטען, אים צימער זיטצען, ניכטס אַלס זופּפּע עססען אונד זיך ניכט מעהר ער־גערן אונד שרײַען. נון פֿיהרען זי מיך נאָך איין מאָהל צו איהר, איך ווערדע איהר עס זעלבסט זאַגען. קאָממען זי. ער גייט מיט ר׳ משהן צו סערקעלען אין שלאָף־חדר אַרײַן.

חיים — גייט זיי נאָך און ווײַזט מיט דעם פֿינגער פֿון איין האַנט אויף דער אַנדערער האַנט. אַזוי ווי דאָ וועלן האָר וואַקסן, אַזוי

57 (ד״) פֿאַר וואָס איר האָט מיך געלאָזט רופֿן?

וועט זי דאָס אַלץ פֿאָלגן, וואָס דער אַלטער שקראַפּ זאָגט. לאָז ער נאָר אַוועקגיין, אָהאָ, וועט זי ווידער וואַיעווען[58] און שרײַען. ער גייט נאָך אין דעם שלאָף־חדר אַרײַן.

עלפטער אַרײַנקום

אַלטעלע, ירחמיאל

אַלטעלע — גיט אַ לויף צו ירחמיאלן. יעצט שפּריך, וואָס ברויכסט דו?

ירחמיאל — דע־דע־דע־דער באַלעבאָס האָ־אָ־אָט מיך געשיקט מיט אַ־אַ־אַ קוויטעלע.

אַלטעלע — צו וועם?

ירחמיאל — צו וועמען? צו־צו־צו־צו דיר.

אַלטעלע — מאַכט זיך, גלײַך זי פֿאַרשטייט אים נישט. צו וועם, זאָגסט דו?

ירחמיאל — ווי־י־י־דער צו וועמען... צו־צו־צו־צו דיר!

אַלטעלע — מיט כּעס. דאָס הייסט אײַן לומפּ! נון ווער בין איך דען? ווי הייס איך דען?

ירחמיאל — דו הייסט פֿ־פֿ־פֿ־פֿריידע־אַלטע.

אַלטעלע — איך הייס אַבער פֿרײַלײַן פֿרידעריקע דאַנציגערין.

ירחמיאל — נו האָ־אָ־אָב איך צו דיר גאָ־אָ־אָר קיין קוויטל נישט, מײַן באַ־אַ־אַלע־באָס האָ־אָט מיך דאָס קוויטל גאָ־אָ־אָר געהייסן אָ־אָפּ־געבן פֿריידע־אַלטען. ער וויל אַוועקגיין.

אַלטעלע — לאָזט אים נישט אַוועקגיין. אַבער קאָם נור הער, דאָס בריפֿכען איזט יאַ אַן מיך. צײַג עס נור הער!

ירחמיאל — באַהאַלט דאָס קוויטל אין קעשענע אַרײַן. וואָ־אָ־אָרן איך וויל?

58 קאָמאַנדעווען. קריכן אויפֿן קאָפּ.

אַלטעלע — דו זאָגטעסט יאָ ערשט זעלבסט, דאַס דו אַן מיך איין בריפֿכען האַסט. נון, זאָ גיב עס הער.

ירחמיאל — קערט זיך צוריק אום. נו, זאָ־אָ־אָג מיר, ווי הייסטו?

אַלטעלע — נון, איך הייסע פֿריידע־אַלטעלע אויך... דאַס הייסט איין נאַרר!

ירחמיאל — מאַכט זיך קלאָמערשט נישט פֿאַרשטיין. וואָס? פֿריידע־אַ־אַ־אַלטע איז אַ נאַר? דאָ־אָס גייט מיך גאָ־אָר נישט אָן. איך באַדאַרף אי־איר נאָר דאָ־אָס בריוול אָ־אָ־אָפּצוגעבן.

אַלטעלע — נון, זאָ גיב שאָן איינמאַהל הער. איך זאַג דיר יאָ, איך הייסע פֿריידע־אַלטעלע, אַבער איך הייסע פֿרײַלײַן פֿרידעריקע דאַנציגערין אויך.

ירחמיאל — ע־ע־עפּעס האָט זי אפשר זי־י־יבן נעמען, גאָ־אָ־אָר אַזוי ווי יתרו...ער זוכט אין קעשענע. יאָ, און פֿאַ־אַ־אַר מײַן וועג גאָ־אָ־אָר נישט?

אַלטעלע — גיט אים געלט. דיר האָסט דו, גיב נור שאָן דאַס בריפֿכען הער!

ירחמיאל — באַהאַלט פֿריער דאָס געלט אין קעשענע אַרײַן, דערנאָך גיט ער איר דאָס בריוול. דאָ האָ־אָ־אָסטו דאָ־אָס בריוול און גיב מיר תּיכף אָ־אָ־אָ תּשובֿה.

אַלטעלע — לייענט דאָס בריוול אין דער שטיל, דערנאָך זאָגט זי צו ירחמיאלן. זאַגע דעם העררן ענדלער...

ירחמיאל — פֿאַלט איר אין די רייד אַרײַן. דאָ־אָס מיינסטו מײַן באַ־באַ־באַלע־באָס?

אַלטעלע — נון, יאָ. אַלזאָ, זאַגע איהם, דאַס אַללעס, גאָטט זײַ דאַנק, זעהר גוט איזט. ר׳ יוחנן וואַר הײַטע היר. די מוטער האַט אים אַללעס גוטע געאַנטוואָרטעט, זאָ ווי וויר אונז ווינשען. אויך זאַגע איהם, דאַס ער בירגענדס וועגגעהען זאָלל, דען די מוטער ווירד איהם הײַטע אײַנלאַדען צו זיך אויף אַנבײַסען. אונד הײַטע בײַ נאַכט ווירד דאַס געווינשטע שאָן זיכער זײַן.

ירחמיאל — איז זיך אַ ביסל מיישבֿ. גיב דו מיר בע־ע־סער צוריק אַ־אַ־אַ קוויטעלע.

אַלטעלע — איך קאַן אַבער יעצט אונמעגליך שרײַבען.

ירחמיאל — לאַכט. הע־הע־הע! און אי־יך ווייס שוין פֿאַר וואָס!

אַלטעלע — זאָגע, וואָרום מיינסט דו?

ירחמיאל — נעמט־אַרויס אויס דער קעשענע דאָס געלט און ווײַזט עס איר. ווײַל דו האָ־האָסט אַ־אַ ביסל אַ־אַ שווערע האַנט.

אַלטעלע — דו אימפּערטינענטער קערל! נון, וואַרטע אונד איך ווערדע שרײַבען. זי זעצט זיך אַנידער בײַם טיש און שרײַבט.

ירחמיאל — שטעלט זיך אויף די שפּיץ פֿינגער פֿון די פֿיס און קוקט, ווי זי שרײַבט. ער מאַכט חוזק אויס איר. אָ־אָ־וואָ! כּ׳לעבן, אַ־אַ־אַ קינצלעך כּתבֿל, סאַ־אַמע לאָ־לאָפּעטעס און פּאַ־אַלקעס[59].

אַלטעלע — לייגט צונאַנד דאָס בריוול און גיט עס ירחמיאלן. היר האָסט דו אַנטוואָרט, אונד זאָגע דעם הערין הענדלער, דאָס ער הײַטע בײַ אונדז שפּײַזען ווירד, ער זאָלל נירגענדס וועגגעהן.

ירחמיאל — או־און איך זאָ־אָל בלײַ־ײַבן אין־אין דער היים או־און נישט האָ־האָבן וואָס צו ע־עסן?

אַלטעלע — נים נור אונד געה, דאָס געהט מיך ניכט אַן!

ירחמיאל — דאָ־אָס גייט אָ־אָבער מיך אָן. איך וועל אָ־אָ־אָסור נישט נע־מען דאָ־אָס בריוול.

אַלטעלע — נון, זאָ קאָם דו אויך מ׳ט דײַנעם הערין, נור נים שאָן!

ירחמיאל — אַזוי, ביסטו טאַ־אַקע אַ פֿײַן מיידעלע. אַזוי האָ־אָב איך דיך אוי־אויך ליב. ער נעמט דאָס בריוול און גייט־אַוועק.

אַלטעלע — דאָס הייסט אײַן טויגעניכטס! נאָך דער האָכצײַט

---

[59] (פּ׳) שטעקנס, קאָטשערעס.

מוס ער גלײַך אַבגעשאַפּט װערדען אונד לויטער קריסטליכע דינס־טען װערדע איך האַלטען, קיינען איינציגען יודען! װי מיך דער דאַ בעהאַנדעלט האַט, אַלס װען איך מיט איהם צוזאַממען שװיינע געװיי־דעט העטטע[60]. נאַ! זאָ אײַן דוממער, זאָ אײַן שטוממער קערל! איך װערדע איהן אַבער שאָן בײַ מײַנעם ברייטיגאַם פּערקלאַגען. אונד דיזעס בריפּכען מוס איך גלײַך צו דען איבעריגען זאַכן, װעלכע איך פאָן אים האַבע, היגלעגען. זי גיט דעם בריװל אַ קוש און לויפט־אַװעק.

דער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ

סוף פון דעם 2טן אויפצי

ר׳ משה — „װאָס װילסטו נאָך פון דער אָרעמער, באַזגלטער יתומה, נעבעך, האָבן?״
(פון סערקעלע. געשפּילט דורך טעס)

60 גלייך װי מיט אים צוזאַמען חזירים געפּאַשעט.

דריטער אויפצי

עס קומט־פאר די אייגענע שטוב ווי ביי דעם ערשטן אויפצי

ערשטער אריינקום

ר׳ גבריאל אליין

ער ליגט אויף דער קאנאפע האלב אויסגעטאן. א משכון זאל מען זיך פארזעצן און קלוג זאל מען זיין. אצינד וועט זיך מיר דאס ערשט א וועלט עפענען: ר׳ משה דאנציגערס איידעם! ווער וועט מיר זיין גלייך? איך וועל זיי דאס אלע, אם־ירצה־השם, ביי דער נאז ארומפירן. מילא, דער מחותן איז זיך דאך טאקע א פראסטער גראבער יונג. ער קען דאך ניט א צלם פון אן אלף. ביי אים וועל איך זיין דער רבי. דער מחותנתטע וועל איך דעם קאפ אזוי פארדרייען, כאטש עס דאכט זיך איר, אז זי גייט אין ספאדעק, אז זי וועט אליין נישט וויסן פון איר לעבן צו זאגן. און מיין כלה, דער פריילין פרידעריקע, באדארף איך דאך נאר איין מאל צו זאגן, אז זי איז זייער שיין, האב איך זי דאך שוין אין גאנצן געקויפט. גבריאל! דו לויכסט, ביסט א יונג מיט שפארן! ער רוט זיך א ביסל אפ. יא, אלץ רעכט. אלץ גוט. וואס טוט מען אבער מיט דעם פארשווארצטן סילוק? ווו נעמט מען כאטש טויזנט רייניש מינץ? און די פיינע בריהטע שפארט זיך דאך דווקא איין, אז איך זאל תיכף ביי די תנאים מסלק זיין, און דאס, אז נאר ביי איר זאל דער סילוק ליגן איינגעלייגט... וואס טוט מען אצינדערט? ער הייבט זיך אויף פון דער קאנאפע און גייט א פאר מאל אין שטוב ארויף און אראפ, און טראכט. זאל איך אפשר זאגן, אז איך קען אצינד נישט מסלק זיין, ווייל איך בין איצט פארשטעקט

מיט מײַן געלט אין סחורות?... סערקעלע איז אָבער אויך נישט פֿון די נאַראָנים, וואָס זײַנען צען אום אַ גראָשן. ווען זי זאָגן — ער שפּעט נאָך, ווי סערקעלע שמועסט — אוי, מײַנע כּוחות! מײַן אַלטע־לעבן, זאָל שטאַרק און געזונט זײַן, איז דאָך אָנדאָס ערשט אַלט דרײַצן יאָר. איך קען נאָך באַשטיין צו וואַרטן ביז איר וועט דאָס געלט אײַנקאַסירן... און וואָס וועט זײַן? איך האָב מורא, זי וועט זייער לאַנג מוזן וואַרטן. ער טראַכט ווידער אַ ביסל נאָך. זאָל איך אפֿשר אַלטען גאָר דעם סוד אויסזאָגן, אַז איך האָב קיין געלט נישט? נו, וואָס וועט זײַן?... אַז אַ נאַר וואַרפֿט־אַרײַן אַ שטיין אין גאָרטן אַרײַן, קענען דאָך אים צען קלוגע אויך שוין נישט אַרויסנעמען... אַלטעניו וועט גיין תּיכּף דערציילן דער מאַמעניו און די מאַמעניו דעם טאַטעניו, און דערנאָך, גבֿריאלניו, מעגסטו דיר שוין אויפֿנייען אַ טאָרבעניו און גיין אין די הײַזער. ער טראַכט נאָך, דערנאָך גיט ער אַ געשריי. וואַרט, עס איז דאָ! נאַר וואָס העלפֿט דאָס? ער טראַכט ווײַטער. פּלוצלינג גיט ער זיך אַ כאַפּ בײַם שטערן און שמועסט שטילער. אַ־האָ! אַז דאָס זאָל מיר געראָטן... ע, וואָס, עס מוז מיר געראָטן! נויט ברעכט אײַזן, האָט איינער אַמאָל געזאָגט. ער גייט־אַרום אין שטוב און מאַכט מיט די הענט, אַזוי ווי איינער קלערט נאָך. דערנאָך זאָגט ער גאַנץ פּאַמעלעך. הערסטו, גבֿריאל, מיר געפֿעלט עס. איך זאָג דיר, עס איז גוט און גוט, און נאָך בעסער, גבֿריאל! ביסט אַ ווילער יונג! ער רוט זיך אָפּ אַ ביסל. כ׳לעבן, איך זאָל מיך איצט קענען דערלאַנגען, וואָלט איך מיך אַליין איצט אַ קוש אין פּיסקל אַרײַן געגעבן! ער קוקט זיך אום אין אַלע ווינקעלעך. איך זאָל נאַר וויסן ווו עפּעס ליגט! די לײַט האָבן זיך אַלע געלייגט שלאָפֿן נאָך דעם עסן. אַצינד העט, כ׳לעבן, די רעכטע צײַט געוועזן עפּעס צו טאָן. ער גייט צו דער טיר, וואָס איז אין דער רעכטער זײַט, און האָרכט. דערנאָך גייט ער צו דער טיר, וואָס גייט אויף דער גאַס אַרויס, און פֿאַרריגלט זי. דערנאָך גייט ער צו דער קאָמאָדע און פּרוּווט, אויב זי איז אָפֿן. שלעכט, פֿאַרשלאָסן. ער גייט צו דער שאַפֿע און פּרוּווט, אויב זי איז אָפֿן. ביטער, אויך צוגעמאַכט. ער ווײַזט מיט דעם פֿינגער אויף סערקעלעס

שלאָף־חדר. איך זאָל נאָר וויסן, אַז עס וועט דאָ קיינער נישט אָנקו־מען, העט איך דאָרט אַ ביסל בודק חמץ געווען. ע, אַז מען שטעלט נישט איַיך, נעמט מען נישט אויס. ער וויל גיין אין שלאָף־חדר אַרײַן און האָרכט. מיר דאַכט זיך, מען גייט. ער ווערט בייז און גיט זיך געשווינד אַ וואָרף־אַנידער אויף דער קאַנאַפּע. געשעדיקט זאָל עס ווערן!

צווייטער אַריינקום

ר׳ גבריאל, חיים

חיים — קומט־אַרײַן נאָר אין די זאָקן אָנגעטאָן, מיט די שיך אין דער האַנט און קוקט אויב ר׳ גבֿריאל שלאָפֿט. איר שלאָפֿט נישט, ר׳ גבֿריאל־לעבן!

ר׳ גבֿריאל — בייזערדיק. ניין, איך קען נישט שלאָפֿן.

חיים — שמייכלט. עס גייט אײַך אַזוי ווי מיר: אײַך פֿאַרדרייט פֿריידע און מיר חווה דעם קאָפּ.

ר׳ גבֿריאל — אַזוי איז דאָס, בחור? דו מאַכסט דיך צו צו חווהן... איך האָב דאָס גאָר נישט געוווּסט, אַז דו ביסט אַזוי אַ ווילער יונג, כ׳לעבן!

חיים — מיט גאווה. וואָס איז דאָס? שטייט מיר אפֿשר נישט אָן?

ר׳ גבֿריאל — נו? וואָס זאָגט חווה דערצו?

חיים — פֿרעגט גאָר נישט, וואָס זי זאָגט אַלץ! אַ מאָל זאָגט זי אַזוי און אַ מאָל ווידער אַזוי, הכלל, ווי דער שגעון קומט איר אָן. איך זאָג אײַך דעם אמת, איך האָב מיך שוין הײַנט מיט איר גאַנץ גוט איבער אַ מעשׂהלע געקריגט. וואָרן אַז עס קומט איר אָן איר משוגענע שעה, ווייס איך גאָר נישט, וואָס עס טוט זיך מיט איר. דאָ שרײַט זי, איך בין גאָר פּלוצלינג אַ נאַר, אַ שוטה, אַ פּאַסקודניק, כאָטש איך ווייס דאָך אַליין בײַ מיר, אַז עס איז אַלץ ליגנד. קורץ פֿון דער זאַך, אַז זי האָט חשק, טראַכט זי אויף מיר אויס, וואָס עס איז נאָר דאָ אין דער קאָרט.

ר' גבריאל — און דו, נאַר, שווײַגסט איר?

חיים — זעט איר, איך וויס, אָסור, אַליין נישט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר. איך האָב שוין אַזוי אַ פֿאַרשוואַרצטע טבֿע, אַז איך וויל אַפֿילו אַ מאָל אויף איר בייז זײַן, לאָזט עס מיך נישט — עס מוז שוין זײַן עפּעס אַזוי אַ כּישוף. איך זאָג אײַך — נאָר אַ כּישוף. און ווידער אַ מאָל, אַז עס פֿאַלט איר אײַן, קומט זי זיך אַזוי מיט אירע גוטע ריידעלעך צו מיר צו קריכן און זאָגט: „חיים־לעבן! איך וועל דיך עפּעס בעטן, דו ביסט דאָך טאַקע אַ פֿײַן ייִנגל, טו מיר דאָס און דאָס; דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב דיך ליב". נו, קענט איר אײַך גאָר נישט משער זײַן, ווי איך בלײַב שטיין. און ווער שמועסט, אַז זי מאַכט נאָך אַזוי אַ ביסל אַ חנעוודיקע העוויה און גיט מיר אַ גלעט בײַם בעקל... אוי, וויי! ווער איך דאָך טאַקע שוין שיִער ניט משוגע און רו נישט, און שלאָף נישט גאַנצע נעכט, און אַפֿילו אין חלום דאַכט זיך מיר אַלץ, אַז חווה שמועסט מיט מיר, אַז חווה רעדט מיט מיר.

ר' גבריאל — זאָג מיר נאָר אָבער, וואָס נעמט זי זיך דאָס אַזוי איבער, די מיאוסע מויד, הע?

חיים — ווער? חווה? אי, וואָס רעדט איר! חווה איז מיאוס? אַט, האָט מיר נישט פֿאַראיבל, האָט איר דאָך עפּעס גאָר קיין גוסט נישט. חווה איז מיאוס?! קוקט זי נאָר אָן מיט מײַנע אויגן! מיר דאַכט זיך, אַז זי איז אַ סך שענער אַפֿילו פֿון... אי, וואָס זאָג איך... איך מיין נאָר... מיר דאַכט זיך, אַז עס איז שוין נישט פֿאַרהאַנדן שע־נערס פֿון חווהן. נאָר וואָס דאַרף איך אײַך ערשט דאָ צו דערציילן — עס האָט אַ פּנים, איר ווייסט דאָס נישט אַזוי גוט ווי איך? — נאָר איר זאָגט דאָס פֿאַר מיר אַזוי...

ר' גבריאל — וואָס קומט דיר אָבער דערפֿון אַרויס, וואָס חווה איז אַפֿילו שיין? נו, וועט אין אמתן עמעץ אַנדערשט אין איר קריגן אַ שיין ווײַבל! וואָס העלפֿט דיר די אַלע מעשׂיות? אַז דו גע־פֿעלסט איר נישט, וועט זי זיך אַוודאי באַלד און גיך אויסזוכן אַן אַנדערן און דו וועסט בלײַבן שוויצן.

חיים — כאַפּט זיך אָן מיט ביידע הענט בײַם קאָפּ. אוי, וויי!

זאָל גאָט ברוך הוא שומר און מציל זײַן! חווה זאָל נעמען אַן אַנדערן? ניין, דאָס קען ניט זײַן! ניין, דאָס טאָר ניט זײַן! איך זאָל טאַקע וויסן אין די וועגעלעך צו אַרבעטן, איך זאָל טאַקע וויסן צו גיין פֿון טיר צו טיר קבצנען — ניין, דאָס וועל איך נישט צולאָזן.

ר׳ גבֿריאל — וואָס דען ווילסטו דיר פֿאַר אַן עצה געבן, חיים?

חיים — זעט איר, מײַן ליבער ר׳ גבֿריאל־לעבן... ער קראַצט זיך הינטער דעם אויער און רעדט. איך בין אייגנטלעך געקומען אַהער אײַך בעטן... איך זע דאָך, אַז איר וועט דאָ ווערן אונדזער יונגער באַלעבאָס, און איך ווייס, אַז וואָס איר, זאָלט לעבן, וועט נאָר זאָגן, וועלן אַלע, דער באַלעבאָס, די באַלעבאָסטע און אַלטעניו, זאָלן שטאַרק און געזונט זײַן, דערצו מוזן זאָגן „אָמן”... איבער דעם האָב איך אײַך איצט געוואָלט בעטן... ער גיט אים אַ קוש אין דער האַנט אַרײַן. זעט איר, איך בין דאָך, נעבעך, ווי איר קוקט מיך אָן, אַן אָרעמער יונג — האָב איך אײַך געוואָלט בעטן, איר זאָלט מיך, אָרעמען יונג, אויך אין זין האָבן... איך ווייס דאָך, אַז איר זײַט זייער אַ גוטער מענטש, האָב איך אײַך געוואָלט בעטן, איר זאָלט מיר דעם שידוך מיט חווהן אויספֿירן... איר וועט זען, אַז אין מײַן לעבנסטאָג וועל איך אײַך דאָס נישט פֿאַרגעסן.

ר׳ גבֿריאל — אַזוי, בחור? דאָס מיינסטו? נו, נו, אַבי דו האָסט מיר נאָר געזאָגט, וואָס דו מיינסט. האָב קיין מורא נישט, עס וועט שוין רעכט זײַן. ער קלאַפּט אים מיט דער האַנט אויף דער פּלייצע. זאָרג נישט, חיים! לאָמיר נאָר פֿריִער חתונה האָבן, וועסטו שוין זען, וואָס איך קען. פֿאַרלאָז דו דיך נאָר אויף מיר! איך זאָג דיר, חווה איז שוין דײַן כלה, מעגסט שוין שלאָפֿן געשמאַק.

חיים — וויינט און קושט ר׳ גבֿריאלן די האַנט. אוי, מײַן ליי־בער ר׳ גבֿריאל־לעבן! איר האָט מיך גאָר דערקוויקט, דערקוויקט זאָלט איר מיר ווערן פֿון דעם אייבערשטן! איך ווייס גאָר נישט מיט וואָס איך וועל אײַך דאָס קענען אָפּדינען! גאָט ברוך הוא וועט אײַך דאָס אַוודאי דאָפּלט באַצאָלן, וואָס איר טוט פֿאַר מיר, אָרעמען יונג.

ר׳ גבֿריאל — נו, נו, נו, וויין שוין נישט. עס שיקט זיך נישט, אַ חתן זאָל וויינען. גיי, ביסט אַ נאַר. זײַ נאָר מיר געטרײַ, וועסטו זען, אַז עס וועט דיר אַוודאי גוט זײַן און וועסט נאָך קריגן פֿון מיר אַ גוט דרשה־געשאַנק אויך.

חיים — אוי, איר וועט זען, ווי געטרײַ איך וועל אײַך זײַן, ווי איך וועל אײַך אַלץ פֿאָלגן!

ר׳ גבֿריאל — גיט זיך פּלוצלינג אַ כאַפּ־אויף, גלײַך ער האָט זיך געוועזן עפּעס דערמאָנט. יאָ, וואָס האָב איך דיר דאָ געוואָלט עפּעס זאָגן, וואָס קיין ליגנד איז? יאָ... פֿאַר וואָס גייט דאָס די באַלעבאָסטע הײַנט אָן דעם שטערנטיכל?

חיים — איר ווייסט נישט? זי האָט דאָך דאָס הײַנט יאָרצײַט נאָך דעם ברודער.

ר׳ גבֿריאל — יאָרצײַט נאָך אַ ברודער? דאָס הער איך דאָס ערשטע מאָל. יאָרצײַט נאָך אַ ברודער? מען זאָגט נאָך אַ טאַטן אָדער נאָך אַ מאַמען, אָבער נאָך אַ ברודער פּלוצלינג צו האָבן יאָרצײַט? און ס׳אַנדערע, אַז מען האָט יאָרצײַט, גייט מען אָן דעם שטערנטיכל?

חיים — זעט איר, איך וועל אײַך דערציילן. זי האָט נישט מער געהאַט ווי דעם איינעם ברודער. ער איז געווען אַ גרויסער עושר און זייער אַ גוטער מענטש. זי האָט אים אַזוי ליב געהאַט ווי דאָס לעבן. נו, דערווײַל איז ער אונטערוועגס דאָרט ערגעץ געשטאָרבן און איר זײַן גאַנץ פֿאַרמעגן אָפּגעזאָגט. נו, האָט זי פֿאַר דאָס אַ נדר געטאָן, אַז זי זאָל אין דעם טאָג, ווען זײַן יאָרצײַט געפֿאַלט, גיין אָן דעם שטערנטיכל און קיין שום שטיקל צירונג זאָל אויף איר לײַב אַרויפֿקומען.

ר׳ גבֿריאל — זי מוז, אָן אַן עין־הרע, האָבן זייער אַ סך צירונג? נישט וואָר?

חיים — אוי, אוי, אוי, אויב זי האָט אַ סך צירונג! ווייסט איר, זי האָט אַ פֿול... טאַקע אַ פֿול קופּערטל מיט לויטער פּערל און די־

מענטן, און קאַניעקס [61], און אויבלען [62], און שטיק. און חוץ איר איגן צירונג האָט זי נאָך זייער אַ סך, וואָס עס ליגט בײַ איר פֿאַרזעצט.

ר' גבֿריאל — איך ווייס גאָר ניט, ווי מען קען ערגעץ אַזוי פֿיל צירונג באַהאַלטן?

חיים — ע, איך וועל אײַך זאָגן, דאָס קופּערטל איז, פּראָוודע, קליין; עס איז אָבער זייער שטאַרק געפּאַקעוועט. און זי האַלט עס תּמיד נאָר בײַ זיך אין שלאָף־חדר צוקאָפּנס, אין איר בעט. און דאָס שליסעלע האַלט זי תּמיד בײַ זיך; זי געטרויט עס קיין מענטש אין דער וועלט נישט.

ר' גבֿריאל — דאָס איז זי, כ׳לעבן, זייער גערעכט. זי איז טאַקע אַ גרויסע באַלעבאָסטע. זי האָט מורא פֿאַר אַ גנבֿ. זעסטו, עיקר שכחתי, איך האָב גאָר פֿאַרגעסן... ווי שפּעט וועט איצט זײַן? וועט שוין זײַן זייגער צוויי?

חיים — אי, וואָס רעדט איר? דער שטאָטזייגער האָט שוין לאַנג דרײַ געשלאָגן.

ר' גבֿריאל — וואָס, שוין נאָך דרײַ? אָ, וואַ! וואָס טוט מען דאָ אַצינד? זיי שלאָפֿן נאָך אַלע און איך באַדאַרף אַזוי נייטיק צו לויפֿן אויף דער פּאָטשט. און אַוועקצוגיין אומגעזעגנט שיקט זיך אויך נישט. איצט ווייס איך מיר גאָר ניט קיין עצה צו געבן. וואָס טוט מען דאָ אַצינד?

חיים — ווייסט איר וואָס, איך זאָל נישט מורא האָבן פֿאַר דער באַלעבאָסטע, העט איך אפֿשר געקענט אַ שפּרונג אַריבער געבן אויף דער פּאָטשט?

ר' גבֿריאל — אוי, דו העסט טאַקע געווען אַ פֿײַנער יונג, דו זאָלסט מיר דאָס קענען טאָן.

חיים — וואָס וועט אָבער די באַלעבאָסטע דערצו זאָגן?

---

[61] פּרויען־האַלדזבאַנד. — [62] גרויסע מטבעות וואָס מ׳טראָגט אויף אַ קייטל ווי צירונג, מעדאַליאָנען מיט איידלשטיינער.

ר׳ גבֿריאל — גיי, נאַר, אַז איך הייס דיר, וועט זי דיר דער־פֿאַר, אָסור, גאָר נישט זאָגן.

חיים — פֿאַר דעם זאָגן האָב איך, פֿראַוודע, קיין גרויסע מורא נישט, נאָר פֿאַר דעם... ער ווײַזט נאָך, ווי סערקעלע האָט אים אַ פּאַטש געגעבן.

ר׳ גבֿריאל — שלאָגן, מיינסטו? גיי שוין, גיי! אַז איך שיק דיך, מעגסטו גיין. איך וועל דיך שוין פֿאַרענטפֿערן. האָב קיין מורא נישט.

חיים — איך בעט אײַך זייער. וואָרן איר קענט זי דאָך שוין, אַז זי ווערט בייז. ווי זי צעפּירט זיך די הענטלעך. ער מאַכט נאָך אַ מאָל אַזוי נאָך ווי פֿריִער.

ר׳ גבֿריאל — נו, גיי שוין, גיי. עס וועט שפּעט ווערן.

חיים — טוט זיך אָן די שיך און גייט־אַוועק.

ר׳ גבֿריאל —קוקט אים נאָך. געלויבט צו גאָט, אַז איך בין שוין אַ מאָל זײַנער פּטור געוואָרן. נאָר עפּעס נײַס בין איך פֿאָרט איצט געוויר געוואָרן — מען קען פֿון אַ נאַר אויך עפּעס לערנען. עס פֿלעגט מיר פֿון אייביק אָן קשה צו זײַן, צו וואָס האָט גאָט באַ־שאַפֿן אַ נאַר אויף דער וועלט. נאָר אַצינד איז שוין רעכט. גאָט האָט באַשאַפֿן אַ נאַר, דער קלוגער זאָל מיט אים מאַכן וואָס ער וויל. העט די וועלט געוועזן מיט סאַמע קלוגע יונגען אָנגעשטאָפּט, העטן זיי, כ׳לעבן, אַלע פֿאַר הונגער געשטאָרבן. און דו, גבֿריאל, צווישן זיי. ווי שיין איך האָב מיר דאָ בײַ אים אויסגעפֿאָרשט, ווו די רפֿואה איז צו קריגן, וואָס קען מיר אויס מײַן חולשה אַרויסהעלפֿן. ער ווײַזט אויף סערקעלעס שלאָף־חדר. דאָרט ליגט דאָס דער הונט פֿאַרגראָבן. ער קוקט זיך אום. נאַ, אָט האָסטו — יעסט פּיעס [63]. ער איז ווידער דאָ.

חיים — קומט ווידער צוריק און קוקט זיך אום אין אַלע ווינ־קעלער און זוכט עפּעס.

ר׳ גבֿריאל — נו, וואָס ביסטו ווידער צוריקגעקומען? און וואָס זוכסטו? פֿאַר וואָס גייסטו נישט? עס וועט דאָך שפּעט ווערן.

---

[63] (פּ׳) דער הונט איז דאָ.

חיים — גייט־אַרום אין שטוב און זוכט, און שמועסט. יאָ, איך וועל תּיכּף גיין, נאָר... זאָגט מיר נאָר, וואָס זאָל איך דאָרטן טאָן, אויף דער פּאָטשט, העי?

ר' גבֿריאל — זעסטו, פֿאַר אײַלעניש האָב איך דיר גאָר פֿאַרגעסן צו זאָגן, אַז דו זאָלסט דאָרט נאָכפֿרעגן, אויב עס איז נישטאָ אַ בריוו צו מיר?

חיים — זוכט ווײַטער און שמועסט. יאָ, וועמען זאָל איך אָבער דאָרט פֿרעגן, העי?

ר' גבֿריאל — וואָס טײַטש? וועסט אַרײַנגייך צום פּאָטשט־מײַסטער, וועסט שיין אָפּהייבן דאָס היטל און וועסט פֿרעגן, אויב עס איז נישטאָ עפּעס אַ בריוו צו גבֿריאל הענדלער. ער וועט דיר תּיכּף זאָגן, צי יאָ, צי ניין. ער איז אַ גאַנץ גוטער מענטש. האָב גאָר קיין מורא נישט. נאָר גיי שוין, גיי געשווינד, וואָרן עס וועט שפּעט ווערן.

חיים — גייט און שמועסט צו זיך אין דער שטיל. אין פֿעדער־שטוב איז זי נישטאָ. אין קיך אויך נישט. איך האָב, כ'לעבן, שוין געמיינט, אַז זי איז אַהער אַרײַנגעגאַנגען. ער גייט־אַוועק דורך דער מיטלסטער טיר.

דריטער אַרײַנקום

ר' גבריאל אַליין

ר' גבֿריאל — עפּעס געפֿעלט מיר נישט דער יונג מיט זײַן צוריקקומען און דאָס אומקוקן זיך אין שטוב — זאָל ער זיך האָבן עפּעס געשטויסן, דער בחור? ע, ווער ווייסט, וואָס דער שוטה זוכט. און אַז ער זאָל אַפֿילו אָנקומען, איז אויך גאָר קיין גרויס אַחריות נישט. איך האָב דאָך אים צוגעזאָגט חוהן פֿאַר אַ כּלה. נו, גבֿריאל, נעם דיך צו דער מלאָכה. פֿרײַער מוז איך אָבער אַ קוק געבן, אויב די משפּחה שלאָפֿט נאָך. ער גייט צו דער טיר, וואָס איז אין דער רעכטער זײַט, און האָרכט. אָט, ווי געהרגעט! אַצינד זאָל מיר נאָר זכות־אָבֿות בײַשטיין, וועט שוין אַלץ גוט זײַן. ער גייט גאַנץ שטיל, אויף

די נעגל, אין סערקעלעס שלאָף־חדר אַרײַן, קומט אָבער באַלד ווידער צוריק. **מיר דאַכט זיך, עס האָט דאָ עמעץ געהוסט.** ער האָרכט נאָך אַ מאָל. **אָט, זיי שלאָפֿן ווי נאָך אַ חתונה, נישט ווי נאָך ראָשי־פּרקים. שלאָפֿט נאָר, שלאָפֿט געשמאַק, איך וועל אײַך שוין דאָ חתונה מאַכן.** ער גייט ווידער אין שלאָף־חדר אַרײַן און זוימט זיך עטלעכע מינוטן. ער קומט־צוריק מיט דעם קופּערטל אונטער דעם אָרעם. **דער סילוק איז דאָ — אַצינד לאַך איך אײַך אַלע אויס. ביסט אַ פֿײַנער יונג, גבֿריאל: האָסט געקענט דאָס לייענען. ביסט אַ גוטער בעל־מלאָכה, גבֿריאל! מעגסט דיר מאַכן אַ שילד „אַ לאַ כאַפּטעס״.** ער טוט זיך אָן גאַנץ געשווינד און נעמט דאָס קופּערטל אונטער דעם פּלאַשטש[64] אַרונטער. **אַצינד — אַהיים! דאָ וועט זיך דאָס עפּעס טאָן, אַז סערקעלע וועט דערזען, דאָס גוטע קאָפּן־קישעלע פֿעלט איר! „אוי!״, וועט זי קרעכצן.** ער שפּעט נאָך סערקעלען. **„אוי, ווײ, מײַנע כּוחות!״. אַצינד וועט זי שוין אָבער טאַקע אין רעכטן אמת מעגן פֿאַלן אין חלשות.** ער גייט נאָך אַ מאָל צו דער טיר זען, אויב זיי שלאָפֿן. דערנאָך גייט ער דורך דער מיטלסטער טיר אַוועק.

פערטער אַרײַנקום

מאַרקוס רעדלעך אַליין

רעדלעך — ער קומט דורך דער מיטלסטער טיר און קוקט זיך אום אויף אַלע זײַטן. **נימאַנד היר[65] וואַס איזט דאָס? וואָ זינד**

---

[64] ברייטער מאַנטל, פּעלערינע, רעגנמאַנטל.

[65] /דאָ ווערט איבערגעגעבן דער גאַנצער מאָנאָלאָג אין ייִדיש איבערזעצונג/ איז קיינער נישטאָ? וואָס איז דאָס? ווּ זיינען די מענטשן? קוקט אין טיר, וואָס איז אין דער רעכטער זײַט. שלאָפֿן? שיין, דאָס הייסט אומפּאַרזיכ־טיק — דאָס צימער אַליין, די טירן אָפֿן. עמעצער, וואָס איז נישט קיין גרויסער צדיק, קאָן אַלצדינג אַרויסנעמען. און די מענטשעלעך שלאָפֿן זיך אַזוי רויק. ווּ איז אָבער הינדעלע? אָט האָב איך זי ענדלעך געפּאַקט ביי אַ נאַכלעסיקייט. ער גייט אַרויף און אַראָפּ אין שטוב. זאָל איך אפשר אַהינגיין און זי אַרײַנרופֿן?

דען די לײַטע? ער קוקט־אַרײַן דורך דער טיר, וואָס איז אין דער רעכטער זײַט. שלאַפֿען? שעהן, דאַס הייסט אונפּאָרזיכטיג — דאַס צימער אַלליין, די טיהרע אָפֿפען, ווי לײַכט קענטע יעמאַנד מיט זאָ איינעם רעכט שמאַלען געוויססען גאַנץ אונגעשטערט אַללעס הערויסשטעהלען. אונד די לײַטכען שלאַפֿען זאָ רוהיג. וואָ איזט דען אַבער הינדעלע? נון האַבע איך זי דאָך ענדליך אײַנמאַהל בײַ איינער נאַכלעססיגקייט אין דערווירטשאַפֿט ערטאַפּט. ער גייט־אַרויף און אַראָפּ אין שטוב. זאָל איך עטוואַ היגעהען אונד זי הערופֿען? — ווער בלײַבט אַבער אײַנסטווײַלען היר צוריק? נײַן, איך בלײַבע ליבער היר, אונד ווען זי קאָממט, זאָ וואַרטעט איהרער מײַן פֿאָרוווּרף. ער טראַכט אַ ביסל נאָך. דאָך נײַן, דער פֿאָרוווּרף קאַן גענצליך אויסבלײַבען, דען צו וואַס איהרער ערצפֿײַנדין פֿרידעריקע נאָך צו אײַ־

ווער אָבער וועט דאָ דערווייל בלייבן? ניין, איך וועל ליבערשט דאָ בלייבן און, ווען זי וועט קומען, וועט זי כאַפּן פון מיר אַ פּסק. ער טראַכט אַ ביסל נאָך. אָבער, ניין, בעסער דורכצולאָזן דעם פאָרוואורף, וואָרעם צו וואָס נאָך פאַרשאַפן נחת איר בלוט־שונא, פרידעריקע? אָ, יאָ, דאָס מיידל איז זייער פלייסיק! פאַר מיטאָג האָט זי נישט קיין חשק צו דער לעקציע. עס האָט געהייסן, אַז איך זאָל קומען נאָך מיטאָג — און איצט מאַכט זי גאָר איר נאָכמיטאָג־דרימל. ער לאַכט. כאַ־כאַ־כאַ, איר מוטער איז טאַקע אין אירע געשעפטן אַ סך פלייסיקער. אָט האָט זי היינט ווידער געשיקט מיך רופן צו זיך. זי איז קראַנק, שטערבלעך קראַנק. איך זאָל נאָר קומען ביי נאַכט אין איר שלאָפצימער און זי קורירן. אָ, איך פאַרשטיי דיינע כוונות, דו, נידערטרעכטיקע פרוי! איך קען דיך צו גוט, דו אָפּפאַל פון דער מענטשהייט, הגם דו מאַכסט זיך מיך נישט דערקענען. אָהאָ, נישט געטראָפן, מיינע ליבע דאַנציגער! איר האָט געמאַכט דעם חשבון אָן דעם באַלעבאָס! ער שווייגט אַ ווײַלע. ליידער ווייס איך פאָרויס, אַז די דאָזיקע כלומרשטע צדיקת וועט ביי מיר דאָ פאַר נקמה צונעמען די איינציקע לעקציע, מיין לעצטע שטיצע, וואָס איז נאָך בכוח צו לינדערן מיין גרויסע דחקות. איך פיל אויך גאָר שטאַרק דעם פאַרלוסט, נישט צו קענען מער זען מיין איינציק געליבטע הינדעלע — נאָר שוין ליבער וואָס פריער אין קבר גיין, יאָרן לאַנג צו בענקען נאָך דער געליבטער, איידער זיך לאָזן באַהערשן איין רגע דורך די געמיינע פאַרלאַנגען פון אַ פאַרדאָרבענער פרוי. אָבער, הער זיך איין, עס קומט עמעצער! אַהאַ, מיין גוטע הינדעלע!

נעם פֿראַהלאָקען פֿערהעלפֿען? אָ, יאָ, דיזעס מעדכען איזט דער פֿלײַס זעלבסט! פֿאָרמיטטאַג האַטטע זי קיינע לוסט צור לעקציאָן, דאַ היס עס, איך זאָלל נאַכמיטטאַג קאָממען — אונד יעצט האַלט זי איהר מיטטאַגשלעפֿכען. ער לאַכט. האַ־האַ־האַ; איהרע מוטטער איזט וואָהל אין איהרען געשעפֿטען אום פֿילעס פֿלײַסיגער. דאַ שיקטע זי מיך הײַטע אַבערמאַלס צו זיך רופֿען, זי זיי קראַנק, שטערבליך קראַנק, איך מעכטע נור קאָממען דעם נאַכטס אין איהר שלאַפֿגעמאַך אונד זי קורירען, דאַס הייסט, איך זאָלל איהר די קור מאַכען, יאַ, יאַ, איך פֿערשטעהע דײַנע אַבזיכטען, דו נידערטרעכטיגעס ווײַב. איך קעננע דיך צו גוט, דו אַבשוים דער מענטשהײַט, אָבוואָהל דו מיך צו פֿער־קעננען שײַנסט אונד מיר זאָוואַס צומוטעסט. אָהאָ, ווײַט געפֿעהלט, מײַנע ליבע דאַנציגער! זי האַבען די רעכנונג אָהנע דען ווירטען גע־מאַכט! ער שווײַגט אַ ביסל שטיל. לײַדער וויס איך עס פֿאָרויס, דאַס מיר דיזע שײַנהייליגע די איינציגע לעקציאָן, מײַנע לעטצטע שטיטצע וועלכע מײַנע אויסערסטע נאָט נאָך צו לינדערן אים שטאַנדע איזט, אויס ראַכע אויפֿזאַגען ווירד. אויך פֿיהלע איך צו זעהר דען פֿער־לוסט, מײַנע איינציג געליבטע הינדעלע ניכט מעהר בעזוכען צו דירפֿען — אַלליין ליבער אויס הונגערסנאָט מעגליך דעם גראַבע נעהרע קאָממען, יאַהרעלאַנג נאָך דער הערצענס געליבטען שמאַכטען, אַלס דען פֿרעפֿעלהאַפֿטען געזינונגען איינעם פֿעררוכטען ווײַבעס נור איינען איינציגען אויגענבליק צו פֿרעהנען. אַבער האָרך, דאַ קאָמט יעמאַנד! אַהאַ, מײַנע גוטע הינדעלע!

פינפטער אַריינקום

רעדלעך, הינדע

הינדע — זי היר, הערר רעדליך[66]! וואָ איזט דען דער נײַע

66 (די גאַנצע סצענע ווערט דאָ איבערגעגעבן אין יידישער איבערזעצונג)

בריייטיגאַם? חיים זאַגטע מיר יוסט, דאַס ער שאָן וואַך אונד היר זײַ.

רעדלעך — איך קאַם אונלענגסט הער, פֿאַנד די טיהרע אָפּ־פֿען אונד נימאַנד אים צימער. ווער זאָלל דען דער נײַגעבאַקענע בריייטיגאַם זײַן, דען זי היר פֿערמוטעטען?

הינדע — וויססען זי דען ניכט, דאַס אונזערע פֿרידעריקע הײַטע ברויט ווירד?

רעדלעך — ברויט? הײַטע? מיט וועם דען, ווען איך פֿראַגען דערף?

הינדע — מיט ר׳ גבֿריאל הענדלער.

רעדלעך — זאָ? מיט ר׳ גבֿריאל הענדלער? נון, זאָ ווינשע איך איהר גליק, ווען זי מיט דיזער פֿאַרטי צופֿרידען איזט.

הינדע — אָ! זי איזט זעהר צופֿרידען, דען זי האַט בלאָס נור די אײַנווילליגונג איהרער עלטערען צו איהרער אײַגענען וואַהל ערהאַלטען.

רעדלעך — זאָ? האַט זי איהן אויך פֿאָרהער געליבט? אָ, זאָ איזט זי וואַרהאַפֿטיג גליקליך. דען ווי פֿילע גיבט עס, איבערהויפּט בײַ אונזערער נאַציאָן, דערען וואַהל דער איהרער עלטערן גאַנץ אונד גאַר ניכט ענטשפּריכט אונד צולעטצט בלאָס אויס פֿורער

הינדע — איר דאָ, הער רעדלעך! ווו איז דער נייער חתן? חיים האָט מיר ערשט געזאָגט, אַז ער איז שוין אויפגעשטאַנען און איז דאָ.

רעדלעך — איך בין ערשט נישט לאַנג אַהערגעקומען, געטראָפן די טיר אָפן און קיינער איז נישט געווען אין צימער. ווער זאָל עס זיין דער נייגע־באַקענער חתן, אויף וועלכן איר האָט זיך דאָ געריכט?

הינדע — ווייסט איר דען נישט, אַז אונדזער פרידעריקע ווערט היינט אַ כלה?

רעדלעך — אַ כלה? היינט? מיט וועמען, אויב איך מעג פרעגן?

הינדע — מיט ר׳ גבריאל הענדלער.

רעדלעך — אַזוי? מיט ר׳ גבריאל הענדלער? נו, ווינטש איך איר גליק, אויב זי איז צופרידן מיט דעם שידוך.

הינדע — אָ, זי איז זייער צופרידן, וואָרעם זי האָט בלויז באַקומען די הסכמה פון אירע עלטערן צו איר אייגענעם אויסקלייב.

שאַמהאַפּטיגקייט אָדער אויס געהאָרכזאַמקייט מיט איינען, פֿאָן דען עלטערן אויסגעזוכטען, מיט רובעל אָדער אָהנען בעלאַסטעטען טוי־געניכטס פּערמעהלט ווערדען.

הינדע — פּערצייהען זי, העדר רעדליך! דיזער פֿאַלל קענטע שווערליך ביי אונזערער פֿרידעריקע איינטרעפֿען, דען דער אַללמעכ־טיגע זעגנעטע זי מיט רעכט גוטע, ליבענסווירדיגע עלטערען.

רעדלעך — לאַכט. האַ־האַ־האַ! רעכט גוטע, ליבענסווירדיגע עלטערען? אָ, יאַ! דיזעס מוס יעדער, דער דיזעס הויז בעזוכט אונד טעגליך געלעגנהייט האַט ביי מאַנכער האַנדלונג געגענווערטיג צו זיין, געשטעהען. ער לאַכט. האַ־האַ־האַ! רעכט גוטע ליבענסווירדיגע עלטערען... מיר, וועניגסטענס, שיינען זי עס ניכט צו זיין.

הינדע — זי לאַכען? פּערצייהען זי מיר, ווען איך בעהויפּטע, דאַס דער שיין מייסטענס טריגט.

רעדלעך — טריגט? ניין, ניין, ווען דיזער שיין טריגט, זאָ בעטריגען מיך אויך מיינע זינגע — ניכט וואָהר, ליבע הינדעלע? איהרע טאַנטע איזט גוט? אונד פּיללייכט אויך געגען איהנען?

רעדלעך — אַזוי? האָט זי אים טאַקע פריִער ליב געהאַט? אויב אַזוי, איז זי באמת גליקלעך. וואָרעם ווי אַ סך זיינען פאַראַן, איבער הויפּט ביי אונדזער פאָלק, אַזעלכע וואָס דער אויסקלייב פון די עלטערן געפעלט זיי לחלוטין נישט און צום סוף האָבן זיי חתונה בלויז פאַר חרפה אָדער מחמת געהאָרכזאַמקייט מיט אַ טויגעניכטס, וואָס די עלטערן האָבן אויסגעזוכט, צי ער האָט יאָ אָדער נישט קיין געלט.

הינדע — אַנטשולדיקט, הער רעדלעך! אַזאַ פאַל וואָלט קוים געקענט טרעפן ביי אונדזער פרידעריקע, וואָרעם דער אַלמעכטיקער האָט זי געבענטשט מיט גאָר גוטע, סימפּאַטישע עלטערן.

רעדלעך — לאַכט. האַ־האַ־האַ! גאָר גוטע, סימפּאַטישע עלטערן? אָ, אָ! דאָס מוז מודה זיין יעדער וואָס קומט־אַריין אין דעם דאָזיקן הויז און האָט יעדן טאָג די געלעגנהייט צו זיין ביי אַ וועלכער עס איז האַנדלונג. ער לאַכט. כאַ־כאַ־כאַ! זייער גוטע, פריינדלעכע עלטערן... מיר, לפּחות, ווייזן זיי נישט אויס אַזוי צו זיין.

הינדע — איך גלויבע מיך ני איבער מײַנע טאַנטע בעקלאַגט צו האָבען. זאַגען זי, הערר רעדליך, האַבען זי מיך יע מוררען געהערט?

רעדלעך — זי מוררען ניכט. שעהן, דאַס איזט רעכט שעהן פֿאָן איהנען. דען דיזעס ווערע יאַ זאָגאַר צוועקלאָז. יאַ, עס קענטע פֿיללײַכט איהרען צושטאַנד נאָך אום פֿילעס פֿערשלימערן. אַללײן איזט געדולדיג לײַדען ניכט לײַדען? אָ, לײַדער זאָה איך עס מעהרע־רע מאַלע, מיט וועלכער געריגגשעטצונג זי בעהאַנדעלט ווערדען, מיט וועלכער פֿעראַכטונג מאַן איהנען זעלבסט די דורך מיהזאַמען אַרבײַט פֿערדינטע שפּאַרזאַמע נאַהרונג הינרײַכטע. אָ, איך האַבע מאַנכעס בעמערקט, בײַ דעססען ערינגערונג בלאָס מיר שון דאַס הערץ בלוטעט.

הינדע — צוואָר בין איך איהנען פֿיר איהרע הערצליכע טײַל־נאַהמע זעהר פֿילען דאַנק שולדיג, יעדאָך אַבער מוס איך זי ביטטען, דאַס זי איהרע געזיננונגען אין הינזיכט מײַנער ליבען טאַנטע אין

הינדע — איר לאַכט? זייט מיר מוחל, ווען איך דערקלער, אַז דאָס אויס־זען נאַרט־אָפּ אין די מיינסטע פֿאַלן.

רעדלעך — נאַרט־אָפּ? ניין, ניין, אויב דאָס דאָזיקע אויסזען נאַרט־אָפּ, נאַרן מיך אויך אָפּ מיינע חושים, נישט אמת, ליבע הינדעלע? אייער מומע איז גוט און אפשר אויך צו אייך?

הינדע — איך האָב, דאַכט זיך מיר, קיין מאָל זיך נישט באַקלאָגט אויף מיין מומען. זאָגט, הער רעדלעך, האָט איר אַ מאָל געהערט, איך זאָל האָבן צו איר טענות?

רעדלעך — איר האָט נישט קיין טענות. שיין, דאָס איז זייער שיין פֿון אייך. ווארעם דאָס וואָלט אַפילו נישט געהאַט קיין שום תכלית. פֿאַרקערט, עס וואָלט נאָך אפשר אַ סך פֿאַרערגערט אייער סיטואַציע. אָ, צום באַדויערן האָב איך אַ סך מאָל געזען מיט וואָס פֿאַר אַ גרינגשאַצונג איר ווערט באַ־האַנדלט, מיט וואָס פֿאַר אַ פֿאַראַכטונג מען האָט אייך דערלאַנגט אַפילו דאָס ביסל עסן, וואָס איר האָט פֿאַרדינט דורך שווערער אַרבעט. אָ, איך האָב באַ־מערקט זאַכן, וואָס ביי דעם בלויזן דערמאָנען זיך אין זיי בלוטיקט מיר דאָס האַרץ.

געגענוואַרט אַנדערער ניכט אויף זאָלכע אַרט אויסערן מעכטען; דען זי קענטען דאַדורך ניכט אַלליין זי, זאָנדערן אויך מיך אונד זיך זעלבסט ביי דער וועלט אין איינעם שלעכטען ליכטע פּערזעטצען.

רעדלעך — בלייבען זי נור גאַנץ אונבאַזאָרגט, מיינע ליבע הינדעלע! דען זי ביי דער וועלט אין איינעם שלעכטען ליכט פּערזעטצען היסע זאָפּיל, אַלס דער אַללעס בעלייכטענדען זאָננע איהרען ליכטשטראַהל פּערלייגנען וואָללען! וואָס אַבער איהרע טאַנטע בעטריפּט, זאָ פּערשטעהען זיך די לייטע אויף איהרען כאַראַקטער אום פּילעס בעססער אַלס זי. אָ, מעכטען זי נור ערשט אַללעס וויססען, וואָס זיך די לייטע אין די אָהרען פּליסטערן, וואָר דיזע העללענבוריע...

הינדע — לאָזט אים ניט אויסריידן און פֿאַלט אים אין די רייד אַריין. זי פֿאַרהאַלט זיך די אויערן, זי זאָל נישט הערן, וואָס רעדלעך זאָגט. איך וויל פּאָן זאָלכען ניכטס וויססען, ניכטס הערען, ליבער, בעסטער הערר רעדליך! איך ביטטע זי, פּערשווינען זי מיך מיט דערגלייכען נאַכריכטען, ערצייגען זי מיר דיזע איינציגע געפּעלליגקייט אונד לאַססען זי מיך פּאָן מיינער טאַנטע, פּאָן מיינער צווייטען מוטטער נור אַללעס גוטע דענקען.

הינדע — איך בין אייך טאַקע זייער דאַנקבאַר פֿאַר אייער האַרציק מיטגעפיל, אָבער איך מוז אייך בעטן, אַז איר זאָלט אייערע מיינונגען וועגן מיין ליבער מומע נישט אויסדריקן אויף אַזאַ אופן אין דער קעגנוואַרט פון אַנדערע מענטשן. וואָרעם דורך דעם קאָנט איר אַוועקשטעלן אין אַ שלעכטן ליכט נישט בלויז זי אַליין, נאָר אויך מיך און זיך גופא.

רעדלעך — זאָרגט נישט, מיין ליבע הינדעלע! וואָרעם אַוועקשטעלן אייך ביי דער וועלט אין אַ שלעכטן ליכט הייסט פּונקט דאָס זעלביקע ווי וועלן פֿאַרלייקענען דעם ליכטיקן שטראַל פון דער זון וואָס באַלייכט אַלצדינג! אָבער וואָס שייך אייער מומע, פֿאַרשטייען זיך מענטשן אויף איר כאַראַקטער אַ סך בעסער ווי איר. אָ, ווען איר זאָלט נאָר וויסן אַלצדינג, וואָס מענטשן שושקען זיך אויפן אויער, וועגן דער דאָזיקער מרשעת...

הינדע — ... איך וויל דערפון גאָר נישט וויסן, גאָר נישט הערן, ליבער, גוטער הער רעדלעך! איך בעט אייך, שוינט מיך פֿאַר אַזעלכע ידיעות, טוט מיר

רעדלעך — שווייַגט אַ ביסל שטיל און קוקט־אָן הינדען מיט רחמנות. דערנאָך גייט ער צו איר און נעמט זי אָן בייַ דער האַנט. **געטטליכעס מעדכען! פּערצייַהען זי מיר, ווען איך זי געקרענקט האַבע; גלויבען זי מיר, דאָס נור מייַנע ליבע עס וואַר, וועלכע מיך זי אויף איהר אייגענעם שיקזאַל אייַן ווענינ אויפמערקזאַם צו מאַכען בעוואָג. אַלליין איך זעהע ערשט יעצט אייַן, ווי טעריכט עס פאָן מיר וואַר, דער געניגזאַמען צופרידענהייַט, דאָס זי מאַנגעל ליידע, פאַר־שוואַצען צו וואָללען.**

סערקעלע — עפּנט גאַנץ פּאַמעלעך אויף די טיר, וואָס איז אין דער רעכטער זייַט, און קוקט־אַרייַן בגנבֿה.

רעדלעך — **איך ביטע זי, מייַנע ליבע הינדעלע, פּעראַכטען זי מיך נור ניכט.** ער קושט איר די האַנט. **היר פלעהע איך, ווי אייַן אַרמער דינער, אום איהרע פּערצייַהונג.**

הינדע — **אַבער אום גאָטטעס ווילען, איך ביטטע זי.** זי וויל איר האַנט פון זייַנער אַרויסנעמען. **לאַססען זי מיך, איך פּערצייַהע איהנען פאָן גאַנצען הערצען. איך ביטטע זי...** צו זיך אין דער שטיל. **נייַן, נייַן, איך האַלטע עס ניכט מעהר אויס!** הויך. **ליבער, גוטער, טייַערער הערר רעדליך! זי** גיט אים אַ קוש. **לאַססען זי מיך אַב! לאַססען זי מיך.** זי רייַסט אים אויס איר האַנט. **איך פּערצייַהע איהנען פאָם גרונדע מייַנעם הערצענס.**

די איינציקע טובה און לאָזט מיך וועגן מיין מומע, וועגן מיין צווייטער מוטער, בלויז גוטס טראַכטן.

רעדלעך — **... געטלעך מיידל! זייט מיר מוחל, אויב איך האָב אייך פאַרשאַפט עגמת־נפש. גלייבט מיר, אַז בלויז מחמת ליבשאַפט האָב איך אייך געוואָלט אַ ביסל אויפמערקזאַם מאַכן אויף אייער אייגענעם גורל. אָבער איך זע איצט איין, ווי נאַריש דאָס איז פון מיר געווען אייך צו וועלן אויסריידן דעם עגמת־נפש.**

סערקעלע — ...

רעדלעך — **איך בעט אייך, מיין ליבע הינדעלע, פאַראַכט מיך נאָר נישט.** זי וויל אַרויסנעמען איר האַנט פון זיין האַנט. **איך בעט אייך דאָ, ווי אַן אָרע־מער דינער, איר זאָלט מיר מוחל זיין.**

רעדלעך — אָ! יעצט איזט מײַן גליק גרענצענלאָז! מעגע זיך נון די גאַנצע וועלט מיט פּערלען, דיאַמאַנטען אונד ווי דאַס צײַג אַללעס הײַסען מאַג בערײַכערן. ער כאַפּט הינדען אַרום מיט ביידע הענט. איך האַבע דיך, מײַנע ליבע הינדעלע, אונד האַבע פּערלען, דיאַמאַנטען אונד קלײַנאָדיען גענוג!

זעקסטער אַריינקום

סערקעלע, הינדע, רעדלעך. זיי צעלויפֿן זיך, ווי זיי זעען סערקעלען

סערקעלע — שיין, שיין! אויף דעם האָב איך מיך גאָר נישט געריכט. ביסט גערעכט, הינדעלע! מאַכסט כּבֿוד דעם טאַטן אין קבֿר. אַ, שיין, גאַנץ שיין! פֿאַרפֿינצטערט און פֿאַרשוואַרצט איז דײַן דאָליע געוואָרן, אַז עס גלוסט זיך דיר נאָך אין דעם טאָג, ווען דודס יאָר־צײַט איז, מיט דײַטשן צו שפּילן. אוי, מײַנע כּוחות!

רעדלעך — קוקט־אָן סערקעלען אַזוי ווי מען מאַכט אויס עמעצן חוזק. ערגערן זי זיך נור ניכט, מײַנע ליבע דאַנציגער — זי זינד יאַ קראַנק, שטערבליך קראַנק, עס קענטע אינען שאַדען.

הינדע — וויל רעדלעכן אײַנהאַלטן און לאָזט אים נישט ריידן. אום גאָטטעס וויללען, ווען זי מיך... בלײַבען זי שטילל, איך ביטטע זי, ענטפּערנען זי זיך, איך בעשווערע זי.

הינדע — אָבער איך בעט אייך. זי וויל אַרויסנעמען איר האַנט. לאָזט מיך, איך בין אייך מוחל פון גאַנצן האַרצן. איך בעט אייך ... צו זיך. ניין, איך האַלט עס מער נישט אויס! הויך. ליבער, גוטער, טייערער הער רעדלעך! גיט אים אַ קוש. לאָזט מיך אָפּ! לאָזט מיך. זי רייסט־אַרויס איר האַנט. איך בין אייך מוחל פון גאַנצן האַרצן.

רעדלעך — אָ! איצט איז מיין גליק אָן אַ גרענעץ! איצט מעג די גאַנצע וועלט רייך ווערן דורך פּערל, דימענטן און ווי די אַלע זאַכן הייסן דאָרט. ער נעמט זי אַרום. און אַז איך האָב דיך, מיין ליבע הינדעלע, אַזוי האָב איך פּערל, דימענטן און צירונג גענוג!

סערקעלע — מיט ביידע הענט אין דער זײַט. **ווער ביסטו דאָס, דו, לײַדאַק! דו, פּאַרך! מיינסטו דאָס, אַז בײַ מיר איז עפּעס אַ שענקהויז? איך וועל דיר דאָ ווײַזן, דו, דײַטש מיט לונגען, ווער עלטער איז. אַזוי אַ גאַלגאַן זאָל אַ העזה האָבן אַרײַנצוקומען צו מיר אין שטוב אַרײַן די מיידלעך צו אַלעם בייזן אָנצוריידן!**

רעדלעך — וויל ווידער אָנהייבן צו ריידן און הינדע בעט אים מיט העווזיות ער זאָל אַוועקגיין.

סערקעלע — שרײַט גאַנץ הויך. **אַרויס פֿון מײַן שטוב, דו, אָפּגעריסענער און אָפּגעשליסענער נאַקעדיקער דײַטש! אַרויס תּיכף, זאָג איך! זאָלסט דיך נאָר דערוועגן מײַן שוועל נאָך איין מאָל צו באַטרעטן, וועל איך דיר רוק־און־לענד צעברעכן, אוי, מײַנע כּוחות!**

הינדע — נעמט־אָן רעדלעכן בײַ דער האַנט און פֿירט אים דורך דער מיטלסטער טיר אַרויס. **ווען זי מיך גערען האָבען, זאָ געהען זי.**

רעדלעך — קוקט בײַ דער טיר נאָך אַ מאָל סערקעלען אָן זייער בייז און גייט־אַוועק.

זיבעטער אַריינקום

סערקעלע, הינדע

הינדע — בלײַבט שטיין בײַ דער טיר, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, און וויינט.

סערקעלע — נו, נו, איך האָב מיך גוט דערלעבט... ווער זאָל זיך דאָס ריכטן, אַז איך וועל פֿון אַזוי אַ צרה, פֿון אַזוי אַ שלים־שלימזל זעלכע חרפּות און בושות אײַננעמען? וואַרט נאָר, וואַרט, איך וועל מיך שוין נעמען צו דיר, וועסטו דיר שוין, דו בעסטיע, אַ קריעה רײַסן נאָך דײַנע יאָר און טעג, אוי, מײַנע כּוחות! דאָס איז דאָס דער לוין פֿאַר מײַן בידעווען[67], וואָס איך בידעווע טאָג און נאַכט מיט

---

[67] אָנליידן זיך.

איר! אומשטײנס געזאָגט, וואָס האָט זי דען צו זאָרגן, די קבצנטע! פֿרעסט און זויפֿט מײַן בלוט, נו, גלוסט זיך איר אַ דײַטש אויך...

הינדע — וויינט. מומע־לעבן! איך בין...

סערקעלע — פֿאַלט איר אין די רייד אַרײַן. האַלט דעם פּיסק, זאָג איך דיר, דו דראַבקע[68]! אַוודאי דאַרפֿסטו נאָך דעם פּיסק צו עפֿענען! וויפֿל קומט דיר נאָך אין בײַטל אַרײַן צו צאָלן, העי? דו וויינסט? דו האָסט צו וויינען און צו קלאָגן אויף דײַנע יאָר און טעג, וואָס דו ביסט גאָר געבוירן געוואָרן אויף דער וועלט. זאָג אַליין, דו, פּורעניות: ווי האָסטו נישט געהאַט גאָט אין האַרצן בײַ שיינעם, העלן טאָג, בײַ מיר אין שטוב, וואָס די טיר רוט נישט פֿון פֿרעמדע מענטשן, זיך אַנידערצוזעצן מיט אַזוי אַ הולטײַ, מיט אַזוי אַ דראַב? גאָט ווייסט, וואָס דאָ העט געווען, ווען עס זאָל מיך נישט עפּעס אַזוי ווי אַראָפּרײַסן פֿונעם בעט. אוי, ווײ, מײַנע כּוחות! זכות־אָבֿות איז מיר דאָ עפּעס בײַגעשטאַנען.

הינדע — גייט צו סערקעלען מיט געוויין און וויל איר די האַנט קושן. מומעניו! גילדענע מומעניו! הערט מיך נאָר אויס... וועט איר הערן... אַז איך בין... גאָר ניט שולדיק.

סערקעלע — גיט הינדען אַ שטויס פֿון זיך אַוועק. אַוועק, דו, דו, דו... גיי, קוש דו זיך מיט דעם... זי קען ניט ריידן פֿאַר גרויס כּעס.

הינדע — פֿאַלט־אַנידער אויף דער ערד און שרײַט. אוי, גאָט זאָל אײַך דאָס מוחל זײַן!

אַכטער אַרײַנקום

סערקעלע, הינדע, **חווה** קומט צו גיין דורך דער טיר, וואָס איז אין דער רעכטער זײַט

ר׳ גבריאל — קומט דורך דער טיר, וואָס גייט אויף דער גאַס אַרויס.

---

[68] זשוליק, ליידאַק.

חווה — לויפֿט־צו צו הינדען. אוי, ווי מיר, הינדע־לעבן! זי הייבט זי אויף. האָסטו דיר עפּעס געטאָן, מײַן לעבן?

ר׳ גבֿריאל — וואָס איז דאָס דאָ געווען אַזוינס?

סערקעלע — פֿרעגט נישט, עס איז שוין רעכט. עס איז שוין דאָ גוט געווען.

ר׳ גבֿריאל — וואָס איז דאָס? אפֿשר ווידער עפּעס אַ שאָדן געווען?

סערקעלע — אוי, ווי, מײַנע כּוחות! גלייבט מיר, עס איז גאָר אַ חרפּה און אַ שאַנד פֿאַר לײַט אַפֿילו צו דערציילן! אָט קוקט זי נאָר אָן! העט מען נישט געמעגט שווערן, אַז זי קען גאָר קיין צוויי נישט ציילן, די הולטײַקע?

הינדע — אוי, חווה־לעבן! פֿיר מיך אין בעט אַרײַן. איך מוז מיך לייגן. איך בין זייער פֿאַרשלאָפֿט... אוי!

חווה — נעמט הינדען אונטער דעם אָרעם. גאָט זאָל געבן, עס זאָל עפּעס אַ גוטן סוף נעמען מיט דעם וואָיעווען! איטלעכער באַזונדער האָט צו טאָן מיט דער אָרעמער יתומה, נעבעך.

סערקעלע — קוקט זי נאָר אָן, ווי זי מאַכט זיך חלשן, די לײַדאַטשקע! איצט האָט זי קיין כּוח נישט. רופֿט איר נאָר רעדלעכן צוריק, וועט זי דאָ באַלד כּוח האָבן, אוי, מײַנע כּוחות!

חווה — פֿירט הינדען גאַנץ פּאַמעלעך אַוועק און ווײנט שטאַרק. עס איז שוין די העכסטע צײַט, אַז גאָט זאָל זיך עפּעס מרחם זײַן.

ניינטער אַרײַנקום

ר׳ גבריאל, סערקעלע

ר׳ גבֿריאל — וואָס האָט זיך דאָס דאָ געטאָן, וואָס איר זײַט אַזוי בייז? עס פֿלעגט דאָך גאָר נישט אײַער טבֿע צו זײַן. דערציילט נאָר מיר אויך. אָדער איז עס אפֿשר גאָר אַ סוד פֿאַר מיר, העט?

סערקעלע — אַ סוד אַהין, אַ סוד אַהער — וואָס זאָל איך אײַך דאָ אויך נאָך דערציילן, איר זאָלט אויך עגמת־נפֿש האָבן?

גלייבט מיר, איך האָב געגוג פֿאַר ס׳מײַניקע. נאָר איר זײַט דאָך, הייסט עס שוין, דאָס אונדזעריקע — איר וועט דאָך נישט קיינעם ווײַטער דערציילן...

ר׳ גבֿריאל — וואָס זײַט איר דאָ ערשט מסופק, מחותּנתטע־לעבן! וועמען האָב איך צו דערציילן? בײַ מיר איז אין איין אויער אַרײַן און פֿון דעם אַנדערן אַרויס.

סערקעלע — הערט זשע צו, וועט איר עפּעס הערן אַ שיינע מעשׂה. איך ליג מיר דאָ אַזוי פֿריִער און שלאָף — איך האָב אַפֿילו נישט רעכט געשלאָפֿן אויך, נאָר בין אַזוי געלעגן און געדרימלט, אַזוי ווי אַ מענטש ליגט אָפּט מאָל אין קוואַל [69] — האָט עס מיך עפּעס אַזוי ווי נישט געלאָזט ליגן אויף אַן אָרט. איך זאָג אײַך, עס האָט מיך עפּעס אַזוי ווי געקאָרטשעט, אַז איך זאָל אַהער אַרײַנגיין, אין דער שטוב אַרײַן... אין מיטן אָבער האָב איך מיך דערמאָנט, אַז איר ליגט דאָ און שלאָפֿט...

ר׳ גבֿריאל — איז געשטאַנען אַ ביסל ווי דערשראָקן. איצט פֿאַלט ער איר אין די רייד אַרײַן. יאָ, איר זײַט גערעכט. איך בין טאַקע דאָ געשלאָפֿן... נאָר איך האָב מיך דערמאָנט, אַז די פּאָטשט גייט הײַנט זייגער פֿיר אַוועק און איך האָב נאָך נייטיק געדאַרפֿט עטלעכע בריוו צו שרײַבן. בין איך געשווינד געלאָפֿן. אַ מערכה, וואָס איך האָב מיך דערמאָנט... נו, וואָס איז ווײַטער געווען?

סערקעלע — דערווײַל דערהער איך דאָ דעם הולטײַס, דעם אַכבראָשס קול. און איך זאָג אײַך דעם אמת, איך קען אים פֿון אייביק אָן נישט לײַדן. וואָרן גלייבט מיר, ער זאָל נאָר נישט דאַרפֿן מיט אַלטע־לעבן פֿראַנצייזעריש צו לערנען, העט איך אים, אָסור, גאָר נישט געוועזן צו מיר אין שטוב אַרײַנגעלאָזט, אוי, מײַנע כּוחות!

ר׳ גבֿריאל — רעדלעכן מיינט איר? אַהאַ, אַהאַ! אַוודאי זײַט איר גערעכט. אַזוי אַ קאַטשאַלאַפּ [70] קען נאָך אַ מאָל עפּעס אַוועק־טראָגן אויך, און דערנאָך גיי, שרײַ חי וקים...

---

[69] פּאַרטויבונג, האַלב פֿאַרחלשטער צושטאַנד. — [70] חבֿרה־מאַן.

סערקעלע — דערוויַיל טראַכט איך מיר: לאָמיך נאָר גיין זען, מיט וועמען ער שמועסט דאָס דאָרט אַזוי ערנסט. און הייב מיך אַזוי אויף און גיי צו דער טיר, און קוק מיר אַזוי גאַנץ שטיל צו, וואָס עס טוט זיך. וואָס זאָל איך אײַך דאָ, מײַן ליבער ר׳ גבֿריאל, אַ סך ברײַען[71]? איך האָב געמיינט, איך וועל שיִער אײַנגעזונקען. מאָלט אײַך אַזוי ווי דאָ, זי שטעלט ר׳ גבֿריאלן דאָ, ווו רעדלעך איז פֿריִער געשטאַנען. שטייט זיך ר׳ רעדלעך און האָרט נעבן אים די בעסטיע. זי שטעלט זיך נעבן ר׳ גבֿריאלן דאָ, ווו הינדע איז פֿריִער געשטאַנען. און ער נעמט זי אַלע מאָל אַרום און גלעט זי. זי נעמט ר׳ גבֿריאלן מיט ביידע הענט אַרום און גלעט אים. דערנאָך גיט ער איר גאָר אַ קוש... איך קוק און שוויַיג. זי שוויַיגט אַ ביסל. ער גיט איר דעם אַנדערן קוש... און איך קוק און שוויַיג. זי שוויַיגט ווידער אַ ביסל. ער גיט איר אָבער שוין דעם דריטן קוש... פֿאַרשטייט איר? און זי גיט אים אויך שוין איינעם... זי שוויַיגט אַ ביסל און קוקט־אָן ר׳ גבֿריאלן.

ר׳ גבֿריאל — פֿאַרדרייט זיך מיט דעם פּנים אַוועק פֿון סערקעלען און פֿאַרקרימט זיך, אַזוי ווי מען מיאוסט זיך פֿאַר עפּעס.

סערקעלע — נו, טראַכט איך מיר, אַזוי איז דאָס די מעשׂה? איצט איז די רעכטע צײַט, אַז איך זאָל אײַך וויַיזן, אַז איך בין אויך דאָ... וואָרן איך האָב דאָך, אומשטיינס געזאָגט, געזען אַז עס הייבט באַשײַמפּערלעך אָן צו גיין אין גרויסע גדולות אַרײַן. זי קלאַפּט זיך מיט דער האַנט איבער דעם מויל. אוי, מײַנע כּוחות! קום איך מיר פּלוצלינג אַרײַן צו גיין... מילא, אים האָב איך געמאַכט אַ סוף, אַז ער וועט שוין דאָס אַנדערע מאָל נישט דערלעבן צו קומען צו מיר אין מײַן הויז אַרײַן; זי אָבער האָט נאָך אַזוי אַ פֿאַרוואָשן פּנים און וויל מיר אײַנריידן, אַז דאָס, וואָס איך האָב מיט מײַנע כּשרע אויגן געזען, איז גאָר ליגנד, און וויל מיך אַלץ נאָך איבערבעטן...

---

[71] ריידן אָן אַ סדר, אָן אַ סוף.

ר׳ גבריאל — פֿאַלט איר אין די רייד אַריין. זײַט איר געגאַנגען און האָט זי געשלאָגן — נו, וואָס איז? איר האָט זי דאָך דאָ נישט געשלאָגן זי זאָל, חלילה, גיין גנבֿענען... און ס׳אַנדערע, עס שטייט דאָך בײַ אונדז טאַקע אַזוי געשריבן, אַז ווער עס וויל האָבן זײַן קינד זאָל זײַן גוט, דער שלאָגט עס מיט דער רוט...

סערקעלע — ניין, אָסור. געשלאָגן האָב איך זי, פֿראַוודע, נישט. נאָר עס האָט מיך זייער פֿאַרדראָסן, וואָס זי וויל מיך אַלץ נאָך אָפּשפּאַרן[72]; און ס׳אַנדערע, פֿאַר וואָס זאָל דאָס מײַן הויז, וואָס איז פֿון אייביק אָן, פֿון אָבֿות־אַבֿותינו, געווען פֿרום און גוט, דורך אַזוי אַן אויסוואָרפֿלינג[73] קומען אין לײַטישע מײַלער אַרײַן? האָב איך זי פֿאַר דאָס נאָר קוים וואָס אָנגערירט, איז זי אַנידערגעפֿאַלן — נו, לאָז זי פֿאַלן! זי מיינט, איך וועל מיך דאָ זייער מצער זײַן... לאָז זי פֿון מײַנעט וועגן זײַן די כפּרה פֿאַר אַלע ייִדישע קינדער.

ר׳ גבריאל — ווייסט איר, מחותנתטע־לעב... איר מעגט, כ׳לעבן, גומל בענטשן, וואָס ער האָט נישט אין איין וועגס נאָך עפּעס צוגענומען. וואָרן איך זאָג אײַך דעם אמת — איך פֿלעג מיך תּמיד צו חידושן, ווי איר לאָזט אים מיט דער ווינד[74] אַליין איבער אין שטוב. ער פֿלעגט דאָך אַזוי צו גיין איבער אַלעם גאָר ווי אַ באַלעבאָס.

סערקעלע — ווער האָט זיך געזאָלט פֿלוצלינג ריכטן אויף אַזוי אַ שלימזל? ער פֿלעגט דאָך צו מײַן ברודער, עליו השלום, זײַן זכות זאָל אונדז בײַשטיין, תּמיד אַרײַנצוקומען. און תּחילת, ווי ער האָט אָנגעהויבן צו מיר אַרײַנצוקומען, האָט ער אויך געסטאַטקעוועט[75]. און איך זאָג אײַך דעם רעכטן אמת, אַז עס האָט זיך מיר געדאַכט, איך ווייס פֿיל, מען קען אַ מאָל פֿון אַזוי אַ יונג האָבן אַ נוצן. אָט האָט ער געלערנט מיט אַלטע־לעבן, זאָל שטאַרק און געזונט זײַן, פֿראַנצייזעריש.

---

[72] אָפּלייקענען. — [73] אויסוואורף. — [74] שלאַק, אומגליק, צרה. — [75] זיך געהאַלטן סטאַטעטשנע, ווי אַ סטאַטעק, קאָרעקט, באַלעבאַטיש.

ר׳ גבֿריאל — עיקר שכחתי... ווו איז זי ערגעץ, מײַן כּלה? כ׳לעבן, אַז איך זע זי נישט אַ פּאָר שעה, הייב איך שוין אָן צו בענקען נאָך איר! איך ווייס, אָסור, נישט, ווי איך וועל אַ מאָל קענען אָוועקפֿאָרן פֿון איר?

סערקעלע — ווו אַהין ווילט איר דען פֿאָרן?

ר׳ גבֿריאל — לעת־עתּה אין ערגעץ נישט. נאָר בײַ אַזוי אַ סוחר ווי איך בין קען מען דאָך נישט וויסן — הײַנט איז מען דאָ און מאָרגן דאָרט, ווי אַ משׂא־ומתּן[76] פּאַלט־אויס.

סערקעלע — וואַרט, וועל איך זי אײַך דאָ תּיכּף אַרײַנשיקן. זי גייט־אַוועק.

צענטער אַריינקום

ר׳ גבריאל אַליין

ער קוקט־נאָך סערקעלען און מאַכט חוזק אויס איר. סערקעלעבן! ווו איז דײַן שטערנטיכל, העי? ער לאַכט שטאַרק. האַ־האַ־האַ! עס חלומט זיך איר אָבער נאָך גאָר נישט. ווי מיר דאַכט זיך, וועט דאָ רעדלעך, נעבעך, גאָר דאָס באָד אויסגיסן. אַ שאָד, כ׳לעבן — ער איז קיין שלעכטער יונג נישט. נאָר וואָס גייט דאָס מיך אָן? לאָז זיך טאָן, וואָס עס וויל. הײַנטיקע צײַטן איז קאָזדען סאָביע[77]. הײַנט באַדאַרף איך מסלק צו זײַן, מוז איך מיר אַן עצה געבן. אַז ער וועט דאַרפֿן מסלק צו זײַן, לאָז ער זיך ווידער אַן עצה געבן. דעם פּגר האָב איך, פּראַוודע, אויף זייער אַ גוט אָרט באַהאַלטן, נאָר ווי דערלעב איך שוין פּטור צו ווערן!... איך מוז נאָך הײַנט גיין זוכן עפּעס אַן אורח, אים דאָס שלימזל אָנצוהענגען. אין שטאָט טאָר עס איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל נישט בלײַבן. איך וועל, אָסור חזיר, נישט לאַנג שהיות מאַכן. וואָרן וויפֿל איך וועל נעמען, וועל איך אַלץ בײַ דעם

[76] געשעפֿט. — [77] (פּ׳) פֿאַר זיך.

משׂא־ומתּן נישט בדלות ווערן. ער לאַכט. האַ־האַ־האַ! ער בלײַבט שטיל און טראַכט. איך ווייס נישט, וואָס דאָס איז עפּעס אין דער וועלט: איך האָב דאָך אַמאָל געלערנט אין אַ חדר, פֿלעגט מיך דער מלמד טאָג און נאַכט צו שלאָגן, צו הרגענען, נאָר אַז איך זאָל באַגערן. נו, גוט, רבי־לעבן! איך וועל שוין באַגערן. קומט ווידער אַצינד, שרײַט דער עולם: „מען טאָר נישט קיין פֿרעמדס באַגערן"... נאַראָנים! מײַן אייגנס באַדאַרף איך דאָך נישט צו באַגערן! ער גיט אַ מאַך מיט דעם גראָבן פֿינגער, אַזוי ווי מען לערנט אַ פּשטל. נישמער זאָגט מען: נײן! מײַן רבי, ר׳ טרײַטל הויקער, האָט אַוודאי רעכט געהאַט, אַז באַגערן מיינט מען נאָר פֿרעמדס. און ווײַטער האָט מען שוין נישט צו קלערן — וואָרן קלער הײַנט, קלער מאָרגן, וועל איך אַלץ בלײַבן דער איי־גענער בעל־חוב וואָס פֿריִער. אָט אָ די בעלי־הלוואות זײַנען דאָס אַ ביסל עזות־פּנימער! אַז טאָג און נאַכט הערט מען זיי נישט מער נאָר מאָנען... זיי זאָלן דאָס אַ מאָל מיד ווערן! זיי לויפֿן מיר שוין גאָר נאָך אין די גאַסן און רײַסן מיר ממש די פּאָלעס אָפּ. איך זאָל פּלוצלינג גאָר אָפּגעבן, וואָס איך האָב בײַ זיי גענומען... נו, איז זשע דאָס נישט אַ קאָמעדיע? ממה נפֿשך, די קשיא: אַז איך זאָל ווידער אָפּגעבן, העט איך דאָך נישט געדאַרפֿט צו נעמען! און ס׳אַנדערע, ווען איך זאָל מיך נאָר ווערלן ערשט מיט זיי גוט באַחשבונען, בין איך, אָסור, גאָר אַזוי פֿיל ניט שולדיק, וויפֿל איך העט געקענט שול־דיק זײַן, אַז מען זאָל מיר נאָר ווערלן מער געטרויען. ער קוקט זיך פּלוצלינג אום און דערזעט אַלטעלען. גבֿריאל! פּתח שין!... ער פֿאַר־האַלט זיך מיט דער האַנט דאָס מויל און זאָגט אין דער שטיל. קוקט נאָר אָן דעם חן, וואָס די מאַכט!

עלפטער אַריינקום

ר׳ גבריאל, אַלטעלע

ר׳ גבֿריאל — גייט אַלטעלען אַנטקעגן און קושט איר די האַנט. האָט אײַנע די מאַמעניו געזאָגט, אַז איך בענק נאָך אײַנע?

אַלטעלע — יאָ, זי האָט מיר געזאָגט — גאָטט זיי דאַנק, דאָס וויר שאָן זאָ ווייט האַלטען.

ר' גבריאל — געלויבט צו גאָט! עס זאָל נאָר ווייטער אַזוי גיין, העטן מיר, אָסור, שוין גאָר נישט געהאָט צו זאָרגן!

אַלטעלע — ווערדען זי אַבער מיך איממער זוי ליב האָבען ווי יעצט?

ר' גבריאל — גיט אַלטעלען אַ קוש. וואָס פרעגן זי דאָ ערשט אַ קשיא? זי זיינען דאָך מיין גילדענע אַלטעניו!

אַלטעלע — איך ביטטע זי, מיין ליבער ברייטיגאָם — רופען זי מיך ניכט מעהר ביי דיזען יידישען אַבשייליכען נאָמען! פּפאָי! ווי אַלט בין איך דען גאָר?

ר' גבריאל — איך ווייס אַליין, זי זיינען נאָך גאָר אַ יינגיטש־קע מיידעלע, נאָר ווייל זי זיינען זייער איידל און ציטעריק, רופט מען זי „אַלטעלע", כדי זי זאָלן זיך האָדעווען, וואָרן דאָס איז אַ גוטע סגולה דערצו.

אַלטעלע — איך ווייס זעהר גוט, דאָס איך בין זעהר איינטעל געצויגען. איך וויללס אַבער דאָך הייסען „פרידעריקע" אונד זוי זאָללען זי מיך איממער רופען.

ר' גבריאל — אין דער שטיל צו זיך. פון מיינעט וועגן לאָז זי כאָטש הייסן איצינדערטיקע! הויך. נו, מיין לעבן, פון איצט אָן וועל איך זי שוין תמיד רופן מיינע האַרצעדיקע, קרוינעדיקע פריי־רעדיקע, יאָ?

אַלטעלע — אַבער ניכט פרירעדיקע, נור פרידעריקע. אונד זי, זי מיסען אייך איינען רעכט שעהנען דייטשען נאָמען האָבען, צום ביישפּיל... זיי בלייבן אַ ביסל שטיל, קוקן זיך איינס דאָס אַנדערע אָן און טראַכטן.

ר' גבריאל — אפשר... כאַפּריאל?

אַלטעלע — אָ, פּע! דער איזט ניכט שעהן!

ר' גבריאל — נו, ניין, ניין. זיי קוקן זיך ביידע ווידער אָן און טראַכטן. אפשר... האָווריליאָ?

אַלטעלע — אָ, ניין. דאָס איזט יאָ אײַן נאָמען ווי אונזער גרובע־הײַצער. ניין, ניין, לאָססען זי מיך נור זעלבסט נאַכדענקען. זי טראַכט נאָך, און ער פֿאַרשטעלט זיך מיט דער פֿאַטשיילע און לאַכט אין דער שטיל, און מאַכט אוים איר חוזק. זי גיט זיך אַ כאַפּ מיט שׂמחה. ווײסען זי! דער ווירד זעהר גוט זיין... גאַבריעללע! דאָס איזט אײַן שעהנער נאָמען. יאָ, יאָ, זוי מוס עס בלײַבען: גאַבריעללע מיססען זי הײַסען! איך האָבע דיזען שעהנען נאָמען שאָן וואָ אין אײַן בוך געזעהען. זי נעמט אים אַרום. מײַן ליבער גאַבריעללע הענדלער!

ר׳ גבֿריאל — אין דער שטיל. מזל־טובֿ מיט דעם נאָמען! ער נעמט זי אויך אַרום. מײַן גילדענע פֿרירע... ניין... פֿרידעריקעניו!

צוועלפטער אַריינקום

ר׳ גבֿריאל, אַלטעלע, ירחמיאל

ר׳ גבֿריאל — לויפֿט ירחמיאלן אַנטקעגן. וואָס ווילסטו שוין ווידער, וואָס?

ירחמיאל — קו־קו־קו־קומט שוין אַ־אַ־אַ־מאָל אַהיים אויך! אַ־אַ־אַז איר טשעפּעט אַ־אַ־יַך אָן אָ־אָ־אָן עפּעס, איז־איז אַ־אַ־אַ־אײַך נישט מעגלעך אַ־אַ־אַוועקצורײַ־יַי־יַיסן.

ר׳ גבֿריאל — נו, זאָג שויך, וואָס ווילסטו?

ירחמיאל — ר׳ שמואל טאַ־טאַ־טאַ־טאַ־טאַנדעטניק האָט אַ־אַ־אַ־יַיך שוין ווידער געזוכט.

ר׳ גבֿריאל — נו, וואָס? האָט ער מיר אָפּגעבראַכט די צוויי הונדערט קערבלעך? ער ווינקט אים, ער זאָל זאָגן „יאָ“.

ירחמיאל — אי, אי, גראַד פֿאַרקערט. ער האַ־אָט געזאָגט, אַ־אַ־אַז איר וועט אים הײַ־יַינט נישט אָ־אָפּגעבן די צוויי הו־הו־הונדערט קערבלעך, וואַ־אָס איר זײַט אים שולדיק, וועט ע־ער גיין אי־אי־אין די פּאָ־פּאָ־פּאָ...

ר׳ גבֿריאל — לאָזט אים ניט אויסריידן און ווינקט אים, ער זאָל שווייַגן. גיי, גיי, איך ווייס שוין, איך ווייס שוין!

ירחמיאל — ...פּאַ־פּאָ־פּאָ־פּאָליצייַ אַרייַן און וועט אַ־אַ־אַ־ייַך גאָר אויסרייַ־ייַ־ייַסן.

אַלטעלע — לאַכט זייער שטאַרק.

ר׳ גבֿריאל — נעמט־אָן ירחמיאלן בייַ דער האַנט און וואַרפט אים אַרויס דורך דער מיטלסטער טיר. גיי צו אַל די שוואַרצע יאָר!

ירחמיאל — גייט־אַוועק.

דרייצנטער אַריינקום

ר׳ גבריאל, אַלטעלע

ר׳ גבֿריאל — אַזוי לייַדט מען זיך אָן פֿון די משרתים... ער האָט גראָד פֿאַרקערט דערציילט ווי ר׳ שמואל, נעבעך, האָט אים געהייסן מיך בעטן. ער האָט, נעבעך, מיך געמוזט הייסן בעטן, אַז ער וועט מיר שוין הייַנט נישט אָפּגעבן די צוויי הונדערט קערבלעך, וועל איך אים שוין מעגן פֿאַרקלאָגן אין דער פּאָליצייַ אַרייַן.

אַלטעלע — לאַכט. האַ־האַ־האַ! איך האָבע זעהר גערן צוצו־הערען, ווי איהר בעדינטע שפּריכט. זי שפּעט אים נאָך. אין דער פּאַ־פּאַ־פּאָ־פּאָליצייַ אַרייַן... האַ־האַ־האַ־האַ!

ר׳ גבֿריאל — אין דער שטיל צו זיך. איך מוז איר זען גע־שווינד דעם פּיסק צו פֿאַרשטאָפּן — דער שוטה איז נאָך גאָר קאַ־פּאַבלט [78] דאָס דער מאַמעניו צו דערציילן. הויך. גילדענע פֿרידערי־קעניו! איך האָב אײַנע דאָ געבראַכט אַ מתנה, וועלן זי אַוודאי אַ גרויסע הנאה האָבן.

אַלטעלע — אָ, צייַגען זי נור, איך ביטטע איהנען.

[78] (פראַנצ׳) קאַפּאַבל, אין שטאַנד, בכוח, ביכולת, פעיִק.

ר׳ גבֿריאל — נעמט־אַרויס אַ פֿינגערל פֿון קעשענע און גיט איר עס. גיבן זי מיר נאָר דאָס גילדענע הענטעלע, וועל איך עס אינע אַליין אָנמעסטן.

אַלטעלע — גיט ר׳ גבֿריאלן די האַנט און ער מעסט איר אָן דאָס פֿינגערל.

ר׳ גבֿריאל — אוי, וויי, ווי שיין! זעען זי נאָר, ווי דאָס פֿינ־גערל שטייט אינע אָן! אוי, וויי, ווי קינצלעך!

אַלטעלע — פֿרייט זיך. איך דאַנקע איהנען. איך ביטטע איה־נען, מײַן ליבער גאַבריעללע, וואָס זינד דען דאָס פֿיר שטיינע?

ר׳ גבֿריאל — אַ, דאָס זײַנען זייער טײַערע שטיינער. אָבער, אמת, זיי זײַנען שיין? זעען זי, דער... דער איז אַ טאַפּאָז און די צוויי דאָ זײַנען גאַרפֿינקלען, און די איבעריקע זײַנען סאַמע שמערגאָזלעך און כאַפּטאָזלעך[79]. ער בייגט זיך אַוועק פֿון אַלטעלען און מאַכט חוזק אויס איר און לאַכט.

אַלטעלע — מײַן ליבער גאַבריעללע. יעצט וואַרטען זי. ווער־דע איך איהנען ווידער צײַגען, וואָס פֿיר אײַן פּרעזענט איך האַבע איהרענט וועגען. זי וויל אַוועקלויפֿן.

ר׳ גבֿריאל — האַלט זי צו און לאָזט זי נישט אַוועקגיין. נו, וואָס ווילן זי דאָ גראָד אַצינדערט? איך וועל נאָך שפּעטער אויך צײַט האָבן צו זען. איך גלייב אינע, עס איז אַוודאי שיין.

אַלטעלע — וואַרטען זי נור אײַנע מינוטע. איך ווערדע נור די מוטטער רופֿען. זי שרײַט גאַנץ הויך. מאַמעניו! מאַמעניו! מאַ־מעניו!

---

[79] אויסגעטראַכטע נעמען.

פּערצנטער אַריינקום

סערקעלע, אַלטעלע, ר׳ גבריאל

סערקעלע — וואָס שרײַסטו דאָ אַזוי, מײַן לעבן? וואָס ווילסטו, מײַן האַרץ?

אַלטעלע — זע נאָר, מאַמעניו, וואָס מײַן ברייטיגאַם האָט מיר געשענקט! זי ווײַזט איר דאָס פֿינגערל. איך ביטעט דיך, מאַמעניו! צײַג אים נור, וואָס דו האָסט אַללעס זײַנעט וועגען געקויפֿט.

סערקעלע — באַקוקט דאָס פֿינגערל און גיט עס ווידער אַלטעלען אָפּ. ווו וועל איך דאָ אַצינד גיין זוכן? עס ליגט דאָרט ערגעץ צווישן דעם צירונג פֿאַרפּאַקט, אוי, מײַנע כוחות!

אַלטעלע — גיט סערקעלען אַ קוש אין דער האַנט אַרײַן. איך ביטעט דיך, מאַמעניו, צײַג איהם, צײַג איהם באַלד!

ר׳ גבֿריאל — איז אַ ביסל ווי מבֿולבל געוואָרן. ע, ווי וועט זיך דאָ די מחותנתטע איצט מטריח זײַן! איך וועל נאָך שפּעטער אויך צײַט האָבן צו זען! לאָזט גיין! איך ווייס גאַנץ גוט, עס וועט מיר נישט פֿאַרפֿאַלן ווערן...

אַלטעלע — ניין, ניין, מאַמעניו! גאָלדענע מאַמעניו! געה, געה, צײַג אים גלײַך! זי נעמט זי אַרום און קושט זי.

סערקעלע — נו, נו, איך גיי שוין. זי גייט אין שלאָף־חדר אַרײַן.

ר׳ גבֿריאל — ביטער! ער בלײַבט שטיין גאַנץ מבֿולבל און פֿאַרטראַכט.

אַלטעלע — דאָ וועררדען זי עטוואָס שענעס זעהען. זי ווערדען בי עררשטען... איך זאָגע איהנען, עס איזט הערליך.

ר׳ גבֿריאל — אין דער שטיל, צו זיך. שלעכט, גבֿריאל! מאַך דיר אַ האַרץ!

סערקעלע — קומט צו לויפֿן פֿון דעם שלאָף־חדר, ברעכט זיך די הענט און שרײַט. אוי, וויי! געוואַלד! איך חלש! געוואַלד!

אַלטעלע — לויפֿט־צו צו סערקעלען. וואָס איז דאָס? זי שרײַט. געוואַלד! געוואַלד!
ר' גבֿריאל — שרײַט זייער. מחותּנתטע־לעב! וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס?

(ביידע מיט אַ מאָל)

סערקעלע — שרײַט זייער שטאַרק. געוואַלד! מען האָט מיך באַגנבֿעט. איך בין אַוועק! אוי, וויי מיר! וואָס וועל איך איצט אָנהייבן? וואָס וועל איך איצט טאָן? זי שרײַט נאָך העכער און שלאָגט זיך מיט ביידע פֿויסטן אין קאָפּ אַרײַן. אוי, וויי, מײַן האָב! מײַן פּראַצע! משה, משה, מען האָט דאָך אונדז, נעבעך, גאָר בדלות געשטעלט! געוואַלד! מײַן צירונג, מײַן צירונג, געוואַלד!

ר' גבֿריאל — אום גאָטעס ווילן, זאָגט נאָר מיר, וואָס פֿעלט אײַך, וואָס? זײַט איר געפֿאַלן? שרײַט נאָר נישט אַזוי! דאָס צירונג — זאָגט איר? עס איז אַוודאי דאָ... זוכט נאָר, זוכט נאָר גוט!

סערקעלע — קנײַפּט זיך מיט ביידע הענט אין די באַקן אַרײַן, ברעכט זיך די הענט און שלאָגט זיך אין קאָפּ אַרײַן, לויפֿט־אַרום אין שטוב און שרײַט, וואַרפֿט זיך אַנידער אויף דער קאַנאַפּע. אוי, פֿינצטער איז מײַן וועלט! דאָס גאַנצע קעסטל מיט צירונג איז נישטאָ! אוי, פּאַרוויסט איז מײַן לעבן! איך חלש! אוי, זוכטס, קינדער, זוכטס! אוי, געוואַלד! קומטס, קומטס, אָט אָ דאָרט איז עס געשטאַנען, אין שלאָף־חדר, אין מײַן בעט, צוקאָפּנס! קומטס, קומטס, לאָמיר זוכן, געוואַלד! זיי לויפֿן אַלע אין שלאָף־חדר אַרײַן. דער פֿאָרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ.

סוף פֿון דריטן אויפֿצי

פערטער אויפצי

די אייגענע שטוב ווי ביי דעם ערשטן אויפצי. עס איז נאַכט.
אויף דעם טיש ברענט זיך אַ ליכט.
ערשטער אַריינקום

סערקעלע, ר' גבריאל, זיי זיצן ביידע ביים טיש

סערקעלע — היינט זאָלן ווינען אין אַזוי אַ שטאָט! מען זאָל אין אַזוי אַ גרויסער שטאָט נישט קענען קריגן איין מענטש, וואָס ער זאָל מיר קענען עפּעס אַן עצה געבן!

ר' גבריאל — גלייבט מיר, מיין ליבע מחותנתטע־לעבן, אַז איך ווייס אייך אין דער זאַך גאָר נישט צו ראָטן. וואָרן ביי אַזוי אַן אינטערעס איז דאָס בעסטע, אַז מען טוט נאָר נאָך זיין אייגענעם שכל. וואָרן איר, זאָלט לעבן, ווייסט דאָך בעסער פון איטלעכן, ווי איר האָט געהאַט דאָס קעסטל שטיין און קענט אַלע אייערע הויזלייט און איינגייערס זייער גוט. נו, דאַכט זיך מיר, אַז איר וועט מיט אייער קלוגן שכל מער קענען פּועל זיין ווי אונדז אַלע.

סערקעלע — אוי, מיינע כּוחות! ווייסט איר, עס האָט מיך פון פריער אָן — אויף אַלע ווי־טע ווילדער געזאָגט! — אָנגעכאַפּט אין אַ זייט אַ קלעמעניש, אַז איך ווייס גאָר נישט, ווו איך בין ערגעץ אין דער וועלט. הערט זשע צו, מיין ליבער ר' גבריאל! איך האָב מיך גאָר אַנדערש מיישב געווען. מיין דעה העט געווען, אַז איר זאָלט אייך אַ ביסעלע מיט רעדלעכן צעשמועסן. נאָר פאַרשטייט איר מיך, אַזוי קלוג, טאַקע קלוג, אַז ער זאָל זיך גאָר נישט שטויסן. דאָס הייסט רעכט. איך באַדאַרף דאָך אייך נישט ערשט צו לערנען. און איך

וועל מיך אַליין נעמען צו הינדען און זי ווידער אַ ביסל אויספּאָרשן. און איך זאָג אײַך, אַז דאָס האַרץ זאָגט מיר אַלץ, אַז מיר וועל'מיר אַוודאי מיט גאָטס הילף אַלץ בײַ זיי געוויר ווערן.

ר' גבֿריאל — דאָס, זעט איר, מחותּנתטע־לעבּ, האָט מיר נישט פּאַראיבּל, רעדט איר ווי אַ קינד. וואָס מיינט איר: רעדלעך איז עפּעס אַ נאַר? רעדלעך וועט זיך נישט תּיכּף שטויסן, ווי איך וועל נאָר אָנהייבן מיט אים צו שמועסן, נאָך וואָס איך בין צו אים געקומען? ובפרט נאָך, אַז ער איז יאָ אַ גנבֿ, וועט ער זיך נישט היטן מיט איטלעכן וואָרט, וואָס ער וועט ריידן? איבּער דעם איז מײַן עצה גאָר אַנדערשט: אַז איר זאָלט לעת־עתּה גאָר אין גאַנצן לאָזן גיין און אײַך גאָר נישט וויסן מאַכן, אויב עס פֿעלט אײַך גאָר עפּעס, און איך בין אײַך בטוח, אַז אין אַ קורצער צײַט וועט אַלץ אַרויס־קומען ווי בוימל אויפֿן וואַסער. וואָרן דער גנבֿ וועט דאָך דאָס צירונג אַוודאי עמעצן וועלן פֿאַרקויפֿן. און ווער, זאָגט מיר נאָר, קען דאָס הי נישט אײַער צירונג? וועט מען אײַך אַוודאי אַלץ אָפּבּרענגען אין שטוב אַרײַן גאָר אומגעריכט.

פּערקעלע — נו, יאָ, איר זײַט אפשר גערעכט. מיינט איר אָבער, אַז איך וועל עס ביז דעמאָלט קענען אויסהאַלטן? וועל איך קענען רוען? וועל איך קענען לעבן? איז דאָס גאָר פֿאַר מײַנע כּוחות אַזוי אַ ווייטיק אויסצוהאַלטן? אָט גייט יום־טובֿ־לעב — אין וואָס גייט מען אין דער הייליקער שול אַרײַן? איך וועל דאָך אַפֿילו נישט אַ מאָל קענען אויף דער גאַס אַרויס מיך ווײַזן. אוי, מײַנע כּוחות!

ר' גבֿריאל — איך פֿאַרשטיי, אָסור, נישט. האָט מען אײַך דען גאָר דאָס גאַנצע צירונג אַוועקגעטראָגן? ווי קען מען ריידן, עס האָט דאָך אײַך פֿאָרט נאָך עפּעס געמוזט בלײַבן?!

פּערקעלע — וואָס טײַטש? ווי אַזוי האָט מיר געקענט בלײַבן, אַז מײַן גאַנץ צירונג איז געלעגן נאָר אין איין קעסטל און דער גנבֿ האָט עס אין גאַנצן צוגענומען, נו, ווי אַזוי איז מיר געבליבן? צו דעם אַלעם אָבער איז דער פֿינצטערער גזר־דין נאָך אַזוי גרויס, אַז דאָס האָט דווקא גראָד אין דעם טאָג געדאַרפֿט צו געשען, ווען דודס יאָר־

צײַט איז. און דער גנבֿ האָט דאָס נאָך אַזוי אָפּגעטשיפּערט[80], ווײַל ער האָט געוווּסט, אַז עס קומט אין דעם טאָג קיין שום שטיקל צירונג נישט אויף מײַן לײַב אַרויף! אוי, ווינד און ווי איז מיר! איך ווער דאָך שוין טאַקע שיר נישט משוגע פֿאַר צרות! און דאָס ערגסטע איז נאָך, אַז עס וויל מיר אַפֿילו קיינער קיין עצה נישט געבן, וואָס איך זאָל טאָן, אוי, מײַנע כּוחות! עס איז, כ׳לעבן, טאַקע אמת, אַז ווען דער וואָגן פֿאַלט, זײַנען די רעדער צו שווער.

ר׳ גבֿריאל — נו, אַדרבא, וואָס קען מען אײַך דאָ פֿאַר אַן עצה געבן? אָסור, אויב איך ווייס.

פּערקעלע — נו, בעט איך דאָך אײַך, פֿאָלגט מיך נאָר דאָס איינע און שמועסט מיט רעדלעכן. וואָס האָט איר מורא? ער וועט דאָך אײַך דאָ קיין פּאַטש נישט געבן. איך, ווייסט איין גאָט, קען דעם גנבֿ נישט אין פּנים אַרײַנקוקן.

ר׳ גבֿריאל — נו, ווייסט איר זשע וואָס, מחותּנתטע־לעבן? איך וועל אײַך שוין דאָס אויך צוליב טאָן, איר זאָלט דערנאָך נישט זאָגן אַזוי אָבער אַזוי. נאָר דאָס איינע וועל איך אײַך נאָך בעטן, אַז איר זאָלט מיר אויך עפּעס נאָכגעבן.

פּערקעלע — נו, זאָגט נאָר, זאָגט וואָס?

ר׳ גבֿריאל — איר זאָלט מוחל זײַן שיקן נאָך ר׳ יוחנן, אַז ער זאָל מיר אויך אַ ביסל העלפֿן, און איר מאָגט בטוח זײַן, אַז איך וועל מיט אים בײַנאַנד דעם בחור אויספֿרעגן, וועלן מיר אַוודאי פֿון אים געוווּיר ווערן אַפֿילו דאָס, וואָס ער האָט אונטער דעם לעבער. וואָרן וואָס צוויי איז פֿאָרט נישט איינער.

פּערקעלע — יאָ, דאָס איז אמת, נאָר ווען קען דאָס זײַן?

ר׳ גבֿריאל — ווען איר ווילט, פֿון מײַנעט וועגן כאָטש נאָך הײַנט.

פּערקעלע — נו, גוט, אָט גיי איך תּיכּף שיקן נאָך ר׳ יוחנן,

---

[80] אויסגעתשבונט, אָפּגעאַרבעט, אויסגעמאַרקירט.

און איר קענט איַך דאָביידע אָנידערזעצן און אים לאָזן אַרײַנרופֿן. איך וויל אַפֿילו גאָר נישט דערבײַ זײַן. זי הייבט זיך אויף און אַוועקצוגיין.

ר׳ גבֿריאל — ווו איז ער דען, דער בחור? ער איז דאָך אַוודאי בײַ זיך אין דער היים! ווער ווייס, אויב ער וועט גאָר וועלן אַהערקומען?

סערקעלע — ע, וואָס רעדט איר! ער איז שוין דאָ בײַ מיר, דער אַכבראָש! איך האָב מורא געהאַט פֿאַר דעם, אַז ער וועט נישט קומען, האָב איך אים געלאָזט אַהער פֿאַרנאַרן און האָב אים געהייסן זאָגן, אַז מײַן משה רופֿט אים... און ווי ער איז אַהער געקומען, האָב איך אים שוין נישט מער געלאָזט אַהיים. און אַזוי זיצט ער דרינען, אין קיכשטוב, און צוויי שמשים פּילנעווען[81] אים.

ר׳ גבֿריאל — דאָס האָט איר זייער גלײַך געטאָן. איצט אָבער מאַכט זשע שוין גאָר קיין שהיות נישט און שיקט תּיכּף נאָך ר׳ יוחנן, וואָרן עס וועט שפּעט ווערן. און זײַט אים טאַקע מודיע נאָך וואָס. און גרייט־אָן עפּעס אַ טרונק, כּדי ער זאָל גיכער קומען, וואָרן ער האָט דאָס נישט פֿײַנט.

סערקעלע — איך וועל שוין דאָ אַלץ אַרײַנשיקן. זי וויל אַוועקגיין.

ר׳ גבֿריאל — עיקר שכחתּי. קומט נאָר צוריק, נאָך איינס האָב איך אײַך צו פֿרעגן.

סערקעלע — קערט זיך אום צוריק. וואָס נאָך ווילט איר, וואָס?

ר׳ גבֿריאל — וואָס וועט אָבער זײַן, אַז רעדלעך וועט זײַן אַזוי אַ קלוגער יונג און וועט זיך האַלטן בײַ איין וואָרט? וואָס וועט איר טאָן, אַז ער וועט נישט וועלן מודה זײַן דעם אמת, העט?

סערקעלע — פֿאַר דעם זאָרגט אײַך גאָר נישט! אַז ער וועט דאָ נישט וועלן מודה זײַן, וועט ער שוין ערגעץ אַנדערש מודה זײַן! טוט איר נאָר דאָס אײַעריקע און זאָרגט אײַך גאָר נישט פֿאַר מיר; איך וועל שוין טאָן דאָס מײַניקע. זי גייט־אַוועק.

---

[81] היטן.

צווייטער אַריינקום

ר׳ גבריאל אַליין

פֿאַר איר כּוח זאָל זי דאָס האָבן, וואָס זי וועט ביי אים אויס־פֿאַרשן. רעדלעכן האָט זיך אויך גראָד דעמאָלט פֿאַרגלוסט אַהער צו קומען מיט היגדען זיך צו שפּילן! דאָ וועט שוין גאָר נישט העלפֿן: אַז זי האָט זיך איין מאָל איינגערעדט, אַז רעדלעך האָט זי באַגנבֿעט, איז שוין אַן עק. און אַז עס זאָל דאָ אַפֿילו שוין קומען דער נשׂיא פֿון בבֿל, וועט ער איר דאָס אויך שוין נישט קענען אויסריידן. אַ רחמנות, כ׳לעבן! זי וועט אים אַוודאי אָנטאָן געברוינטע לייד. ער וועט זיך דאָס, נעבעך, אַ קריעה רייסן! נאָר קיליקאָווער משפּט[82]! איך מוז אָבער פֿאַרט זען אים עפּעס אַ טובֿה צו טאָן. איך מוז זי זען צו בעטן, אַז זי זאָל אים כאָטש נישט אָפּגעבן אין קרימינאַל אַריין. איך ווייס אָסור נישט, וואָס מען הייבט דאָ אָן מיט אים צו ריידן! נאָר עס וועט דאָך זיין אַ קערמעש[83]. זי מיינט, אַז פֿון ר׳ יוחננס וועגן האָב איך דאָס געהייסן אָנגרייטן אַ שוועך[84]. נייך, נייך, איך אַליין, נעבעך, באַדאַרף די מעשׂה! גבֿריאל, מאַך זיך אַ האַרץ!

דריטער אַריינקום

ר׳ גבריאל, ר׳ יוחנן, חיים מיט אַ לאַנטער, אַ פֿלאַש מעד און צוויי גלעזער

ר׳ יוחנן — גוטן אָוונט אייך, ר׳ גבֿריאל!
ר׳ גבֿריאל — גוטן אָוונט, גוט יאָר, ברוך־הבא, ר׳ יוחנן!

---

[82] אין קוליקאָוו, ביי לעמבערג, האָט מען אַ שוסטער פֿאַרמשפּט צו ווערן אויפגעהאָנגען, אָבער אַזוי ווי אין שטעטל איז געווען בלויז איין שוסטער, דאַקעגן זיינען געווען צוויי שניידערס, האָט מען אַנשטאָט דעם שוסטער אויפֿגעהאָנגען אַ שניידער. — [83] שמחהלע. — [84] משקה.

ר׳ יוחנן — צו חיימען. גיי זשע און רוף אים אַרײַן און זאָג אים גאָר נישט, ווער עס רופֿט אים. הערסטו?

חיים — גייט אַוועק. גוט.

ר׳ יוחנן — דעם משׂא־ומתּן, אַט אַ פּנים, האָב איך אײַך צו פֿאַרדאַנקען. איר האָט דאָס געמוזט נאַראַיען[85], מען זאָל שיקן נאָך מיר.

ר׳ גבֿריאל — ווער, איך? אָסור! איך ווייס מער נישט, סערקע האָט מיך געשיקט אַהער רופֿן. און ווי איך בין געקומען, האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי האָט שוין נאָך אײַך אויך געשיקט: אַז מיר זאָל׳מיר דאָ זען ביידע בײַ רעדלעכן אויסצופֿאָרשן, אויב ער האָט איר קעסטל צירונג גענומען. און ס׳אַנדערע, וואָס אַרט אײַך דאָס? אָט, מעד איז דאָ גענוג.

ר׳ יוחנן — יאָ, דאָס איז שוין רעכט. ער זעצט זיך און גיסט־אָן ביידע גלעזער. נאָר נאָך וואָס האָט מיר דאָס געטויגט? איך זאָג אײַך דעם אמת, עס וועט דער גאַנצער שטאָט פֿאַרדריסן, מען זאָל פּלוצלינג נעמען אַן ערלעכן יונג און אים מאַכן פֿאַר אַ גנבֿ. קומט מײַן שמועה אַפֿיר, איך קום אויך הי אין נגידישע הײַזער אַרײַן און האָב אים עטלעכע מאָל געהערט לויבן פֿאַר אַן ערלעכן סטודענט. אַפֿילו ר׳ דוד, עליו השלום, האָט זיך אַ מאָל אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט, אַז ער וויל אים גאָר נעמען פֿאַר אַן איידעם. איך האָב מיך דעמאָלט געריכט אַ סך שדכנות צו פֿאַרדינען.

ר׳ גבֿריאל — נו, עס איז דאָך אָבער שוין פֿאַרפֿאַלן. גלייבט מיר, אַז די גאַנצע מעשׂה איז מיר אַליין אויך נישט ניחא. און איך האָב, כ׳לעבן, חרטה וואָס איך האָב דער מחותּנתטע גאָר צוגעזאָגט מיך צו פֿאַרען אַרום דעם עסק. נאָר מיר זײַנען דאָך שוין אין דער אַרבעט, מען קען דאָך עס שוין נישט בעסער מאַכן. ער טרינקט. לחיים, ר׳ יוחנן!

---

[85] רעקאָמענדירן.

ר׳ יוחנן — לחיים ולבֿרכה! ער טרינקט. קיין חיות נישט פֿון אַ גלעזל מעד.

פּערטער אַריינקום

ר׳ יוחנן, ר׳ גבֿריאל, רעדלעך, צוויי שמשים פֿירן אים

רעדלעך — וואָס ווילט איהר פֿאָן מיר? וואָהין פֿיהרט איהר מיך?

ר׳ יוחנן — האָב נאָר גאָר קיין מורא נישט. אונדז וועל׳מיר דיר דאָ גאָר נישט טאָן. צו די שמשים. און עס גייטס אייך צוריק אַריין. אַז מען וועט אייך דאַרפֿן, וועט מען אייך שוין אַריינרופֿן.

שמשים — גייען־אַוועק.

ר׳ גבֿריאל — צו רעדלעכן. זעצט אייך אַנידער. צו ר׳ יוחנן. ווי געפֿעלט אייך דער משרת, דער שוטה! נאָר צוויי גלעזלעך האָט ער אַריינגעבראַכט! ער טרינקט־אויס זיין גלעזל מעד. גיסט ווידער אָן און גיט רעדלעכן. טרינקט אַ גוט גלעזל מעד!

רעדלעך — איך דאַנקע איהנען, איך טרינקע קיינע גייסטיגע געטרענקע [86].

ר׳ גבֿריאל — נישקשה, טרינקט, טרינקט! איר שטודירט דאָך דאָקטעריי. עס מוז דאָך ביי אייך אין די ביכער אויך שטיין געשריבן, אַז מעד איז זייער אַ געזונטע משקה?

ר׳ יוחנן — נו, וואָס נייט איר אים דאָ? קומט מיין שמועה אָפּיר, פֿרעגטס נישט דעם רופֿא נאָר דעם חולה. מיר, צו מיינע מע־רידן, ווייס איך, מאַכט דער מעד זייער גוט. פֿון דעסט וועגן האָב איך פֿיינט, אַז מען נייט מיך, איך זאָל דווקא טרינקען. ער טרינקט.

ר׳ גבֿריאל — צו זיך אין דער שטיל. אָסור, אויב איך ווייס, וואָס איך זאָל דאָ גאָר אָנהייבן צו שמועסן. ער טרינקט [87].

---

[86] הייסע געטראַנקען, אַלקאָהאָל. — [87] דער דאָזיקער רעפּליק, וואָס פעלט אין מ. וויינרייכס ווערסיע פון 1925, געפינט זיך אין דער וואַרשעווער אויסגאַבע פון 1875.

ר׳ יוחנן — צי דאַכט זיך מיר, איך האָב דיך אַמאָל געזען אויבן ביי ר׳ יצחק רויטפּעלד?

רעדלעך — מעגליך.

ר׳ יוחנן — פּלעגסטו דאָרט אָפּט אַריינצוקומען?

רעדלעך — ווען עס מיר די צייט ערלויבטע.

ר׳ יוחנן — דו האָסט דאָרט עמעצן געמוזט געבן אַ שעה?

רעדלעך — ניין.

ר׳ יוחנן — וואָס דען ביסטו דאָרט געווען פאַר אַ מחותן?

רעדלעך — ער איזט מיט מיר אויס איינער שטאָדט אונד איזט צוגלייך מיין בעסטער פריינד.

ר׳ יוחנן — דיין פריינד? אָך איז מיר! ר׳ יצחק רויטפּעלד — דיין פריינד? ווי קומסטו צו אים? דו רעדסט דאָך עפּעס נאַרישקייט! ער איז אַ גרויסער עושר און פון שיינע לייט דערצו, כאָטש ער גייט דייטש! מילא, ווי קומסטו צו אים?

רעדלעך — ער פּלעגט מיט מיינעם זעליגען[88] פאָטער אין דער אינטימסטער פריינדשאַפט צו לעבען אונד איזט עס נון מיט מיר.

ר׳ יוחנן — דיין טאַטע האָט געהייסן זעליג?

רעדלעך — מיין פאָטער וואַר ר׳ סאַלאָמאָן רעדליך אויס פּראַג.

ר׳ יוחנן — ר׳ זלמן רעדלעך פון פראָג? איך האָב אויך אַמאָל פסח געהאַלטן אין פּראָג ביי איינעם ר׳ זלמן רעדלעך. נאָר, קומט מיין שמועה אַפיר, איין רויטע קו איז פאַראַנען? מסתמא האָבן דאָרט געמוזט זיין צוויי ר׳ זלמן רעדלעכס. וואָרן דער, וואָס איך האָב ביי אים געגעסן פסח, איז געווען אַ גרויסער גביר, אַ גרויסער אַדיר, און צו דעם זייער אַ כשרער ייִד, כאָטש ער איז געגאַנגען דייטש. איך האָב מיר דאָרט ביי אים געהאַט אַ קינצלעכן יום־טובֿ! די מאַכלים, די משקאות! עס איז עפּעס געווען אין איטלעכן טויזנט טעמים. און אַלץ אין זילבערנע כלים! איך געדענק אַזוי ווי הײַנט, מען האָט דעם

---

[88] הייליקן (הייליק זיין אַנדענק).

אַנדערן טאָג פּסח אין דער פרי אויפגעגעבן אויפן טיש אַ צימעס — דאָרט אין טיף דײַטשלאַנד רופן זיי עס אָן אויף דײַטש „אַ צאַמאַס“ — קען איך בנאמנות שווערן, אַז דער טעם ליגט מיר נאָך אין מויל. און ווער שמועסט נאָך דעם עסן, האָט דער מענטש אַ ביסל אָנגעהויבן צו שיטן מיט תּורה, מעגט איר מיר גלייבן, קומט מײַן שמועה אַפּיר, מען קען דאָך נישט אַלץ אַזוי געדענקען, אָבער איך זאָג אײַך, איך בין גאָר נבֿהל ונשתּומם געוואָרן — עס איז עפּעס געווען מתוק מדבֿש! ער טרינקט.

ר׳ גבֿריאל — צו זיך, אין דער שטיל. **דער טעם פֿון דעם צאַמאַס ליגט אים נאָך אין מויל און די תּורה קען ער נישט געדענקען!**

ר׳ יוחנן — און איסרו־חג, צום געזעגענען, האָב איך נאָך געקריגן זייער אַ פֿײַנעם צידה לדרך. איך זאָג אײַך, איך האָב פֿון דעם ר׳ זלמן אַזוי מקבל תּענוג געווען, וואָס איך קען אײַך גאָר נישט דערציילן אַזוי פֿיל. מילא, אַז דו ביסט יאָ אַ פּרעגער, האָסטו דאָך אים געמוזט קענען? זײַן ווײַב האָט געהייסן לאה. זי מעג הייסן לאה, וואָרן אַזוי אַ צנועה, אַזוי אַן אשה כּשרה איז גאָר בײַ אונדז נישט בנמצא. האָסטו זיי געקענט?

רעדלעך — ווישט זיך אויס די אויגן און וויינט. **אָ, ליידער זינד זיי ביידע ניכט מעהר.**

ר׳ יוחנן — אַזוי? זיי זײַנען גאָר אַרויס פֿון פּראָג? עס איז מיר אַפֿילו אַ גרויס חידוש: צו האָבן זעלכע נחלאות אין אַזוי אַ גרויסער שטאָט, ווי פּראָג איז, און זיך פּלוצלינג גאָר פֿון העלער הויט אויסצוציִען? ווו וווינען זיי אַצינד?

רעדלעך — וויינט זייער שטאַרק און ווײַזט מיט דעם פֿינגער אַרויף צום הימל. **דאָרט** [89] **וואָ יעדער אונטערשיד אויפֿהערט. דאָרט**

[89] /דער גאַנצער רעפּליק ווערט דאַ איבערגעגעבן אין יידיש/ ווו עס הערט אויף יעדער חילוק. דאָרט ווו יעדער ווערט באַלוינט כּפי די אמתע פֿאַרדינסטן. דאָרט וווהין יעדער מענטש מוז אוועקגיין, איבערלאָזנדיק דאַ די וועלטלעכע פֿאַרמעגנס.

וואָ יעדער נאָך וואַהרען פּערדינסטען בעלאָהנט ווירד. דאָרט, וואָהין, די וועלטליכען גיטער היר צוריקלאַססענד, יעדער מענש וואַנדערן מוס.

ר׳ יוחנן — וואָס? ר׳ זלמן איז געשטאָרבן? ברוך דיין אמת! אָ, וואַ, אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד, כ׳לעבן! אַ כשרער ייד געוועזן. און לאה אויך? דאָס הייסט אַ צרה, רחמנא ליצלן! ער איז זיך אַ ביסל מיישבֿ. מילא, זאָג זשע מיר נאָר, איך בעט דיך, עס האָט עפּעס גע־מוזט איבערבלייבן אַ בחורל נאָך זיי? קומט מיין שמועה אָפּיר, איך דערמאָן מיך נאָך אַזוי ווי היינט, איך האָב דאָרט געזען זייער אַ שיין יינגעלע ביים טיש זיצן... ווו איז עס, נעבעך, אַהינגעקומען?

רעדלעך — ווישט זיך אויס די אויגן. אָ[90], דיזעס בחורל האָט ניכט נור אַללייז זיינע בראַפּע, ליבענסווירדיגע עלטערען, זאָנ־דערן אויך איהר גאַנצעס הינטערלאַססענעס פּערמעגען דורך פּערשי־דענע אונגליקספּעללע פּערלאָרען אונד שטעהט יעצט אויף דען פּונקט אויך זיינען גוטען רוף צו פּערלירען.

ר׳ יוחנן — וואָס? דאָס פּאַרמעגן האָט ער אין גאַנצן אָנגעווירן? איך בין אַוועק[91], אַזוי אַן עשירות! אַזוי אַ האָב, ווי אין דעם הויז האָט געשטעקט! אָ, וואַ! ווייסטו, איך פלאָץ שיער פּאַר עגמת־נפש! ער טרינקט. מילא, זאָג מיר נאָר, זאָלסט מיר געזונט זיין, ווער איז דאָס דער גוטער רבֿ, וואָס דו זאָגסט עפּעס, אַז דער קליינער וועט אים פּאַרלירן?

רעדלעך — איך רעדע היר פאָן קיינען רבֿ, זאָנדערן פאָן דען גוטען רוף, דאָס הייסט, פאָן דען שם טובֿ, דען דער יונגע רעדליך יעצט פּערלירען זאָלל.

---

[90] /דער גאַנצער רעפּליק אין יודיש/ אָ, דאָס דאָזיקע בחורל האָט נישט בלויז זיינע ווילע, ליבע עלטערן, נאָר אויך זייער גאַנץ איבערגעלאָזט פּאַר־מעגן פאַרלוירן דורך פאַרשיידענע אומגליק־פאַלן און געפינט זיך איצט אין אַ מצב אויך צו פאַרלירן זיין גוטן שם („רוף״, אויף דייטש). — [91] איך קען נישט אויסהאַלטן!

ר׳ יוחנן — דעם שם טובֿ מיינסטו? דערצייל מיר נאַר, איך בעט דיך, ווי אַזוי פֿאַרלירט מען דאָס אַ שם טובֿ? (ער טרינקט.)

ר׳ גבֿריאל — (טרינקט אויך.) פֿון דעסט וועגן באַדאַרפֿט איר נישט אַזוי צו וויינען, מײַן ליבער ר׳ רעדלעך. וואָרן מאַלע עס שטאַרבט אין שטאָט אַן עושר אָדער אַ שיינער ייִד, פֿון דעסט וועגן יאָמערט מען גאָר נישט אַזוי שטאַרק.

רעדלעך — הערען זי ערשט [92], דאַן ווערדען זי צו אורטײַלען וויסען. דיזער ר׳ סאַלאַמאַן רעדליך זאַמט זײַנער פֿרוי לאה זינד, נאַכדעם זי צוויי יאַהרע בעשטענדיג קראַנק וואַרען, אין איינעם מאָ־נאַטע געשטאָרבען. נאַך וועהרענד איהרעס לעבענס ערבטען די בע־ריהמטעסטען ערצטע אונד אַפּאָטהעקער די איינע העלפֿטע איהרעס

---

[92] /דער גאַנצער רעפּליק, רעדלעכס, ווערט דאָ געגעבן אין ייִדישער איבערזעצונג/. קודם הערט, נאָך דעם וועט איר קענען אַרויסזאָגן אַ מיינונג. דער דאָזיקער ר׳ סאַלאָמאָן רעדלעך צוזאַמען מיט זיין פרוי לאה זיינען, נאָך דעם ווי זיי זיינען צוויי יאָר כסדר קראַנק געווען, געשטאָרבן אין איין חודש. נאָך בעת זייער לעבן האָבן די באַרימטסטע דאָקטוירים און אַפּטייקערס גע־ירשנט אַ העלפט פון זייער פאַרמעגן, אַזוי ווי די אַדוואָקאַטן די אַנדערע העלפט נאָך זייער טויט, און זייער איבערגעבליבן בחורל איז געצוווּנגען געווען אָנצוקומען צו דעם חסד פון אַ פרעמדן מיט דעם נאָמען ר׳ דוד גוטהערץ, וועלכער איז געווען זיינע עלטערנס אַן אַלטער באַקאַנטער. דער דאָזיקער ר׳ דוד האָט גענומען צו זיך דאָס דאָזיקע קינד און האָט פאַרטראָטן ביי אים דעם פאָטערס אָרט. אָבער דער כוס פון די צרות איז נאָך נישט פול געווען צום אַריבערגעגאָסן ווערן, איז עס דער השגחה עליונה געפעלן געוואָרן אים אָנצופילן מיט די טייערסטע פון זיינע איצטיקע זעלטענע חפצים: דהיינו, דער דאָזיקער ר׳ דוד גוטהערץ איז פּלוצלינג געשטאָרבן אויף זיין רייזע קיין אַמע־ריקע און ער האָט באַשטימט זיין שוועסטער סערקעלע פאַר די אוניווערסאַל יורשטע פון זיין גאַנצן פאַרמעגן. מחמת דעם האָט דער דאָזיקער איינציקער זון פון דעם ר׳ סאַלאָמאָן רעדלעך געמוזט שווער פאַרדינען זיין שטיקל ברויט דורך געבן לעקציעס. איינע פון די דאָזיקע לעקציעס האָט ער געהאַט ביי דער דערמאָנטער סערקעלע... (ער טוט זיך פלוצלינג אַ שטעל־אויף) ער שטייט איצט פאַר אייך און איז באַשולדיקט דורך דער דאָזיקער סערקעלע אין אַ מיאוסער גנבה. (ער וויינט).

פֿערמעגענס, זאָ ווי די אַדפֿאָקאַטען די אַנדערע העלפֿטע נאַך איהרעם טאָדע, אונד איהר צוריקגעלאַססענעס בחורל וואורדע גענעטהיגעט צו דער מילדטעטיגקייט איינעס פֿרעמדען, נאַמענס ר׳ דוד גוטהערץ, דער איין אַלטער בעקאַנטער זיינער עלטערען וואַר, זיינע צופֿלוכט צו נעהמען. דיזער ר׳ דוד נאַם זיך דיזעס קינדעס אַן אונד פֿערטראַט בײַ דיזעס די פֿאַטערשטעללע. אַלס אַבער דער קעלך דער ליידען נאָך ניכט צום איבערפֿליסען פֿאָלל וואַר, זאָ געפֿיל עס דער פֿאָרזעהונג, איהן מיט דען טהײַערסטען זײַנער יעצטיגען קאָסטבאַרקייטן צו ערפֿיללען: נעהמליך, דיזער ר׳ דוד גוטהערץ שטאַרבט פּלוצליך אויף זײַנער רײַזע נאַך אַמעריקאַ אונד זעטצטע זײַנע שוועסטער סערקעלע אַלס אוניווערזאַל־ערבין זײַנעס גאַנצען פֿערמעגענס אײַן. נון, מוסטע דיזער איינציגע זאָהן דעס ר׳ סאַלאָמאָן רעדליך זײַן שטיקכען בראָט מיטטעלסט לעקציאָנען געבען מיהזאַם פֿערדינען. איינע דיזער לעקציאָנען האַטטע ער בײַ גענאַנטער סערקעלע צו געבען... ער גיט זיך פּלוצלינג אַ שטעל־אויף פֿאַר ר׳ יוחנן. אונד שטעהט יעצט פֿאָר איהנען, פֿאָן דיזער סערקעלע איינעס שענדליכען דיבשטאַהלס בעשולדיגט. ער וויינט.

אַלע — בלײַבן זיצן אַ פּאָר מינוטן גאָר שטיל.

ר׳ גבֿריאל — מילא, האָט דאָך עפּעס אַ פּנים, אַז איר אַליין זײַט דאָס ר׳ זלמנס זון?

ר׳ יוחנן — וואָס? דו ביסט דאָס ר׳ זלמנס בן־יחיד?

רעדלעך — ליידער בין איך עס זעלבסט. ער וויינט און פֿאַרדעקט זיך דאָס פּנים מיט אַ פֿאַטשיילע.

אַלע — בלײַבן ווידער זיצן אַ פּאָר מינוטן שטיל.

ר׳ גבֿריאל — צו זיך אין דער שטיל. גבֿריאל! געדענק אין דיר אַליין, למען־השם, מאַך דיר אַ האַרץ! ער טרינקט. דער מעד איז זייער גוט. טרינקט, ר׳ יוחנן!

ר׳ יוחנן — טרינקט, צו רעדלעכן: לחיים, ר׳ זלמנס זון! ער טרינקט־אויס, גיסט ווידער אָן און גיט רעדלעכן. טרינק, כ׳לעבן,

אַ גלעזל מעד! טרינק, טרינק, וועסט אַ הנאה האָבן! דער מעד איז אַ ביסל מחיה. טרינק, איך בעט דיך!

רעדלעך — איך דאַנקע איהנען, איך טרינקע וואַרהאַפּטיג קיינע גײַסטיגע געטרענקע.

ר׳ יוחנן — נו, קומט מײַן שמועה אָפּיר, עס איז תמיד זייער גוט, אַז מען צעשמועסט זיך אַ ביסל. זאָג זשע מיר איצט אָבער, אַדרבא, אַז דו ביסט יאָ ר׳ זלמנס זון, אַז איך האָב יאָ געקענט דײַן טאַטן און דײַן מאַמען — פֿון וואַנען קומט דאָס, אַז דו זאָלסט אַזוי אַ נישט שיינע זאַך טאָן? מאָל דיר, דו האָסט דאָך אַוודאי אַמאָל געמוזט לערנען חומש, און ווייסט דאָך, אַז עס שטייט בײַ אונדז אין דער הייליקער תּורה אָנגעשריבן „לא תגנובֿ"... קומט מײַן שמועה אָפּיר, דאָס איז דאָך עפּעס גאָר קיין שטייגער נישט... און אַז עס גייט שוין אַ מענטשן יאָ אַ מאָל שלעכט, מוז ער שוין פֿאַר דאָס ווערן אַ גנבֿ?

ר׳ גבֿריאל — אַוודאי איז אמת, שיקט זיך דאָס גאָר פֿאַר אַזוי אַ יונגן מאַן ווי איר זײַט?

רעדלעך — הערען[93] זי, מײַן ליבער ר׳ גבֿריאל! איך זאָללטע

---

[93] /אָט דער גאַנצער רעפּליק, ביזן סוף, ווערט איבערגעזעצט אין יידיש/, הערט, מיין ליבער גבריאל! איך האָב אייגנטלעך בדעה געהאַט — היות איך ווייס זייער גוט, אַז אַלע מיינע רייד וועלן זיין אַרויסגעוואָרפן — צו לאָזן אייער פראַגע אָן אַן ענטפער. ווייל איך ווייס זייער גוט, אַז מחמת פאָראורטייל האַלט איר יעדן יידישן סטודענט פאַר אַ מענטש, וועלכער איז פעיק צו באַגיין יעדעס אומרעכט, אַפילו יעדעס פאַרברעכן, אָן שום געוויסנסביסן. און איך האָב דעריבער געוואָלט מיר איינשפּאָרן רייד. אָבער דאָס זעלבסטבאַוווסטזיין, אַז מען קאָן זיך שטעלן פאַר דעם אַלמעכטיקן גאָט מיט אַ ריין געוויסן, איז אויך גאַנץ גענוג צו איבערצייגן דעם קורצזיכטיקן מענטש אין זיין אומשולד. און איז עס דען נישט אַ חוב פון יעדן איינעם אויך פאַר אים זיך צו רעכט־פאַרטיקן און ווי ווייט מעגלעך זיך צו פאַרטיידיקן? בכן, מיין ליבער ר׳ יוחנן, נאָר דער דאָזיקער חוב צווינגט מיך דאָ אָדער אין דער הייליקער שול, אין דער אָנוועזנהייט פון דעם היגן חשובן ראַבינער, אויפצווייזן דורך אַ הייליקער שבועה מיין אומשולדיקייט.

אייגנטליך, אינדעם עס מיר זעהר גוט בעוווסט איזט, דאָס אַללע מײַנע וואָרטע פּרוכטלאָז בלײַבען ווערדען, איהרע פּראַגע אונבעאַנטוואָרטעט לאַססען, דען איך וויס זעהר גוט, דאָס איהר אויס פֿאָראורטייל יעדען יידישען סטודענטען פֿיר איינען מענשען האַלטעט, דער יעדעס אונרעכט, יאַ זאָגאַר יעדעס לאַסטער, גאַנץ אָהנע געוויססענסביסע אויסצואיבען פֿעהיג זיי, אונד זאָללטע דאַרום שאָן מײַנע וואָרטע שפּאַרען. אַללײן איזט יענע זעלבסטבעוווסטהייט, דאָס מאַן פֿאַר דעם אַלמעכטיגען גאָטט מיט רײַנעם געוויססען ערשײַנען קעננע, אויך הינרײַכענד גענוג, דעם קורצזיכטיגען מענשען פֿאַר זײַנער אונשולד צו איבערצײַגען. אונד איזט עס דען ניכט אײַנעס יעדען פּפליכט, זיך אויך פֿאַר דיזעם צו רעכטפּערטיגען, אונד, ווי ווייט מעגליך איזט, צו פּערטיידיגען? אַלזאָ, מײַן ליבער ר׳ יוחנן, נור דיזע פּפליכט אַללײן איזט עס, וועלכע מיך דאַצו נעטיגעט, היר אָדער אין דער הייליגען שולע בײַ אַללעם, וואָס נור הייליג איזט אין דער וועלט, אין געגענוואַרט דעם היזיגען עהרענווערטען ראַבינערס מיטטעלסט אַבלעגונג איינעס פּירכטערליכען שוואורעס מײַנע אונשולד צו בעצײַגען.

ר׳ גבֿריאל — אַ שבֿועה? באַ! דאָס איז עפּעס פֿאַר סערקעלען קיין גרויסער מורה מורינו.

ר׳ יוחנן — צו ר׳ גבֿריאלן. האָט מיר נישט פֿאַראיבל, פֿאַר וואָס? אַ שבֿועה איז טאַקע אַ שבֿועה. נאָר קומט מײַן שמועה אַפּיר... צו רעדלעכן. ר׳ גבֿריאל מיינט נאָר, איז דען סערקעלע אַזוי אַ נאַר, אַז זי זאָל אײַך גלייבן אויף אַ שבֿועה?

רעדלעך — כאַפּט זיך אָן מיטביידע הענט ביים קאָפּ. נון[94], ווען אויך מײַן ערשטער שוור, דען איך אין מײַנעם לעבען אַבצור־

[94] ווען אַפּילו מיין ערשטע שבועה, וואָס איך האָב אין מיין לעבן באַשלאָסן צו געבן, ווען אויך דער דאָזיקער שווערער טריט זאָל נישט בכוח זיין מיך צו ראַטעווען (ער הייבט־אויף די הענט צום הימל), טאָ ראַטעווע דו, דו אַלצוויסנדיקער גאָט, דיין אומשולדיק באַשעפעניש פון דער דאָזיקער שענד־לעכער רכילות!

לעגען בעשלאָססען האַבע, נון, ווען אויך דיזער מיר זאָ אייססערסט שווערע שריטט מיך ניכט צו רעטטען פּערמאַג... ער הייבט־אויף ביידע הענט קעגן דעם הימל. נון, זאָ רעטטע דו, דו אַללוויסענדער גאָטט, דײַן אונשולדיגעס געשעפּף פאָן דיזער שענדליכען פּערליימ־דונג! ער ווײנט.

ר' גבֿריאל — צו זיך אין דער שטיל. איך קום דאָ אויך געגוג אָפּ חיבוט־הקבֿר.

ר' יוחנן — פֿון דעסט וועגן באַדאַרפֿסטו נישט אַזוי צו ווײ־נען. וואָרן, קומט מײַן שמועה אַפּיר, סערקעלע איז אויך נישט זייער אומגערעכט. בײַ איטלעכן מענטש איז דאָס זײַניקע זייער טײַער. נאָר דאָס גלײַכסטע העט געווען, אַז דו זאָלסט דיך פֿאָרט מיישבֿ זײַן און זאָגן דעם אמת. וואָרן איך מוז דיר מגלה זײַן, אַז סערקעלע וועט אַוודאי ניט שווײַגן. און איך האָב זייער מורא, אַז דו וועסט פֿון איר נישט גוט אָפּשנײַדן.

ר' גבֿריאל — און איך זאָג אײַך אויך, מײַן ליבער ר' רעד־לעך, אַז איך האָב אויך זייער מורא דערפֿאַר. וואָרן איר קענט נאָך גאָר נישט די סערקעלע, וואָס דאָס פֿאַר אַ מענטש איז.

רעדלעך — ווײנט שוין נישט, נאָר שמועסט מיט כּוח. גלוי־בען[95] זי מיר, מײַן ליבער ר' גבֿריאל, דאָס איך דיזע סערקעלע זעהר גוט קעננע אונד פֿיללײַכט פֿיל בעססער אַלס יעדער, דער זי קענט. יעדאָך פֿירכטע איך זי יעצט, טראָטץ איהרעס אייסערסט באָזהאַפֿטען כאַראַקטערס, גאַנץ אונד גאַר ניכט. דען גאָטט דער וועלטענריכטער ווייסט, דאָס מײַן געוויססען רײַן זיי אונד ווירד, האָפֿפֿענטליך אויך

[95] /דער גאַנצער רעפּליק/ גלייבט מיר, מיין ליבער ר' גבריאל, אַז איך קען זייער גוט די דאָזיקע סערקעלע און אפשר בעסער פון יעדן, וואָס קען זי. פון דעסט וועגן האָב איך איצט פאַר איר גאָר קיין מורא נישט, נישט געקוקט אויף איר גאָר קריגערישן כאַראַקטער. וואָרעם גאָט, דער שופט פון וועלטן, ווייסט אַז מיין געוויסן איז ריין און וועט מן הסתם אויך פירן דאָס האַרץ פון דעם שטראָפריכטער, אַז זיין אורטייל זאָל זיין צוגעפּאַסט צו מיין אומשולדיקייט.

דאַס הערץ דעס קרימינאַל־ריכטערס זאָ ליַיטען, דאַס זיַין אורטהייל מיַינער אונשולד ענטשפּרעכען ווירד.

ר' גבריאל — צו ר' יוחנן. מילא, וואָס טויג מיר דאָס? מאַכט זשע שוין אַ סוף, וואָרן ווי איך זע איַין, וועלן מיר דאָ היַינט מיט אים צו קיין עק נישט קומען. מיר האָבן דאָס אונדזעריקע געטאָן און גענוג. מאַכט אַן עק!

ר' יוחנן — גיסט־אָןביידע גלעזלעך און נייגט־אויס די פלאַש. אַן עק איז אַן עק! קומט מיַין שמועה אָפּיר, אונדז האָ'מיר געטאָן, וואָס עס איז נאָר אין אונדזער יכולת געווען. ער טרינקט־אויס. און אַן עק!

ר' גבריאל — שריַיט. שמשים, קומט־אַריַין!

שמשים — קומען אַריַינצוגיין.

ר' יוחנן — צו רעדלעכן. איצט גיי מיט זיי צוריק, פון וואַנעט דו ביסט געקומען! צו די שמשים. און הייסטס טאַקע אין איין וועגס סערקעלען אַריַינקומען.

שמשים — גוט, גוט.

רעדלעך — גוטע נאַכט, מיַינע הערען.

ר' גבריאל און **ר' יוחנן** — ביידע מיט אַ מאָל. גוט' נאַכט, גוט יאָר!

רעדלעך מיט די **שמשים** — גייען־אַוועק.

פינפטער אַריינקום

ר' יוחנן, ר' גבריאל

ר' גבריאל — צו זיך אין דער שטיל. געלויבט צו גאָט, אַז איך בין שוין דעם פאַרשווּאַרצטן קלאָפּאָט [96] פּטור געוואָרן!

ר' יוחנן — נייגט־אויס די פלאַש. פאַר וואָס האָט איר אָבער נאָך אַזוי וויניק מעד געהייסן אַריַינברענגען?

---

[96] זאָרג, דאַגה.

ר׳ גבֿריאל — און אַז איך זאָל שוין געווען הייסן, וואָלט מיך סערקע תּיכּף געווען געפּאָלגט?

ר׳ יוחנן — ע, ווי קען מען מען ריידן? קומט מײַן שמועה אַפּיר, עס איז דאָך דאָ קיינער נישט איר משרת! זי העט אויך גאַנץ גערן, מען זאָל איר אַרבעטן אומזיסט... איך וועל איר אָבער נישט שענקען, נישקשה.

זעקסטער אַרייַנקום

ר׳ יוחנן, ר׳ גבֿריאל, סערקעלע

סערקעלע — קומט־אַרײַן צו לויפֿן. נו? האָט ער מודה געווען?

ר׳ גבֿריאל — באַ! עפּעס אַזוי, עפּעס אַזוי... מען קען נישט אַרויס פֿון אים.

ר׳ יוחנן — וואָס זאָל איך אײַך דאָ אַ סך דערציילן און אָנ־ברײַען? איך וועל אײַך ליבער זאָגן בקיצור און קיין שהיות נישט מאַכן: מיר האָבן אים דאָ געגנוג געפּאָרשט, אַהין און אַהער, איינער אויף דער זײַט און איינער אויף דער אַנדערער זײַט. קורץ, קומט מײַן שמועה אַפּיר, מיר האָבן ביידע, איך ווי אַ גוטער פֿרײַנד און ר׳ גבֿריאל ווי אײַער חתן, אונדזערע רייד נישט געזשאַלעוועט, מיט גוטן און מיט בייזן. וואָרן, קומט מײַן שמועה אַפּיר, אַז מען וויל עמעצן אַ טובֿה טאָן, מוז מען דאָך פּרווון אויף אַלע זײַטן. איך האָב באַזונ־דער אין אים אַרײַנגערעדט און אײַער חתן, זאָל לעבן, האָט זיך באַזונדער זייער אַ סך מי געגעבן אין דער זאַך, מיר האָבן אים גע־שטראָפֿט און מוראס געמאַכט, און דערנאָך ווידער געבעטן מיט גוטע ווערטער, וואָרן, קומט מײַן שמועה...

סערקעלע — איז זייער אומגעדולדיק, זי פֿאַלט אים אין די רייד אַרײַן. קומט מײַן שמועה אַפּיר אַהין, קומט מײַן שמועה אַפּיר אַהער, און צום סוף ווייס איך אַלץ נישט, וואָס ער האָט געזאָגט, — זאָגט מיר נאָר דאָס איינע וואָרט: האָט ער מודה געווען צי ניין?

ר׳ יוחנן — מודה געווען, הייסט עס, האָט ער, פֿראַוודע, נישט,

נאַר ער זאָגט, אַז ער וויל גיין אין שול אַרײַן, אין קיטל און טלית, שווערן בײַ אַ רייניקייט, אַז ער ווייסט נישט פֿון נישט צו זאָגן.

סערקעלע — שמייכלט מיט כעס און מאַכט חוזק. פּשיטא?! — זעט איר, דאָס איז גאָר קיין קאַטאָוועס נישט! רעדלעך וויל גיין שווערן! אָ, וואַ! עס גייט זיך גאָר אַ מורא אָן! צו ר׳ גבֿריאלן. איך פֿאַרשטיי אָסור נישט, וואָס שווײַגט איר נאָך, ר׳ גבֿריאל? רעדט איר אײַך אויך דאָס אײַן, אַז איך בין דער נאַר און גלייב אין דעם הול־טײַס שבֿועות?

ר׳ גבֿריאל — איך האָב שוין דאָס פֿריִער געזאָגט צו ר׳ יוחנן.

סערקעלע — מילא, וואָס קומט מיר דאָ דערפֿון אַרויס פֿון די רייד? איך האָב מיך אַצינד שוין גאָר אַנדערש מיישבֿ געווען. איך וועל מיר שוין מיט אים אַן עצה געבן. נישקשה, סערקע איז נאָך נישט געשטאָרבן. ער האָט זיך גוט דערפֿרעגט [97]. איך וועל נאָר אָבער נאָך איין פּרווו מאַכן און הינדען אַ ביסל אויספֿרעגן, אפֿשר וועל איך בײַ איר עפּעס מער פּועלן, ווי איר האָט בײַ אים געפּועלט... וואָרן ווי איך זע אײַן, איז מיט פֿרעמדע הענט נאָר גוט פֿײַער צו שאַרן.

ר׳ גבֿריאל — איך בעט אײַך, מחותנתטע־לעב, וואָס זײַט איר אונדז חושד? מיר האָבן אַוודאי געגווג געטאָן; אַז ער האַלט זיך אָבער בײַ איין וואָרט. דאָ, דאַכט זיך מיר, העלפֿט שוין קיין תּליון אויך נישט.

ר׳ יוחנן — נו, אַדרבא, ווועלן מיר זען, וואָס איר קענט; וועלן מיר זען, אויב איר וועט בײַ הינדען עפּעס מער געוווּיר ווערן. און גלייבט מיר, אַז איך ווינטש עס אײַך בתם לבֿ [98], אַז איר זאָלט מער פּועל זײַן, ווי מיר, נאָר... ער ציט־אויף די פּלייצעס. מיר דאַכט זיך, אַז אײַער טרחה, נעבעך, איז גאָר אומזיסט.

ר׳ גבֿריאל — אי, פֿאַר וואָס? איך האַלט מיט דער מחותנתטע, אַז פֿון הינדען קען זײַן, זי וועט זי נאָר אַ ביסל סטראַשען, וועט זי תּיכּף מודה זײַן.

---

[97] אָנגעטראָפֿן.

[98] (בראשית כ׳) מיטן גאַנצן האַרצן, אומשולדיק, תּמימותדיק.

סערקעלע — און אַז זי וועט אַפּילו נישט וועלן מודה זײַן, איז דאָך נאָך דאָ עפּעס אַ קרימינאַל אויף דער וועלט. אוי, מײַנע כּוחות!

ר׳ יוחנן — עס מוז שוין שפּעט זײַן? ער שטייט־אויף. איך וועל שוין גיין אַהיים. און אײַך, סערקעלע, בעט איך, איר זאָלט אײַך פּאָרט נישט אַזוי אײַלן מיט דעם קרימינאַל. וואָרן, קומט מײַן שמועה אָפּיר, עס איז פּאָרט בעסער מיט גוטן ווי מיט בייזן.

ר׳ גבֿריאל — דאָס איז ר׳ יוחנן זייער גערעכט. וואָרן אַזוי אַ זאַך קען זיך אַ מאָל אַוועקשלעפּן אַ צײַט, איידער מען קומט אַ מאָל איבער הונדערט יאָר צו אַ סוף, און דערווײַל קאָסט געלט. אָט קומט דער מחותן, זאָל לעבן, אויך. כּ׳לעבן! לייגט אײַך איבער דאָ נאָך אַ מאָל דעם גאַנצן אינטערעס מיט אים איידער איר הייבט־אָן אין גרויסע דרכים אַרײַנצוגיין.

סערקעלע — אָ, דאָ האָט איר אָנגעטראָפֿן דעם רעכטן בעל־עצה, אוי, מײַנע כּוחות! זי ווינקט צו זיי, זיי זאָלן נישט דערציילן ר׳ משהן.

זיבעטער אַרײַנקום

ר׳ משה, סערקעלע, ר׳ גבריאל, ר׳ יוחנן

ר׳ משה — קומט גאַנץ שטיל אַרײַנצוגיין, פֿאַרטראַכט און אומעטיק, און קוקט זיך גאָר נישט אום צו קיינעם.

ר׳ יוחנן — גוטן אָוונט, ר׳ משה!

ר׳ משה — קוקט זיך אום. גוטן אָוונט, גוט יאָר, ר׳ יוחנן! ברוך הבאָ! וואָס פֿאַר אַ גאַסט זײַט איר דאָס דאָ אַזוי שפּעט?

ר׳ יוחנן — איך האָב געהערט פֿון אײַער גנבֿה, בין איך אויך אַהער געקומען געוווּיר ווערן, וואָס עס טוט זיך, צי ווייסט איר שוין עפּעס, צי נישט. וואָס מיינט איר, מײַן ליבער ר׳ משה, ווער האָט דאָס געקאָנט טאָן?

ר׳ משה — איך מיין גאָר פּראָסטע: אַזוי ווי זי האָט עס פֿון

אַל די שוואַרצע יאָר געגומען, אַזוי האָט זי עס ווידער צו אַל די שוואַרצע יאָר צוריקגעגעבן! אָט פֿרעגט זי, איך פֿלעג איר תּמיד...

סערקעלע — פֿאַלט אים אין די רייד אַרײַן און לאָזט אים נישט אויסריידן. וואָס שמועסט איר דאָ מיט אים? וואָס ער קען אַלץ זאָגן! איך האָב עס פּלוצלינג גאָר אַליין אַוועקגעגעבן? איך זאָל נישט הײַנט גאַנץ פֿרי אַליין מיט מײַנע אייגענע הענט אַרײַנלייגן אין קעסטל אַרײַן דאָס שטערנטיכל מיט די צווייערליי פּערל און צושליסן מיט דעם שליסעלע, און האָב נאָך דאָס שליסעלע צוויי מאָל איבער־געדרייט, דערנאָך דאָס קעסטל טיף אונטערן שטרוי בײַ מיר צו־קאָפּנס אין בעט אַרונטערגעשטופּט! איך ווייס נישט, עמעץ זאָל טאַקע האָבן צען קעפּ פֿון עוג מלך הבשן, העט ער זיך אויך נישט געשטויסן, אַז דאָרט שטייט גאָר אַ קעסטל, אוי, ווײ, מײַנע כּוחות! האָט זיך דען גאָר פֿאַרלאָפֿן אַזוי אַ מעשׂה? איז דען נאָך גאָר אין דער וועלט אַזוי אַ שטראָף דערהערט געוואָרן, ווי אויף מיר איז דאָ געקומען?

ר׳ משה — אי, איך האָב תּמיד געוווּסט, אַז דער סוף וועט אַזוי זײַן. איך האָב דיר אייביק געזאָגט: „סערקע, אין דעם געלט וועסטו קיין ברכה נישט האָבן!“... אוי, פֿרעג נישט, סערקע, מיר האָבן זיך געקויפֿט מפֿטיר! אוי, הלוואַי אונדזער סוף זאָל אַ מאָל גוט זײַן.

סערקעלע — צו ר׳ יוחנן און צו ר׳ גבֿריאלן. וואָס טויגן מיר דאָ זײַנע משוגענע רייד? וואָרן ער ווייסט, נעבעך, אַליין וואָס ער פּלוידערט? נו, מילא. פֿאַר הײַנט איז שוין אַן עק. וואָרן עס איז שוין אָנדאָס שפּעט. איר מעגט אײַך שוין גיין געזונטערהייט. נאָר מאָרגן, אם־ירצה־השם, בעט איך אײַך, איר זאָלט ביידע ווידער קומען צו גיין. וואָרן איך ווייס פֿיל, טאָמער באַדאַרף מען עפּעס, אוי, מײַנע כּוחות!

ר׳ גבֿריאל — נו, נו, איך וועל אַוודאי שוין מיט דעם באַגין דאָ זײַן, וואָרן איך וועל אַוודאי נישט קענען שלאָפֿן די נאַכט.

ר׳ יוחנן — איך וועל אַוודאי אויך קומען צו גיין. נאָר איך בעט אײַך נאָך אַ מאָל, סערקעלע: האָט אין זין, וואָס איך האָב אײַך

דאָ פֿריִער געבעטן. וואָרן, קומט מײַן שמועה אַפֿיר, טוט עס נישט אים, נאָר זײַן טאַטן אין קבֿר צוליב — איך האָב אים זייער גוט געקענט, ער איז געווען אַ כּשרער ייִד.

סערקעלע — נו, נו, איך וועל אײַך שוין צוליב טאָן. גוט נאַכט, גוט נאַכט, גייט געזונטערהייט!

ר׳ יוחנן און ר׳ גבֿריאל —ביידע מיט אַ מאָל. גוט נאַכט! גוט נאַכט, ר׳ משה! (זיי גייען־אַוועק.)

אַכטער אַריינקום

ר׳ משה, סערקעלע

סערקעלע — משה, משה, דו ווילסט מיר נאָך צום איבעריקן דעם טויט מאַכן! זאָג מיר, וואָס ווילסטו? וואָס ווילסטו נאָך פֿון מיר האָבן? די פֿרעמדע מענטשן זײַנען אין שטוב און דו רעדסט דיר זעלכע ווערטער? זאָג, זאָל איך דיר נישט אפֿשר שיקן נאָך דעם רבֿ, אַז דו זאָלסט פֿאַר אים מתוודה זײַן? אוי, וויי, משה, משה! ווו איז דײַן שׂכל אַהינגעקומען? כ׳לעבן, עס איז מיר נאָר אַ גרויס חידוש, וואָס דו שטעלסט דיך ניט אַנידער אויף דער גאַס פֿאַר איטלעכן אויסשרײַען אַלץ וואָס דו ווייסט! דער טאַטע, עליו השלום, פֿלעגט זייער אמת צו זאָגן, אַז מיט אַ ייִד איז נאָר גוט אין שול אַרײַן צו גיין. עס גייט אים גאָר נישט אָן, וואָס איך בין שוין אַזש קראַנק פֿאַר צרות, אוי, וויי, מײַנע כּוחות! (זי וויינט.) וועל איך קענען די נאַכט כאָטש אַן אויג צוטאָן? עס גייט אים גאָר נישט אָן: האָט מען אים באַגנבֿעט, נו, האָט מען אים באַגנבֿעט!

ר׳ משה — אוי, וויי, וואָס ווילסטו פֿון מיר האָבן, וואָס? נו, וואָס זאָל איך דיר טאָן? איך פֿרעג דיך, ווייס איך דען ווער דער גנבֿ איז?

סערקעלע — וואָס טײַטש? עס האָט דאָס קיינער נישט געטאָן, נאָר דער גנבֿ, דער רעדלעך! און ווען עס זאָל דאָ קומען די גאַנצע

וועלט פֿון מנחה און פֿון מעריבֿ צונאַנד און זאָל מיך אָפּשפּאַרן, האָט עס פּאָרט קיינער נישט געטאָן, נאָר ער, דער אַכבראָש, דער גנבֿ!

ר׳ משה — אוי, איך ווייס שוין גאָר נישט, וואָס דו קענסט אַלץ אויסטראַכטן! פּלוצלינג קען דיר גאָר איינפֿאַלן, אַז אויף דעם הימל איז אַ יאַריד! וואָס טײַטש? איז דען נאָך דאָ אַזוי אַן ערלעכער יונג ווי רעדלעך איז? פּלוצלינג איז ער גאָר בײַ דיר געוואָרן אַ גנבֿ! זאָג מיר, וואָס ווילסטו נאָך אַנדערע פֿון די עבֿירות אַראָפּנעמען? האָסט אפֿשר ווייניק צו טראָגן דײַנע? אוי, איך, איך האָב געננוג.

פּערקעלע — אוי, מײַנע כּוחות! זע נאָר, וואָס פֿאַר אַ שלימ־מזלניק דו ביסט, אַדרבה, הער נאָר אַליין צו! ווי איך בין הײַנט נאָך מיטאָג פֿונעם שלאָף אויפֿגעשטאַנען, איז דאָ קיינער נישט געווען אין שטוב, נאָר דער גנבֿ, דער רוצח, מיט דעם שלימזל, מיט הינדען, אומשטיינס געזאָגט. און זי איז דאָך אַליין מודה, אַז ווי זי איז אַרײַנגעקומען אין שטוב אַרײַן, האָט זי נאָר אים אַליין דערווישט[99]. וואָס ער האָט דאָ געטאָן, וויל זי דאָך נאָך נישט אויסזאָגן דעם אמת. און אפֿשר וועט ער מיר דאָס אויך אָפּלייקענען? האָב איך דען נישט מיט מײַנע אייגענע אויערן געהערט, ווי ער האָט געזאָגט צו דעם פּורע־ניות, אַז ער איז שוין זייער גליקלעך, ער האָט פּערל און דימענטן געננוג? פֿרעג אים, לאָז ער מיר זאָגן אין די אויגן אַרײַן, אויב עס איז ליגנד, דער גנבֿ! ווו האָט ער דאָס גענומען, דער רוצח? דער דראַבֿ! ווו האָט ער גענומען פּערל און דימענטן? וואָס, אַ מלאך האָט אים אפֿשר פֿונעם הימל עפּעס אַראָפּגעוואָרפֿן? געזונט זאָל ער אַזוי אין זיך האָבן!

ר׳ משה — און אַז דו וועסט מיר דאָ זאָגן ביז מאָרגן, האָט ער עס פּאָרט נישט געטאָן. ער וועט נישט טאָן אַזוי אַ זאַך!

פּערקעלע — נו, גוט, מילא, איך און דו האָ׳מיר עס נישט געטאָן. אַלטעניו — אויך נישט. חיים... האָט דאָך גאָר קיין שׂכל דערצו

[99] דערטאַפּט, געפֿונען, געטראָפֿן, געפּאַקט.

נישט. פֿאַר חוזק, כאָטש זי איז דאָך גאָר אַן אויסוואָרפֿלינג, וועל איך שווערן, אַז זי איז קיין גנבֿ נישט. וואָרן זי גייט דאָך איבער אַלעם תּמיד אַליין, אַזוי לאַנג זי איז בײַ מיר, און עס פֿעלט קיין מאָל נישט אַפֿילו אַ האָר. פֿאַר ר׳ גבֿריאלן, ווייסטו דאָך אַליין, אַז מען מעג אַפֿילו אומגעציילטע רענדלעך אַנידערלייגן! און ס׳אַנדערע, ער איז דאָך דעמאָלט גאָר געווען אויף דער פּאָטשט. און ווײַטער איז דאָך קיין שום בן־אָדם דאָ נישט געווען. נו, זאָג זשע איצט דו אַליין! איך ווייס נישט, מען זאָל טאָקע אַנידערזעצן צוויי פּיצלעך קינדער, וועלן זיי אויך נישט קענען אַנדערש זאָגן, אַז נאָר אַ היימישער גנבֿ האָט דאָס געטאָן, און דאָס נאָר רענדלעך, אוי, ווי, מײַנע כּוחות! פֿאַר־שוואַרצט און פֿאַרפֿינצטערט בין איך געוואָרן, אַז איך האָב דיך פֿאַר אַ מאַן, און אַז דו קענסט נאָך זאָגן: „ער וועט נישט טאָן אַזוי אַ זאַך!“

ר׳ משה — יאָ, יאָ, איך זאָג עס נאָך, ער וועט אַזוי אַן עבֿירה נישט טאָן.

פּערקעלע — אַוודאי טוט ער גאָר קיין עבֿירות נישט, דער הולטײַ! האָסטו אים ווען געזען קושן די מזוזה? האָסטו אים ווען געהערט בענטשן, קריאת־שמע לייענען?... דאַוונט ער?... לייגט ער תּפֿילין? קושט ער ציצית, ווי עס קער צו זײַן? ווייסט ער, ווי אַ שבת, אַ יום־טובֿ בכּבֿוד צו האַלטן? זעסטו, ווײַבלעך, מיידלעך, אַז ער דער־זעט, דאָ לעבט ער, דער דראַבֿ! דאָ קוועלט ער, דער אויסגעלאַסענער מענטש. נאָר וואַרט נאָר, וואַרט, איך וועל אים שוין באַגראָבן! לאָז מען אים נאָר אַרײַנפֿירן אין דער פּאָליציי אַרײַן, לאָז ער נאָר כאַפּן אַזוי אַ דרײַסיק שטעקנס, וועט ער שוין מודה זײַן, דער רוצח!

ר׳ משה — נו, גיי שוין און טו דיר שוין וואָס דו ווילסט — איך וואַש מיר גאָר דערפֿון די הענט אָפּ! איך וויל דערפֿון גאָר נישט וויסן. איך האָב שוין געווג. לאָמיך זען, אַדרבה, ווי דו וועסט ווײַטער מיט דײַנע שפּעקולאַציעס די וועלט אויספֿירן. ער וויל אַוועקגיין.

פּערקעלע — נו, ווו גייסטו, ווו? ר׳ שמואל וועט דאָך דאָ באַלד קומען! ווייסטו דען נישט, אַז מען מוז מאָרגן גאַנץ פֿרי אײַנ־

רײַכן[100] אין דער פּאָליציי אַרײַן? איך האָב דאָך געשיקט נאָך אים!

ר׳ משה — שרײַב דיר און טו דיר, וואָס דו ווילסט — צו זעלכע מעשׂיות קענסטו דיר שוין אַליין אַן עצה געבן. ער וויל ווי־דער אַוועקגיין.

סערקעלע — שיק מיר כאָטש אַרײַן הינדען.

ר׳ משה — בלײַבט שטיין בײַ דער טיר און קוקט־אָן סער־קעלען מיט דעם גרעסטן כּעס. זאָג מיר, וואָס ווילסטו נאָך פֿון דער אָרעמער באַגזלטער יתומה, נעבעך, האָבן? איז זי דען שוין בישט אין דער ערד?

סערקעלע — וואָס האָסטו אַזוי מורא? איך וועל דאָך איר דאָ נישט אַ שטיק אָפּבײַסן! האָב קיין מורא נישט, איך וועל איר גאָר נישט טאָן. איך וויל נאָר האָבן, זי זאָל מיר דאָ עפּעס צונייען. וואָס ציטערסטו אַזוי איבער איר?

ר׳ משה — הער נאָר, סערקע! איך וועל זי דיר דאָ אַרײַנשיקן. נאָר וועסטו איר, חלילה, עפּעס וועלן טאָן, אַזוי ווי דײַן טבֿעלע איז, זאָלסטו וויסן, סערקע, אַז איך בין דאָ אין דער אַנדערער שטוב! ער גייט־אַוועק דורך דער טיר, וואָס איז אין דער רעכטער זײַט.

ניינטער אַרײַנקום

סערקעלע אַליין

סערקעלע — איך וועל מיט איר פֿריִער אַ ביסל מיט גוטן שמועסן, טאָמער וועט זי מיט גוטן מודה זײַן. וועט זי זיך אָבער האַלטן בײַ איין וואָרט, ווינטש איך מיר, אָסור, נישט אין איר הויט צו שטעקן! האָט זי זיך יאָ פֿאַרליבט אין דעם רעדלעכן, וועל איך זיי שוין זען ביידע חתונה צו מאַכן אויך. נישקשה, ער וועט שוין חרטה האָבן, וואָס ער האָט נישט געוואָלט קומען. איך וועל זיי שוין ביידע אויסרײַסן, ווי די הינט!

[100] אָנגעבן, דערלאַנגען, איינקלאָגן.

צענטער אַריינקום

סערקעלע, הינדע

הינדע — בלײַבט שטיין בײַ דער טיר, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, און װײנט.

סערקעלע — קום נאָר אַהער, הינדעלע! קום אַהער... נענטער... נאָך נענטער... אַזוי... זעץ דיך דאָ, מײַן לעבן, נעבן מיר אַנידער אויף דער קאַנאַפּע...

הינדע — גייט מיט מורא אַלע מאָל, ביסלעכװײַז נענטער, און זעצט זיך.

סערקעלע — האָסטו שוין געטרונקען דאָס ביסל קאַװע, מײַן האַרץ? זעסטו, איך האָב דיר גאָר פֿאַרגעסן צוקער אַרײַנצושיקן...

הינדע — װײנט הויך און קושט סערקעלען די האַנט.

סערקעלע — לאַכט קלוימערשט. הע־הע־הע, נו, גיי שוין, נאַר, װײן נישט! איך װײס אַליין, אַז עס אַרט דיך זייער, װאָס איך האָב דאָ אַזוי אַ גרויסן שאָדן געהאַט. נאָר פֿון דעסט װעגן באַדאַרפֿסטו נישט אַזוי צו װײנען. דו קענסט דאָך מיר נאָך, חלילה וחס, קראַנק װערן. און װאָס איז דאָס עפּעס, אַ סך ברידערנטעכטער האָב איך דאָס?... אוי, מײַנע כוחות!... עס טוט מיר נאָר איין זאַך באַנג... די דימעטענע אוירינגלעך און די קליינע פּערעלעך מיט דעם פּאַרמאָ־אַרל[101]... װאָס איך האָב מיר תּמיד געחזרט, אַז װען דו װעסט, אם־ירצה־השם, אַ כּלה װערן, װעל איך זיי דיר שענקען... האָב איך אויך ערשט אייערנעכטן אין דעם קעסטל אַרײַנגעלייגט, אוי, װיי, מײַנע כּוחות! זי קוקט הינדען שטאַרק אין פּנים אַרײַן. די שװײַגן ביידע אַ לאַנגע װײַלע גאַנץ שטיל.

הינדע — מומעניו! איר האָט דאָך מיך עפּעס געהייסן אַרײַנקומען, איך זאָל עפּעס צוניײען? װאָס זאָל איך צונייען?

---

[101] דאָס שלעסל ביי אַ שנירל פּערל.

סערקעלע — עס וועט נאָך, מײַן לעבן, צײַט זײַן מאָרגן אויך. הער נאָר צו, מײַן קינד! איך זאָג דיר דעם אמת. איך האָב מיר שוין לאַנג אַ מסקנה געמאַכט, איך זאָל מיך מיט דיר, מײַן האַרץ, אַ ביסל צעשמועסן. דו ווייסט דאָך, אַז חוץ דעם אַלעם, וואָס דו ביסט, נעבעך, אַזוי יונג פֿאַריתומט געוואָרן, האָסט קיין טאַטן און קיין מאַמען נישט. זי ווישט זיך די אויגן. און העסט געקענט, חלילה וחס, צו ווער ווייסט וואָס נאָך קומען, ווען איך זאָל דיך נישט געוועזן צו מיר אין מײַן הויז אַרײַנגענומען... אוי, מײַנע כּוחות... איך מיין, חוץ דעם אַלעם, האָב איך דיך דאָך אַזוי ליב, טאַקע ווי מײַן אייגן קינד. און מיר דאַכט זיך, אַז דו אַליין קענסט נישט זאָגן, אַז דו האָסט ווען בײַ מיר אַ קשיוודע[102] געהאַט... אײַ, וואָס, איך בייזער מיך אַ מאָל אויף דיר? דאָס, מײַן לעבן, ווערסטו, דאַכט זיך מיר, אַליין אײַנזען, אַז איך מיין אַלץ נאָר דיר לטובֿה. וואָרן דו ביסט דאָך גאָר קיין נאַר נישט און זעסט דאָך, פֿאַר וואָס אַרט מיך נישט, אַז איך זע אַ פֿרעמד קינד עפּעס אַ נאַרישקייט טון? פֿאַר וואָס? ווײַל איך דערמאַן מיך, אַז אַזוי ווי איינער רעדט: „רבי, די קו איז אײַערע"...

הינדע — וויינט און קושט סערקעלען די האַנט.

סערקעלע — מילא, זעסטו דאָך אַליין, אַז כאָטש איך ווײַז נישט אַרויס, אָבער אינעווייניק אין האַרצן ביסטו מיר אײַנגעבאַקן, האָב איך דיך ליב ווי מיך אַליין. דו זאָלסט נאָר וועלן גוט און פֿרום זײַן, ווי זײַן ליבער, הייליקער נאָמען געבאָטן האָט. אוי, מײַנע כּוחות! וואָס פֿאַרלאַנג איך דען, מײַן לעבן, פֿון דיר, וואָס? איך פֿאַרלאַנג דאָך דאָ נישט פֿון דיר, אַז דו זאָלסט, חלילה וחס, איבערן דאַך אַריבערשפּרינגען... איך וויל נאָר האָבן, דו זאָלסט מיר דער־ציילן איטלעכעס פּיצעלע, וואָס דו ווייסט נאָר פֿון אים... פֿון רעד־לעכן, מיין איך. און גלייב מיר, זאָל מיך גאָט שטראָפֿן אויף מײַנע יונגע יאָרן, אויב עס וועט דיר אָדער אַפֿילו אים כאָטש אַ האָר געקרימט ווערן! וואָרן וואָס איז דאָס עפּעס, אַ נאַר בין איך? איך

[102] (פּויליש) עוולה.

ווייס נישט? און אַז מען מאַכט יאָ שוין אַ מאָל אַ קליין פּעלערל, מיינסטו, עס איז עפּעס חיות? אָסור! דער מענטש איז דאָך קיין מלאך נישט... נישקשה, מײַן לעבן, פֿאַר מיר האָט, אָסור, נישט אויפֿזיך... מעגסט מיר אַלץ דערציילן.

הינדע — גילדענע מומעניו, בייזערט אײַך נאָר נישט, וועל איך אײַך שוין אַלץ דערציילן. איך ווייס, אַז ווען איר וועט מיך נאָר אויסהערן, וועט איר מיר אַוודאי מוחל זײַן. זי קושט סערקעלען די האַנט. איר זײַט דאָך מײַן האַרצעדיקן טאַטנס שוועסטער. איך ווייס אַליין, אַז איך האָב זייער אַ גרויסע עוולה געטאָן, וואָס איך האָב אײַך ביז אַהער נישט דערציילט.

סערקעלע — נו, נו, האָב נאָר קיין מורא נישט. דערצייל מיר נאָר אַלץ, אָבער נאָר דעם אמת. דעם אמת, מײַן לעבן, האָט גאָט ליב. ווערסטו זען, מײַן קינד, אַז וועסט קיין חרטה נישט האָבן, אוי, מײַנע כוחות!

הינדע — עס וועט זײַן אין דעם אַ יאָר צוויי, ווען איר זײַט געווען אין וואַרעמבאַד, געדענקט איר? געדענקט איר?... בין איך דעמאָלט, ווי איר ווייסט, עפּעס שלאַף געוואָרן. איר זײַט נישט געווען און דער פֿעטער, זאָל לעבן, איז אויך גראָד געהאַט ערגעץ אַוועק־געפֿאָרן. דערווײַל איז מיר אין מײַן קרענק אַלע מאָל ערגער געוואָרן, אַזוי אַז איך האָב שוין גאָר קיין כוח נישט געהאַט אַפֿילו אַרומצוגיין איבער דער שטוב. רעדלעך אָבער פֿלעגט... איך בעט אײַך, מומעניו, בייזערט אײַך נישט...

סערקעלע — דערצייל נאָר, דערצייל ווײַטער... נו? איך וועל מיך, אָסור, נישט בייזערן. ביסט דאָך אַ נאַר. אַז איך שווער מיך? דו ווייסט דאָך, אַז אַ שבֿועה איז בײַ מיר זייער טײַער. דערצייל נאָר... רעדלעך אָבער פֿלעגט...

הינדע — רעדלעך אָבער פֿלעגט טאָג און נאַכט בײַ מיר צו זיצן. ער האָט מיר שוין איין מאָל געהאַט געזאָגט, אַז איך זאָל מיר לאָזן רופֿן אַ דאָקטער. „איך", האָט ער געזאָגט, „האָב זייער מורא, הינדעלע, אַז דו ביסט זייער קראַנק"... איך האָב מיך אָבער זייער

געשעמט פֿאַר אים צו זאָגן, אַז איך האָב קיין געלט נישט צו באַצאָלן דעם דאָקטער. ווי ער האָט אָבער געזען, אַז עס ווערט מיר אַלע טאָג ערגער, איז ער געגאַנגען און האָט מיר געבראַכט צו פֿירן אַ דאָקטער. איך בין דערנאָך געלעגן און האָב גאָר נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר. ערשט אַז איך האָב אָנגעהויבן עפּעס צו מיר צו קו־מען, האָט מיר ערשט חיים דערציילט, ווי איך האָב אַלץ גערעדט אויס דעם וועג, און אַז איך ליג שוין צוועלף טעג אין בעט, און אַז איך בין שוין איין מאָל אַזוי חרובֿ געווען, אַז רעדלעך האָט זייער געיאָמערט און האָט גערופֿן דרײַ דאָקטוירים, און אַז איך האָב זייער אַ סך אײַנגעמעענישן פֿון דער אַפּטייק געגומען... קורץ, עס איז גאָר קיין קאַטאָוועס נישט געווען. וואָס איך האָב אַלץ געקאָסט! איך בין דערנאָך, געלויבט צו גאָט, געזונט געוואָרן און בין ערשט דערנאָך געוויר געוואָרן, אַז דאָס איז אַלץ געווען פֿאַר רעדלעכס געלט. ער איז פֿון מײַנעט וועגן גאַנצע נעכט נישט געשלאָפֿן און אַלע זײַנע קליידער און זאַכן, אַפֿילו דאָס זייגערל, פֿאַרקויפֿט. איך האָב עטלעכע מאָל געבעטן און האָב אים געזאָגט, אַז איך וועל זען אים דאָס ביס־לעכוויז אָפּצוגעבן, וואָס איך האָב אים געקאָסט...

סערקעלע — פֿאַלט איר אין די רייד אַרײַן. נו, וואָס איז? בײַ איטלעכן מענטש איז זײַן געזונט דאָס טײַערסטע. נו, וואָס איז, מײַן לעבן, האָסטו אים פֿאַר דאָס אַצינד געהייסן נעמען דאָס קעסטעלע מיט דעם צירונג, נישט וואָר, מײַן קינד?!

הינדע — קוקט־אָן סערקעלען. וואָס? זאָל גאָט היטן! איך האָב פֿאַרקויפֿט די אוירינגלעך, וואָס איך האָב געהאַט פֿון דער מאַמען, עליה השלום. ער האָט אָבער קיין איינציקן קרײַצער [103] נישט געוואָלט נעמען בײַ מיר. געזאָגט האָט ער אָבער, אַז פֿון מײַנעט וועגן וואָלט ער זײַן גאַנץ לעבן אויך אַוועקגעגעבן, און איך באַליידיק אים זייער, אַז איך וויל אים אָפּגעבן. און פֿון דעמאָלט אָן... זי בלײַבט פּלוצלינג שטיל שטיין און שעמט זיך...

---

[103] עסטרייכישע מטבע.

סערקעלע — נו? וואָס פֿון דעמאָלט אָן?

הינדע — און פֿון דעמאָלט אָן האָב איך ערשט אָנגעהויבן אײַנצוזען, ווי ליב ער האָט מיך. זי קוקט סערקעלען שטאַרק אָן.

סערקעלע — נו, יאָ, דאָס איז שוין רעכט. וואָס האָט איר אָבער הײַנט נאָך מיטאָג דאָ געטאָן, העי?

הינדע — גילדענע מומעניו! איך וועל אײַך זאָגן דעם רעכטן אמת. ער איז דאָ געווען און האָט מיר געזאָגט, אַז ער זשאַלעוועט מיך, וואָס איך לײַד בײַ אײַך זייער גרויסע צרות, אַז איר פֿאַרגינט מיר נישט אַפֿילו דאָס ביסל עסן. האָב איך אים געזאָגט, אַז עס איז גאָר ליגנד, אַז ער איז זיך גאָר טועה. אַדרבה, איר זײַט זייער גוט קעגן מיר. האָט ער מיר פֿאַר די רייד אָנגעהויבן זייער צו איבער־בעטן און האָט מיר אַ... אַ קוש געגעבן. האָב איך אָבער מורא געהאַט, עס זאָל נישט עמעץ גראָד אָנקומען. האָב איך אים זייער געבעטן, ער זאָל מיך אָפּלאָזן. האָט ער נישט געוואָלט. האָב איך אים ווידער געבעטן. און ווייס אַלייך נישט, ווי איך פֿאַל־אויס... אים אויך אַ קוש צו געבן... זי בלײַבט שטיל שטיין און שעמט זיך.

סערקעלע — אַלץ אמת. שוין אַ ביסל מיט כעס. איך בין דיר שוין דאָס מוחל. וואָס האָט ער אָבער געזאָגט, אַז ער האָט פּערל און דימעטן געגנוגו? האָט ער דען שוין דעמאָלט געהאַט גענומען דאָס קעסטל מיט צירונג, העי?

הינדע — פּלוצלינג? ווי פֿאַלט איר אויס? ער וועט פּלוצלינג נעמען אײַער קעסטל מיט צירונג? ער?! ער ווייסט גאָר נישט פֿון דער גאַנצער מעשׂה. ער האָט נאָר געזאָגט, אַז ווען איך האָב אים ליב, מעג שוין די גאַנצע וועלט האָבן פּערל און דימעטן, וויפֿל זיי ווילן... אַז ער האָט נאָר מיך, האָט ער שוין פּערל און דימעטן געגנוג!

סערקעלע — און מײַן קעסטל מיט צירונג ווו איז?

הינדע — וואָס פֿרעגט איר מיך? ווייס איך?

סערקעלע — גיט זיך פּלוצלינג אַ שטעל־אויף מיט כעס. וואָס? דו ווייסט נישט? דו ווייסט נישט, אַז רעדלעך האָט געגנבֿעט

מײַן צירונג? װעמען װילסטו דאָס נאַרן, דו, לײַדאַטשקע?!... דו מײנסט אפֿשר, װײַל איך האָב ביז אַהער מיט גוטן געשמועסט, מײנסטו, אַז דו װעסט מיך שױן גאָר אָפּנאַרן? איך װעל דיר אָבער װײַזן, אַז איך הײס סערקע! זי שרײַט אַלע מאָל העכער, מיט דעם גרעסטן כּעס. װאַרט נאָר, איך װעל אים נאָר לאָזן קײטעלעך אױף די הענט און אױף די פֿיס אָנטאָן, ער װעט שױן זאָגן דעם אמת! לאָז מען אים נאָר אַזױ אַרײַנװאַרפֿן אַ פּאָר הונדערט קאַנטשיקעס, אַז דאָס קאָכעדיקע דם זאָל פֿון אים רינען װי װאַסער, װעט ער שױן זאָגן װוּ מײַן צירונג איז! שטיקװײַז װעל איך לאָזן פֿון אים לעבעדיקערהײט רײַסן! און דו, דו, גנבֿטע, מוזסט שטײן דערבײַ און שרײַען, אַז דאָס קול װעט גײן ביז אין הימל אַרײַן! פֿאַרפֿוילן װעל איך אים לאָזן אין קרימינאַל! און דו, אױסװערפֿלינג, װעסט אַלע טאָג מוזן פֿון אים קופּעסװײַז די װערעם אַראָפּשאַרן! נײן, איך װעל נישט רוען, איך װעל נישט זשאַלעװען! איך װעל נאָך לײגן דאָס לעבעדיקע אױף דעם טױטן! איך װעל מיך צום איבעריקן בדלות שטעלן, און דאָס מײַניקע — מוז ער מיר אָפּגעבן!

הינדע — האָט זיך זײער דערשראָקן און האָט זיך מיט בײדע הענט דאָס פּנים פֿאַרהאַלטן. פּלוצלינג לױפֿט זי צו צו סערקעלען און פֿאַלט פֿאַר איר אַנידער אױף דער ערד. **מומעניו, גילדענע מומעניו! נײן... נײן... נײן... איך קען... שױן לענגער... נישט... אױסהאַלטן... נײן, מומעניו!**

סערקעלע — שרײַט זײער הױך, מיט דעם גרעסטן כּעס. **נו, זאָג זשע מיר תּיכף, װוּ איז מײַן צירונג!!! װוּ האָט עס רעדלעך אַהינ־געטאָן? זאָג, װוּ איז מײַן האָב?! װוּ איז מײַן פּראַצע?**

הינדע — שטײט־אױף און ציטערט, **נײן... נײן... רעדלעך... איז... נישט... קײן... גנבֿ!**

סערקעלע — לױפֿט־צו צו הינדען און הײבט־אױף בײדע הענט און װיל זי שלאָגן. דערװײַל גיט זיך אַן עפֿן די טיר, װאָס איז אין דער רעכטער זײַט, און ר׳ משה קומט־אַרײַן צו לױפֿן און גיט

סערקעלען אַ **וואָרף**־אַנידער אויף דער קאַנאַפּע, און כאַפּט הינדען בײַ דער **האַנט** און לויפֿט מיט איר אַוועק דורך דער טיר, וואָס ער איז געקומען. **סערקעלע** שרײַט גאַנץ הויך, מיט אַ יעמערלעך קול. **אוי, ווײַ! אוי, ווײַ, מײַנע כּוחות!**

דער פֿאָרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ.

סוף פון דעם פערטן אויפצי

ר׳ גבריאל — „שרייט נאָר נישט אַזוי! דאָס צירונג — זאָגט איר...״
(פון סערקעלע. געשפּילט דורך טעס)

פינפטער אויפצי

דער אַנדער־ער טאָג אין דער פרי. ס'קומט־פאָר אין אַ געסל. מען זעט דעם אָפענעם טויער און די פענצטער פון ר' שמעלקע טרויניקס אַריינפאָר־הויז. אויף אַ לאָדן פון פענצטער שטייט אויפגעמאָלט ווי די מרגלים טראָגן אויף דראָנגען אַ גרויסן בונט ווייַנטרויבן, און אונטערגעשריבן מיט גרויסע אותיות „שמעלקע טרויניקס". פאַר דער טיר שטייט אַ גרויסע באַנק.

ערשטער אַריינקום

דער פרעמדער אַליין

פרעמדער — ער זיצט פאַר דער טיר, אויף דער באַנק, האַלב־אויסגעטאָן און האַלב נאָך ווי אַ וועגסמאַן [104], אָנגעטאָן אין דייַטשישע קליידער. **איך בין אויסעראָרדענטליך מידע** [105]**. דאָס וואַר איינע**

---

[104] אַ רייזנדער, אַ מאַן אויף דער רייזע.

[105] /דער גאַנצער מאָנאָלאָג פון ערשטן אַריינקום ווערט דאָ געגעבן אין יידישער איבערזעצונג/ איך בין זייער מיד. אָט דאָס איז געווען אַ רייזע! טאָג און נאַכט אויף דער יבשה און אויף דעם וואַסער, נישט אָפּרוענדיק זיך אין ערגעץ. דאָך אַ דאַנק דעם אַלמעכטיקן, בין איך נאָך אָפּגעלאָפענע זעקס יאָר ווידער אין מיין היים. ווי מיר ווייזט זיך דאָ אויס אַלצדינג אַזוי פאַרענדערט, פאַרבעסערט, אַפילו פאַרשענערט קאָן איך זאָגן. די גאַסן אַזוי ריין, די הייזער — ווי חנעוודיק און שיין! גאָט! צי איז אויך דאָס אינערלעכע צוגעפּאַסט צו דעם אויסערלעכן? מאָדנע! עס איז באמת גענוג מאָדנע, אַז נאָך אַזוי פיל פיינלעכע יאָרן, נאָך דעם דאָזיקן אויסערגעווייַנטלעכן שמאַכן און בענקען נאָך דעם ליבלינג פון מיין האַרץ, קאָן איך נישט אַפילו באַקומען קיין זיכערע ידיעות וועגן איר. (ער שווייגט אַ ווײַלע) טייער קינד! ווי אַזוי איז עס דיר דאָ געגאַנגען אין דער צייט, ווען איך בין דאָ נישט געווען? האָט דיין געזונט געהאַלטן אַ גלייכן טריט מיט מיין עשירות? ליב טעכטערל! ווי זעסטו איצט

ריַיזע! טאָג אונד נאַכט צו לאַנד אונד צו וואַסער, אָהנע אירגענדוואָ אויסצורוהען... דאָך דעם אַללמעכטיגען זיַי עס געדאַנקט, איך בין נון ווידער, נאַך פּערפּלאָססענען זעקס יאַהרען, אין מיַינער היימאַט... ווי מיר היר אַללעס זאָ פּערענדערט, פּערבעססערט, יאַ פּערשענערט, קינט איך זאַגען, פּאָרקאָממט... די שטראַסען — ווי זויבער, די היַיזער — ווי נידליך אונד שעהן! גאָטט, ענטשפּריכט אויך דאָס אינגערע דעם אויסערען? זאָנדערבאַר! וואַרהאַפּטיג זאָנדערבאַר גענוג איזט עס, דאָס נאָך זאָ פּילען מאַרטערפּאָללען יאַהרען, נאָך דיזעם אויס־סעראָרדענטליכען שמאַכטען אונד זעהנען נאַך דעם ליבלינג מיַינעם הערצענס, איך מיך ניכט איַין מאָהל געטרויע ערקונדיגונגען איבער איהר בעפּינדען איַינצוציהען. ער שוויַיגט אַ ביסל שטיל און טראַכט נאָך. ליבעס קינד! ווי ערגינג עס דיר היר וועהרענד דער ציַיט מיַינער אָבוועזענהיַיט? האָט דיַינע געזונדהיַיט מיט מיַינעם ריַיכטימע גליַיכען שריטט געהאַלטען? האַלדעס טעכטערכען! וויא זיהסט דוא דען יעצט אויס? איזט דער צאַרטע שפּרעסלינג צום האָפּפּענונגספּאָללען בוימ־כען הערויפּגעוואַקסען? ביזט דו דעם וונשע דיַינעם דיך איבער אַללעס ליבענדען פּאַטערס געמעס זיַינער ני פּערגעסליכען זעליגען רחלע עהנליך געוואָרדען? אָדער... ער בליַיבט זיצן גאַנץ טרויעריק פּאַרטראַכט. דערנאָך גיט ער זיך אַ כאַפּ־אויף. ניַין, ניַין, וועג מיט דיזעס העללישען געדאַנקען! אָ, אַללגיטיגער שעפּפּער, דער דו מיר זאָ אָפּט אין מיַינער נאָט בייַגעשטאַנדען, היממלישער פּאַטער אַללער וועזען! נעהמע מיר דיַינען זעגען, מיַינע געזונדהיַיט, מיַין לעבן,

---

אויס? איז דער צאַרטער שפּראָץ אויסגעוואַקסן צו אַ האָפענונגפולן ביימעלע? ביסטו נאָך דעם פאַרלאַנג פון דיין פאָטער, וואָס האָט דיך שטאַרק ליב, ענלעך געוואָרן צו זיין קיין מאָל נישט פאַרגעסלעכער פאַרשטאָרבענער רחלע? אָדער... (בלייבט זיצן טרויעריק). ניין, ניין, אַוועק מיט אָט דעם גיהנום־געדאַנק! אָ, גוטער בורא עולם, וואָס ביסט מיר אַזוי אָפט בייגעשטאַנען אין מיין נויט, הימלישער פאָטער פון יעדן באַשעפעניש! נעם ביי מיר צו דיין ברכה, מיין געזונט, מיין לעבן! נעם ביי מיר צו אַלצדינג, אַלץ, נאָר דאָס דאָזיקע ליבע, דאָס דאָזיקע שיינע קינד נישט!

נעהמע מיר אַללעס, אַללעס, נור דיזעס ליבע, דיזעס שעהנע קינד ניכט! ער שוויַיגט אַ ביסל שטיל.

צווייטער אַריינקום

דער פרעמדער, ר׳ שמעלקע, בערל

ר׳ שמעלקע — קומט פֿון דער גאַס מיט אַ שטעקן אין דער האַנט און וויל גיין אין טיר אַריַין. ער בליַיבט שטיין, ווי ער דערזעט דעם פֿרעמדן. אָ, וואַ! גוט... **גאָט ברוך הוא האָט דאָך מיר באַסערט אַ גאַשט!** ער נעמט־אַראָפּ דעם ספּאָדעק און נייגט זיך גאַנץ טיף פֿאַר דעם פֿרעמדן. **וויטאַמי פּאַנאַ דאָבראָדזיעיאַ! יאַק סיע יאַסניע וועל־מאָזשני פּאַן דאָבראָדזיי מאַ**[106]**?**

פֿרעמדער — זעט נאָך נישט ר׳ שמעלקען און שמועסט וויַי־טער צו זיך אַליין. **וואַס ווערע מיַין גליק, מיַין לעבען, אָהנע דיזעם קינדע**[107]**?**

ר׳ שמעלקע — צו זיך אין דער שטיל. **אַהאַ! ער איז זיך אַ דיַיטש!**

פֿרעמדער — קוקט זיך אום און דערזעט ר׳ שמעלקען. **זינד זי פֿיללײַכט דער ווירט דיזעס הויזעס**[108]**?**

ר׳ שמעלקע — גייט נענטער צו צו דעם פֿרעמדן און נייגט זיך ווידער אַזוי ווי פֿריִער. ער בליַיבט שטיין פֿאַר דעם פֿרעמדן און רעדט צו אים גאַנץ געשווינד. **יאַ, מיַין האַר! זיַיען זי מיר גאָר סיין ווילקאָמען, איַיערע גנאָדן! וואָס סאַפּן, וואָס באַפֿעלן איַיערע גנאָדן? אַ סיינע, פֿיַינע, געמאָלטע, ליכטיקע צימערל, אַ פּרעכטיקע סטאַל, פּריס היי, אַ ווילער האָבער, אַ הערלעכע עסן און טרינקען, וועלכעש**

[106] (פּ׳) מיר באַגריסן דעם ווילטעטיקן האַר! וואָס מאַכט זיין ווילגע־בוירנקייט? — [107] וואָס וואָלט געוואָרן פון מיין גליק, מיין לעבן, אָן דעם דאָזיקן קינד?

[108] זייט איר אפשר דער באַלעבאָס פון דעם הויז?

אײַערע גנאָדן זיך ווינסן? אַ גוטע אַלטיטסקע מעד, אַ וויטראַוונע גלעזעלע ווײַן, פֿון די ווילע גאַטונקעס[109] — סאַפּן נאָר אײַערע גנאָדן! באַפֿעלן נאָר אײַערע גנאָדן! אַ גלײַך, אַ באַלד וועט מען זיך לויפֿן און ברענגען צו טראָגן אַ טסײַ, אַ קאַווע, אַ סטאַרקע גלעזל פּאָנטס, אַ ליקווער, אַ סווייצער קעז, אַ סטאָק מאַרינאַט, אַן אַנגאַריסע בראָנדזע, אַ לענדעריסן הערינג, אַלץ, אַלץ קענען זי אײַערע גנאָדן באַקומען בײַ דעם גראָבן סמעלקע טרויביקס, און גאָר פֿאַר אַ ספּאַט[110] געלט, סאַפּן נאָר אײַערע גנאָדן! באַפֿעלן נאָר אײַערע גנאָדן!

פֿרעמדער — צו זיך אין דער שטיל. עס פֿרייט מיך אונגעמײַן, דאָס מאַן מיך אין דיזער טראַכט היר ניכט מעהר ערקענט[111]! הויך צו ר׳ שמעלקען. איר זײַט אײַך טועה, מײַן ליבער ר׳ שמעלקע! איך בין אַ ייִד.

ר׳ שמעלקע — טוט זיך גאַנץ געשווינד אָן דעם ספּאָדעק. אַ ייִדל? צו זיך אין דער שטיל. מײַן בייזער חלום צו זײַן קאָפּ זאָל זיך אָנהייבן אוישלאָזן. איך העט זיך געסוואָרן — אַ סלאַכציץ[112]! ער זעצט זיך אַנידער לעבן דעם פֿרעמדן און גיט אים די האַנט. שלום עליכם! פֿון וואַנעט זײַטס איר זיך? וואַהין פֿאָרט איר זיך?

פֿרעמדער — עליכם השלום! איך קום דאָ נישט ווײַט פֿון הי...

ר׳ שמעלקע — זײַטס איר זיך אפֿשר אַ קאַרדאָנער? האָט איר ביט חזיר־האָר, חלבֿ, עניס, יוכטן אָדער באַקאַליעס צו פֿאַרקויפֿן?

פֿרעמדער — נייך, איך האָב גאָר נישט צו פֿאַרקויפֿן.

ר׳ שמעלקע — אָדער באַדאַרפֿט איר זיך אפֿשר בײַ אונדז עפּעס צו קויפֿן? סניט־שחורה, צעלניק, געוואַנד און אפֿשר גאָר קאָ־שעש? נייך?... זאָגט זיך נאָר מיר, איך וועל זיך מיט אײַך גיין, איך וועל זיך אײַך ווײַזן, וועט איר זיך בוודאי אַלץ בחצי־חינם קויפֿן.

---

109 מינים. — 110 שפּאָט ביליק. — 111 ס׳פֿרייט מיך זייער וואָס מ׳האָט מיך אין דער דאָזיקער קליידונג נישט דערקענט. — 112 שליאַכטשיץ, פּריץ, פּוילישער אַדלמאַן.

זאָגטס נאָר, זאָגטס, וואָס ווילט איר זיך בײַ אונדז אין דער לעמבערג האַנדלען? איך בין זיך אַ מבֿין גדול אויף כּל מיני שחורות.

פֿרעמדער — איך דאַרף איצט גאָר נישט צו קויפֿן. איך וויל אײַך נאָר בעטן, אויב איר האָט נישט עפּעס אַ באַזונדערע סטאַנציע פֿון מײַנעט וועגן?

ר׳ שמעלקע — פֿון אײַערט וועגן? ניין, ניסטאָ. ער וויל אָוועקגיין.

פֿרעמדער — טאָמער יאָ, איך וועל אײַך גוט באַצאָלן, כ׳לעבן.

ר׳ שמעלקע — ניין, ניין, ניסטאָ. איך מיין, אַז איר זײַטס אויך גאָר סלעכט אַהער פֿאַרפֿאָרן.

פֿרעמדער — איר האָט דאָך אָבער ערשט אַליין געזאָגט, אַז איר האָט יאָ זייער אַ שיין געמאָלט שטיבעלע?

ר׳ שמעלקע — נו, יאָ, איך האָב זיך טאַקע אַ סך זייער סיינע סטיבעלעך, אָבער נאָר פֿון סלאַכציצעס וועגן... הײַנט איז זיך בײַ מיר די צײַט פֿון די קאָנטראַקטעס. ער וויל אָוועקגיין און מאַכט אויס דעם פֿרעמדן חוזק. ניסטקסה, מײַן ליבער ר׳ קרובֿ, אײַערע סאַרפֿאַט אַלפֿים קערבלעך מעגט איר אַפֿילו דאָרט הינטן אין די סענקסטוב אויך אַנידערלייגן. עס וועט זיי אײַך, אָסור חזיר, קיינער ניסט באַ־גנבֿענען! ער לאַכט.

פֿרעמדער — אַנטלויפֿט נאָר נישט, קומט נאָר אַהער, איך וועל אײַך נאָר עפּעס זאָגן. אַנטלויפֿט נאָר נישט, קומט נאָר אַהער, נאָר אויף איין וואָרט!

ר׳ שמעלקע — קומט־צוריק צו גיין. נו, וואָס?

פֿרעמדער — וואָס אַנטלויפֿט איר? זעצט אײַך נאָר דאָ נעבן מיר אַ ביסל אַנידער.

ר׳ שמעלקע — מיט כּעס. נו, זאָגטס, וואָס ווילט איר? איך האָב זיך קיין צײַט ניסט מיט אײַך דאָ אַ סך צו באַלאַמוצען[113]. הײַנט

---

[113] פאַרלירן צייט.

איז בײַ מיר אַ מינוט אַ שעה, אַ שעה — אַ טאָג, אַ טאָג — דאָס מינדשטע אַ רענדל.

פּרעמדער — איך וועל אײַך זאָגן גאָר דעם אמת. איך קום דאָ אַצינד פֿון זייער אַ ווײַטן וועג. איך בין געפֿאָרן טאָג און נאַכט. אַצינד בין איך זייער מיד און העט זיך גערן ערגעץ נאָר אויסגערוט. בעט איך אײַך, מײַן ליבער ר׳ שמעלקע: גיט מיר אַ באַזונדער שטיבל, עס מעג זײַן ווו עס איז, אַבי איך זאָל מיך נאָר האָבן ווו אויסצורוען. איך וועל אײַך אַוודאי זייער גוט באַצאָלן, אפֿשר בעסער ווי אַ גרויסער שׂררה. קורץ, איך וועל אײַך געבן וויפֿל איר ווילט אַליין.

ר׳ שמעלקע — איך קען זיך סוין די ייִדיסע צאָלעכץ. וויפֿל קענט איר זיך גאָר געבן פֿאַר אַ מעת-לעת? און ווי לאַנג קענט איר זיך גאָר אויפֿהאַלטן אַ סטיבעלע? זאָגטס, זאָגטס!

פּרעמדער — צו זיך אין דער שטיל. אויס דיזער נאָט מוס מיר איינע ליגע העלפֿען[114]. הויך צו ר׳ שמעלקען. איך קען אײַך אַליין נאָך נישט רעכט זאָגן, ווי לאַנג איך וועל דאָ הי דאַרפֿן צו בלײַבן, וואָרן איך מוז דאָ וואַרטן אויף אַ גראַף, וואָס האָט מיך דאָ באַשטעלט. ער וועט אַוודאי אַהער קומען הײַנט אָדער מאָרגן. ער וועט דאָ קומען מיט אַ גרויסן הויף. איר וועט פֿון אים אַוודאי זייער אַ סך לייזן, וואָרן ער איז זייער רײַך. איר מעגט מיר גלייבן, אַז איר וועט צו ב׳אים נישט צולייגן.

ר׳ שמעלקע — אַזוי? נו, אַ ייִדל צוליב מוז מען זיך סוין אַלץ טאָן, פֿלעגט דער בערדיטסעווער עליו־השלום צו זאָגן. נו, איך וועל זיך אײַך סוין געבן אַ סטיבעלע. עס איז, פּראָוודע, אַ ביסעלע נעבן דער סטאַל, אָבער פֿאַר אַ ייִדל איז עס גענוג אַ סיין סטיבעלע. איר וועט זיך מיר נאָר געבן אַכט רייניסלעך אַ וואָך, כ׳לעבן, גאָר בחינם, נאָר עס איז דאָך נאָסע[115], נאמנה! וואָס טוט מען ניסט אַלץ פֿון אַ ייִדלס וועגן?

---

[114] פֿון דער דאָזיקער צרה מוז מיר אַ ליגן אַרויסהעלפֿן. — [115] נאַשע (פּ׳) אונדזערס.

פּרעמדער — צו זיך אין דער שטיל. **ווען דיזעס בחינם הייסט, וואָס קאָן נאָך בעצאָהלונג הייסען?**

ר׳ שמעלקע — **וואָס? איר זײַטס אײַך ערנסט מיישבֿ? געפּעלט אײַך אפּשר ניסט?** ער וויל אָוועקגיין. **נו, גייטס, זוכטס אײַך ערגעץ אַנדערס וועלוועלער! און אפּשר ווילט איר גאָר בחינם? גייט זיך אין אורחים־הויז אַרײַן — דאָרט בײַ דער סול ווינט דער גבאי.**

פּרעמדער — האַלט אים בײַ דער האַנט און לאָזט אים נישט אָוועקגיין. **נו, נו, איך וועל אײַך שוין געבן אַכט רײַניש. הייסט נאָר שוין מײַנע זאַכן אַהינטראָגן.**

ר׳ שמעלקע — **נו, נו, מען וועט זיך סוין טראָגן. גיט זיך נאָר פּריִער אַהער די מטבע!**

פּרעמדער — נעמט־אַראָפּ פון זיך אַ בײַגאַרטל מיט געלט און גיט ר׳ שמעלקען אַרויס אַ רענדל. **נאַ, דאָ האָט איר אַ רענדל און לאָז די רעשט בלײַבן בײַ אײַך ביז צום חשבון!**

ר׳ שמעלקע — מאַכט השוויות, ווי איינער וואָס איז מלא שׂמחה. **אָ, וואַ, סאַמע רענדלעך!** ער נעמט־צו דאָס רענדל. **נו, נו, סוין גוט!** ער וועגט דאָס רענדל אין דער האַנט און שרײַט אַרײַן דורך דעם פּענצטער. **בערל, טראָג זיך אַרײַן די זאַכן, דעם דײַטשן סוחרס זאַכן, אין די סיינע געמאָלענע סטיבעלע!** צום פּרעמדן. **איר זאָלט מיר מאַריך ימים ושנים זײַן, מה שמך? ווי הייסט איר?**

פּרעמדער — **איך הייס.** ער איז זיך אַ ביסל מיישבֿ. **איך הייס שלמה גוטהערץ.**

ר׳ שמעלקע — **גוטהערץ? גוטהערץ? אפּשר גאָר אַ קרובֿ פון ר׳ דוד גוטהערץ, וואָס איז פּאַר עטלעכע יאָרן אַוועק פון אונדז?**

פּרעמדער — **איך קען אײַך נישט זאָגן, צי יאָ, צי ניין, נאָר עיקר שכחתי: איר האָט דאָך עפּעס פּריִער געזאָגט, אַז איר האָט אַ גוט גלעזל וויַן?**

ר׳ שמעלקע — **אוי, ווײַ, אַ ווײַן! אוי, ווײַ, אַ ווײַן! איך זאָג אײַך אַ וויטראַוונע, אַ זיסינקע, אַ סטאַרקע, גאָר אַ מאַסליס! און, כ׳לעבן, כשרע אויך. דער סאַווראַניער רבי, זאָל מאַריך ימים ושנים**

זײַן, איז אַ מאָל הי געווען, האָט ער, אָסור, קײן אַנדערע ווײַן ניסט געוואָלט טרינקען, נאָר די מײַנע. איך האָב זיך בײַ דעם צדיק גע־לײזט אַ סך געלט. איר קענט זיך בײַ מיר קריגן אַלערליי גאַטונקעס: אי רויטע, אי ווײַסע, צו צוויי רייניס, צו פֿיר רייניס און צו אַכט רייניס אַ בוטעלקעלע [116] אויך.

פֿרעמדער — נו, הייסט נאָר אַהער ברענגען אַ בוטעלקעלע ווײַן פֿאַר פֿיר רײַניש מיט צוויי גלעזלעך.

ר׳ שמעלקע — מיט צוויי גלעזלעך? באַלד, זאַראַס [117], תּיכף! ער שרײַט־אַרײַן דורך דעם פֿענצטער. בערל! ברענג זיך נאָר געסווינט אַ בוטעלקעלע ווײַן, פֿון די גוטע, מיט צוויי גלעזלעך! הערסטו? פֿאַר פֿיר רייניס, פֿון די גאַנץ גוטע, און מיט צוויי גלעזלעך, הערסטו? ער זעצט זיך נעבן דעם פֿרעמדן. איך זאָג אײַך, מײַן האַרציקער, גור־טיצקער ר׳ סלאָמקע, עס זײַנען זיך סוין גאָר ניסט די צײַטן, סוין גאָר ניסט די יאָרן, סוין גאָר ניסט די מענטשן, וואָס פֿלעגן אַמאָל צו זײַן. איך קען זיך גאַנץ גוט דערמאַנען, ווי פֿאַר עטלעכע יאָר, אַז עס איז זיך געקומען די צײַט פֿון די קאָנטראַקטעס, פֿלעגט תּמיד בײַ מיר אומעטום פֿול צו זײַן פֿון שררות. מען האָט ניסט געקענט אַ ספּילקע צו דער ערד וואַרפֿן. איטלעכער שררה האָט זיך געהאַט דרײַ קאָטסן צו זעקס פֿערד, גאָר ווי די לייבן, און אפֿשר צוועלף לאָקײַעס. איך זאָג אײַך, עס האָט טאַקע געסווירבלט און געגריבלט פֿון שררות. און די געלט איז זיך געפֿלויגן פֿון איין קעסענע אין די אַנדערע! עס איז טאַקע געווען אַ נחת. אַז עס פֿלעגט זיך אַזוי אַרײַנצופֿאָרן אַ שררה, האָט מען זיך אָן אים טאַקע געהאַט אַ פּעניץ. הײַנטיקע צײַטן אָבער, אַז עס קומט זיך סוין אַ מאָל עפּעס אַ סלאַכצינקע, מאַכט ער זיך מיר גאָר מסוגע! אמת, ער הוקעט און סטוקעט, אַזוי ווי דעמאָלט; ער דרייט זיך די צופּרינקע [118] אַזוי ווי דעמאָלט; ער לאַרעמט און

---

[116] פלעשעלע.

[117] (פּ׳) באַלד, די רגע.

[118] טשופּרינע, געדיכטער קאָפּ האָר.

סרײַט, אַז ער וויל עפּעס, גאָר אַזוי ווי דעמאָלט; דערקעגן, אַז עס קומט זיך צו די בידנענקע חסבון, נעבעך, ווערט ער זיך גאָר נשתּנה, ער ווערט זיך אַזוי אַ פּאָקאָרנינקע, אַזוי אַ סטילינקע, אַזוי אַ ספּאָ־קאָיניצקע; און מען הערט פֿון אים ניסט מער, נאָר „טסעקײַ, מאָי סמעלקעניו! ניעמאַם טעראַז פּיעניאָנדזע, דאַם צי זבאָזשע“[119]... נו, וואָס טויג מיר זײַן תּבֿואה, איך באַדאַרף זיך די געלט, אוי, די געלט, די געלט!

פֿרעמדער — ווייסט איר אָבער, מײַן ליבער ר׳ שמעלקע, פֿאַר וואָס דאָס איז אַזוי געוואָרן? ווײַל פֿאַר צײַטנס פֿלעגט אַ שׂררה זייער וויניק צו פּילנעווען זײַנע גיטער. ער פֿלעגט נאָר צו פֿאָרן אין שטאָט אַרײַן הולטײַען און חובֿות צו מאַכן, ביז ער האָט די גיטער פֿאַרהולטײַעט און עס איז אים צום סוף גאָר נישט געבליבן. און דאָס זעען מיר דאָך אַפֿילו, אַז די שׂררות, וואָס האָבן געפּילנעוועט זייערע גיטער און זײַנען זייער וויניק צו אײַך אין שטאָט אַרײַן גע־קומען, זײַנען נאָך אַ סך רײַכער אין גיטער און אין געלט.

ר׳ שמעלקע — אי, וואָס! האָט מיר ניסט פֿאַראיבל, איר ווייסט ניסט. איך וועל זיך אײַך זאָגן, פֿון וואַנעט דאָס איז געקומען. פֿאַר צײַטנס, דאַכט זיך מיר, איז געווען אַ גרויסע ברכה אין דער מדינה. מע האָט גאָר ניסט געוווסט פֿון די הײַנטיקע נײַע מאַסינען צום אַקערן, צום זייען און צום מלאָצען[120], פֿלעגט זיך צו זײַן די תּבֿואה גאָר אַ ביסעלע, די יקרות אָבער זייער גרויס. האָט איינער געהאַט אַ ביסל ווייץ אָדער קאָרן, האָט מען ס׳אים געמוזט מיט רויטע רענדלעך אָפּוועגן — איז טאַקע געווען אַ תּענוג, אי דער שׂררה, אי דער גוטער סמעלקע האָט גענוג געהאַט. אָבער אַצינדערט, זײַט די מאַסינען זײַנען אַרויסגעקומען, איז אין אַלע ווינקלען דאָ תּבֿואות

---

[119] „וואָרט, מיין שמעלקעניו, כ׳האָב איצט נישט קיין געלט, כ׳וועל דיר געבן תבואה“.

[120] (פּ׳) דרעשן.

זייער אַ סך. און וואָס נאָך — די שררה קען סוין, כ׳לעבן, גאַנץ גוט חשבונען אויך.

פּרעמדער — צו זיך אין דער שטיל. לײַדער ווערדען דיזעס איינען שעלמס וועגען מעהרערע עדעל־דענקענדע יודען פֿאָן אַנדערען פּעראַכטעט [121].

בערל — קומט דורך דעם טויער צו גיין און ברענגט אַ בר־טעלקעלע וויַין מיט צוויי גלעזלעך, שטעלט אַנידער אויף דער באַנק, גיסט־אָן און גייט ווידער דורך דעם טויער אַוועק.

ר׳ שמעלקע — נעמט אַ גלעזל ווייַן און טרינקט. לחיים! אָט דאָ פֿאַרזוכטס עפּעס גוטס. זאָל מיך גאָט ברוך הוא סטראָפֿן, אויב איר קריגט אײַך אַזוי אַ ווײַנדל אין גאַנץ דער לעמבערג. טאַקע גאָר אַ מאַסליס. פֿאַרזוכט נאָר!

פּרעמדער — טרינקט. לחיים! נאַ, זייער גוט קען מען נישט זאָגן. אַז ער איז אַ ביסל אונטערגעמאַכט [122], שײַנט ער אויך צו זײַן.

ר׳ שמעלקע — וואָס? אונטערגעמאַכט? גלייבט זיך מיר באמנות שלי, אַז אין מײַן גאַנץ קעלערל וועט איר זיך ניסט געפֿינען אַפֿילו איין טרעפּל ווײַן אונטערגעמאַכטן. איך באַדאַרף זיך, אָסור, ניסט באַרימען. פֿרעגטס אײַך נאָך אין גאַנץ דער לעמבערג, וועט אײַך איטלעכער זאָגן, אַז בײַם גראָבן ליטוואַק איז דאָ די בעסטע ווײַן. איך בין זיך ניסט אַזוי ווי אַנדערע, וואָס סיקן ערסט צו די סענקער, אַז אַן אורח וויל זיך אַ גלעזעלע ווײַן. בײַ מיר זעט איר, ער ווײַזט אים דעם שילד אויף דעם לאָדן, בײַ „די מרגלים״, איז דאָ אַ גאַנץ סייַן קעלערל מיט ווײַן. און פֿאַר דאָס העלפֿט זיך מיר טאַקע דער אייבערסטער, אַז איך האָב זיך מיר מײַן פּרנסה בכבוד, לחיים! ער טרינקט.

[121] צום באַדויערן ווערן איבער אַזאַ־אָ שווינדלער אַ סך איידעלע ייִדן פֿון אַנדערע געהאַסט.

[122] געפֿעלשט, וואַסער פֿאַרמישט אין ווײַן.

פּרעמדער — עס האָט אַ פּנים, אַז איר שטייט אײַך אַלע הי נישט שלעכט?

ר׳ שמעלקע — אָט מוצעט מען זיך אויף דער וועלט. ער טרינקט.

פּרעמדער — ווי גייט עס הי איינעם ר׳ משה?...

ר׳ שמעלקע — פֿאַלט אים אין די רייד אַרײַן. גוט, גאַנץ גוט. ער טרינקט. גאָר אַ ווּונדער.

פּרעמדער — וועלכן ר׳ משה מיינט איר דען?

ר׳ שמעלקע — ווייש איך? וועלכן מיינט איר?... איר טרינקט דאָך אָבער עפּעס גאָר נישט?

פּרעמדער — שמייכלט. נישקשה, איך וועל שוין טרינקען... איך מיין דעם ר׳ משה, וואָס מען רופֿט אים ר׳ משה מעליזד, ווײַל דאָס ווײַב זײַנס זיצט מיט שפּײַז און מיט מעל.

ר׳ שמעלקע — ר׳ משה מעליזד? אַהאַ! אַהאַ! איך וויים סוין, איך וויים סוין... וואָס די ווײַב זײַנע היישט זיך שערקעלע?

פּרעמדער — יאָ, יאָ, סערקעלע, סערקעלע, דעם מיין איך, דעם!

ר׳ שמעלקע — דעם מיינט איר? האָ־האָ! ווו איז סוין די שער־קע! ווו זיצט זי סוין מיט די מעל! ער טרינקט. האָ־האָ!

פּרעמדער — דערשראָקן. וואָס? סערקע איז געשטאָרבן?

ר׳ שמעלקע — אָט, וואָס רעדט איר דאָ „געסטאָרבן״? די מלאך־המוות האָט זיך איבער סלעכטס גאָר קיין שליטה ניסט, אָסור! ער טרינק־אויס זײַן גלעזל ווײַן, דערגיסט דעם פּרעמדנס גלעזל און גיסט זײַנס ווידער אָן.

פּרעמדער — וואָס דען מיינט איר? זאָגט מיר, מײַן ליבער ר׳ שמעלקע! זייער אומגעדולדיק. איז זי אפשר, חלילה וחס, קראַנק?

ר׳ שמעלקע — אָט, וואָס זאָגט איר, פלוצלינג קראַנק! אויף אַלע יידיסע קינדער געזאָגט איר געזונט און איר עשירות, געסעדיקט

זאָל זי ווערן! פֿאַר וואָש פֿאַר אַ נויט זאָל זי זיך נאָך זיצן מיט די מעל? ווייסט איר דען ניסט, אַז סערקע האָט אפֿשר צוועלף טויזנט קערבלעך איר אייגנס, און אפֿשר נאָך מער?

ר׳ שמעלקע — גאַנץ רויק. אַזוי, זי איז אַ נגידה? זייער פֿײַן, דאָס איז עפּעס אַנדערשט.

ר׳ שמעלקע — וואָש? אַ נגידה? אַ נגידה, זאָגט איר? אַלץ הייסט אַ נגידה! עס איז דאָך איצט גאָר ניסט צוצוטרעטן צו איר. זי איז זיך דאָך בײַ זיך אַזוי גרויש, ווי אַ סוואַרץ יאָר. און פֿאַר וואָש, פֿאַר ווען ווייסט אויך דער סוואַרצער יאָר. אפֿשר, ווײַל זי האָט זיך די געלט? אָסור חזיר! זי האָט זיך נאָך ניסט גאָט בײַ די פֿיש אָנגע־נומען. קיין פֿלעקעלע קען זי זיך אויך ניסט פֿאַרסלאָגן! ניסטקשה, די רעדעלע קען זיך נאָך ווידער צוריקדרייען.

פֿרעמדער — האָט מיר נישט פֿאַראיבל, מײַן ליבער ר׳ שמעלקע. איר ווייסט דאָך, אַז איך בין גאָר אַ פֿרעמדער און די סער־קעלע גייט מיך גאָר נישט אָן, נאָר טשעקאַווע בין איך פֿאָרט צו וויסן, פֿאַר וואָס איר זײַט דאָס אַזוי בייז אויף איר?

ר׳ שמעלקע — ווײַל איך זע זיך, אַז איר זײַטס אַ קלוגער ייִד, וועל איך אײַך די גאַנצע מעשה, גאָר בקיצור, דערציילן. ער טרינקט. ווי איר זעטס מיך אָן, הייש איך זיך ר׳ סמעלקע; אויף די דײַטסע נאָמען סמעלקע טרויניקס. די היגע לײַט אָבער, נאָר צום מייסטן מײַנע שונאים, רופֿן זיך מיר „דער ליטוואַק". און פֿאַר וואָש? ווײַל איך בין זיך פֿון דער ליטע, אַ בירטיקער[123] פֿון דער ווילנע; איך זאָג אײַך די ווילנע — אַ קהילה קדושה! איר זײַטס דאָך בוודאי אַמאָל דאָרט געווען אין דער ווילנע?

פֿרעמדער — אַמאָל, אַמאָל.

ר׳ שמעלקע — ווי געפֿעלט אײַך דאָרט די גרויסע הענגל־לײַכטערס און די חצות־בית־המדרשל? ניסט וואָר, סיין? כ׳לעבן, גאָר אַ צאַצקע! מײַנע אָבות אַבֿותינו זײַנען זיך דאָרט תּמיד געווען פּרנ־

---

[123] געבוירענער, געבירטיקער.

שים און נגידים; מײַן טאַטע, דער צדיק, עליו השלום, זײַן זכות זאָל אונדז בײַסטיין, פֿלעגט תּמיד צו טרײַבן זײַן משא־ומתּן מיט פּראָדוקטן קיין דער לעמבערג, אַ מאָל מיט יוכטן, אַ מאָל מיט חלבֿ און אַ מאָל מיט עניש. איין מאָל איז ער זיך געפֿאָרן אַהער מיט חזיר־האָר, האָט ער זיך מיישבֿ געווען און האָט אין איין וועגס מיך דאָ משדך געווען מיט די בעל־בית אַ טאָכטער, וואָס ער פֿלעגט זיך תּמיד בײַ אים אײַנצושטיין. ער טרינקט. בקיצור, איך האָב זיך למזל חתונה געהאַט און גאָט ברוך הוא האָט זיך מיר געשיקט די ברכה... איך בין זיך געוואָרן אַ גרוישע אַדיר. איך האָב זיך אַ סיין אײַנפֿאָרהויז, אַ סיין קעלערל מיט ווײַן, אַ סיין ביסעלע זילבער און די געלט געגנוג. נו, האָט זיך מיר גאָט פֿאַר אַ יאָרן אַ גרוישע צרה צוגעשיקט, דהײַנו: מײַן ווײַב, פֿייגעלע, איז זיך פּלוצלינג פֿון אַלע סטיגן אַראָפּגעפֿאַלן און איז זיך, נעבעך, יונגערהייט פֿאַרשטאָרבן. איך האָב זיך געוויינט, געחלשט און געיאָמערט. נו, וואָס העלפֿט אָבער דאָס קלאָגן? פֿאַרשטאָרבן בלײַבט פֿאַרשטאָרבן און איך האָב זיך געמוזט אַליין אַן עצה געבן. ער טרינקט. אַ סיין ביסעלע צירונג האָט זי מיר אויך איבערגעלאָזט. בקיצור, אײַך דאָ ניסט לאַנג צו באַלאַמוצען... איך בין זיך אַ יוסטער נגיד...

פֿרעמדער — אומגעדולדיק. נו, בקיצור!

ר׳ שמעלקע — מילא, בקיצור, גאָר ניסט מאַריך צו זײַן. ער טרינקט־אויס זײַן גלעזל און גיסט אים ווידער אָן. האָב איך זיך דאָ פֿאַר אַ פּאָר וואָכן געשיקט אַ שדכן, איינעם ר׳ סמערעלע, אַ כשרן ייִד, צו דער שערקעלע. זי האָט זיך אַ מיידל, אַפֿילו אַ פֿײַן מיידל. זי איז זיך, פּראַוודע, אַ קאַפּיצקע אַ פֿראַנצימירקע און פֿון די הײַנטיקע וועלט אויך... איין אַ גאַשפּאָדע[124] אָבער, נאָך דערצו אַזוי אַ גאַשפּאָדע, ווי די מײַנע איז זיך, באַדאַרף מען טאַקע אַזוינס האָבן. ווייש איך פֿיל, מאָלטס אײַך, אַ מאָל מיט אַ שררה צו סמועסן און אים בכּבֿוד צוצונעמען, און ווידער אַ מאָל זיך צו קענען אַ בייזער

---

[124] (פּ׳)ווירטשאַפֿט.

און אַ געסריי אויך צו געבן. איר ווייסט דאָך אַוודאי, ווי עס פּירט זיך אין אַזוי אַ גאַשפּאָדע, ווי די מײַנע איז זיך?

פּרעמדער — אומגעדולדיק. נו, נו, ווײַטער, נאָר בקיצור!

ר' שמעלקע — מילא, בקיצור, איך וויל זיך אײַך דאָ ניסט לאַנג דאָקוטסען[125], איר זײַטס מיד פּונעם וועג... מילא, יאָ, דאָס, הע, זעט איר, איך פֿאַרגעש זיך איינש פֿאַר ש'אַנדערע... די עיקר, פֿאַר וואָש האָב איך זיך פֿאַרט געסיקט צו שערקעלען? ווײַל איך האָב זיך געהערט מפּי אישׂ נאמן, אַז זי וויל נאָכגעבן דעם מיידל ערך פֿערצן הונדערט קערבלעך מזומן, חוץ מתנות און שאָר ירקות, און אַ בת־יחידה איז עס דאָך אויך. מילא, בקיצור, קען זיך אַזוי שערקעלע, וואָס איז ערסט פֿאַר עטלעכע יאָרן געזעסן מיט די ספּײַז און די מעל, און איר פֿאָטער איז זיך אויך קיין סופֿר ניסט געווען... נו, וואָש, ער האָט זיך יאָ געקענט לערנען? זאָגט די וועלט, נו, וואָש איז זיך נאָך דער מער? איך האָב זיך סיין געזען אַ גאַנץ סך ייִדן ווײַלער־נערס אַרומגיין אין די הײַזער קבצנען!

פּרעמדער — לײַדער איזט עס וואַרהייט. הויך. נו, דערציילט שוין בקיצור.

ר' שמעלקע — מילא, ספּיץ, בקיצור... ער טרינקט־אויס זײַן גלעזל ווײַן און גיסט ווידער אָן. זאָל איך זיך היישן נאָך אין בוטעל־קעלע אַרויפּנעמען, יאָ?

פּרעמדער — דערציילט נאָר, דערציילט נאָר.

ר' שמעלקע — תּיכף, תּיכף. ער שרײַט־אַרײַן דורך דעם פֿענצטער. בערל! נאָך איין בוטעלקעלע!

פּרעמדער — צו זיך אין דער שטיל. ווי ער מיך יעצט זאָ גוט בעדינט, ער ערוואַרטעט ניכט איינמאַל מײַנע בעפֿעהלע. הויך צו ר' שמעלקען. נו, שפּיץ, בקיצור...

ר' שמעלקע — מילא, ספּיץ, בקיצור, וואָש איז דאָ מיט דער כּל הכּלבֿימטע די יחוס? איר ברודער איז יאָ אפֿשר עפּעש אַ סטיקעלע

125 דערגיין די יאָרן.

לײַט געװען, האָט ער אױך געמוזט פֿאַר עטלעכע יאָרן עוקר זײַן איבער אַ מעשה שהיה און איז טאַקע סוין ניסט מער צוריקגעקומען... מילא, קען זיך אַזױ אַ צרה, אַזױ אַ לײַד, אַזױ אַ שערקעלע, מיר, אַ היגן נגיד, ער גלעט זיך דעם בױך, אַן עושר, כ׳לעבן, דורך דעם ר׳ סמערעלע באַפֿעלן כהאַי לישנא: „מײַן בת־יחידה װעט זיך ערסט לערנען מעסטן די האָבער און רײדן די ליטװיסע לשון, דערנאָך װעט זי אפֿשר ערסט קענען װערן סמעלקע ליטװאַקס כלה“. דאָס קען זיך אַזױ אַ פּראָסטע מעל־ײַדענע מיר באַפֿעלן! איך האָב זיך נאָר געסעמט פֿאַר די שדכן, פֿאַר די ר׳ סמערעלע. נו, װאָס איז, אַז איך רײד זיך סוין יאָ די ליטװיסע ספּראָך? דאָ אין דער לעמבערג לאַכט מען זיך אױס די ליטװיסע ספּראָך און בײַ אונדז אין דער װילנע לאַכט מען זיך װידער אױס די היגע ספּראָך... איך האָב זיך, אָסור חזיר, די אַלע ספּראָכעס ניסט געמאַכט.

בערל — ברענגט װידער אַ בוטעלקע װײַן און גײט־אַװעק.

ר׳ שמעלקע — זעט איר, מײַן גוטיצקער ר׳ סלאָמקע, איך האָב זיך גאָר ניסט מאַריך געװעזן. פֿאַר װאָס טרינקט איר אָבער ניסט? עס איז דאָך טאַקע גאָר מאַסליס! ער טרינקט מיט אַ מאָל אױס זײַן גלעזל װײַן.

פֿרעמדער — נישקשה, טרינקט איר נאָר, איך װעל שױן טרינקען. ער טרינקט. אַזױ, מײַן ליבער ר׳ שמעלקע, האָט איר טאַקע אַ טעם פֿאַר עפּעס בײז צו זײַן.

ר׳ שמעלקע — דערגיסט דעם פֿרעמדנס גלעזל און גיסט זײַנס אױך אָן. לחיים! ער טרינקט. אױב איך האָב זיך אַ טעם! און אַפֿילו אַ גוטן טעם!

פֿרעמדער — איך קען זי פֿון לאַנג, די סערקעלע. איר מאַן אָבער איז אַ גאַנץ ערלעכער ייִד, נישט װאָר?

ר׳ שמעלקע — װער, ר׳ משה? יאָ, ער איז זיך, נעבעך, גאָר אַ פּראָסטאַק, ער גײט זיך נאָך זײַן סטײגער... נאָר צו װאָס טױג זיך אַפֿילו די גוטע משקה, אַז זי איז זיך בײַ די סלעכטע סענקערס אין די הענט? די משקה איז זיך טאַקע באמת גוט, די סענקער איז זי

אָבער מכלה... דאָס איז די משל, און דאָס איז זיך די נמשל: שער־קעלע קען זיך סוין מיט די ר׳ משה אַן עצה געבן. זי פּאַרדרייט אים סוין גוט די קעפּעלע. ער טרינקט.

דריטער אַריינקום

דער פרעמדער, ר׳ שמעלקע, ר׳ גבריאל

ר׳ גבֿריאל — קומט צו גיין פֿון דער גאַס און גייט זיך אַזוי אַ פּאָר מאָל אַהין און אַהער פֿאַרביי דעם פרעמדן און קוקט אים אַלע מאָל אָן. ער שפּילט זיך מיט אַ שטעקעלע אין דער האַנט און זינגט אַזוי פֿאַר זיך אין דער שטיל אַ ניגונדל. אין דער אַנדערער האַנט טראָגט ער אַ קעסטל, גאַנץ גוט פֿאַרבונדן אין אַ סערוועט.

ר׳ שמעלקע — **אַזוי? איר קענטס אייך גאָר די שערקעלע? עס האָט אַ פּנים, אַז איר האָט סוין אַמאָל געמוזט זײַן בײַ אונדז אין דער לעמבערג?**

פֿרעמדער — **אַמאָל, אַמאָל, עס איז אָבער שוין זייער לאַנג.**

ר׳ גבֿריאל — בלײַבט פּלוצלינג שטיין פֿאַר דעם פרעמדן און פֿרעגט ר׳ שמעלקען. **דער האָר שײַנט מיר עפּעס בעקאַנט צו זײַן ...איז ער נישט אַ בראָדער, האָ? נישט וואָר? געטראָפֿן?**

ר׳ שמעלקע — שוין אַ ביסל פֿאַרשלאָפֿן. **געטראָפֿן, יאָ, איך וויים ניסט...**

פֿרעמדער — צו ר׳ גבֿריאלן. **ניין, איך בין נישט קיין בראָדער.**

ר׳ גבֿריאל — **אָבער קיין היגער אַוודאי נישט, האָ? געטראָפֿן?** ער שטעלט־אַנידער דאָס פֿאַרבונדענע קעסטעלע אויף דער באַנק און גיט דעם פרעמדן די האַנט. **שלום עליכם!**

פֿרעמדער — גיט ר׳ גבֿריאלן די האַנט. **עליכם השלום!**

ר׳ שמעלקע — כאַפּט זיך אויף פֿונעם שלאָף און טרינקט. **אָבער, מײַן גוטיצקער ר׳ סלאַמקע־לעבן! איר טרינקט דאָך גאָר נישט.**

ער ווערט אַנטשלאָפֿן אויף דער באַנק זיצנדיק און האַלט די האַנט בײַ דער בוטעלקע.

ר׳ גבֿריאל — צו דעם פֿרעמדן. וואָס הערט מען דאָרט עפּעס אין אײַער ווינקל?

פֿרעמדער — בײַ אונדז? גאָר קיין נײַעס.

ר׳ גבֿריאל — ווערט איר הי עפּעס האַנדלען? אָדער האָט איר אפֿשר עפּעס צו פֿאַרהאַנדלען? האָט נישט פֿאַראיבל, וואָס איך פֿרעג אײַך, וואָרן, ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך אויך אַ היגער סוחר און, ווי הייסט, טאַקע אַ גרויסער שפּעקולאַנט. איך האַנדל־איבער וועלטן. מײַן נאָמען איז אומעטום באַקאַנט. ווו איר וועט נאָר אָנכאַפּן, קען מען מיך אַלץ. איך האָב תמיד בריוו פֿון אַלע גרעסטע סוחרים פֿון אַלע גרעסטע שטעט! אָט, זײַט איר עפּעס אין קונדשאַפֿט מיט די געברידער וואַלצמאַן אין מאָסקווע?

פֿרעמדער — ניין.

ר׳ גבֿריאל — ניין? אַ חידוש, כ׳לעבן. ווער קען די לײַט נישט? איך וועל אײַך דאָ ווײַזן אַ בריוו, ער זוכט אין די קעשענעס, וואָס איך האָב ערשט אייערנעכטן פֿון זיי געהאַט, וועגן אַ קליין קאָמיסיאָנדל פֿון צוועלף טויזנט צענטן באַוול... אַ שאָד, איך האָב דעם בריוו נישט בײַ מיר... אָדער... קענט איר אפֿשר דאָס הויז קיטאַיאָף אין בערלין?

פֿרעמדער — ניין, איך קען די אַלע הערן נישט. איך האָב אַפֿילו קיין מאָל פֿון זיי נישט געהערט.

ר׳ גבֿריאל — צו זיך אין דער שטיל. איך אויך, אָסור, נישט! הויך. וואָס? דאָס הויז קיטאַיאָף קענט איר נישט? איר טרײַבט קאַטאָוועס... ווי קען מען נישט אַזוינע גרויסע שפּעקולאַנטן? זיי זײַנען דאָך ממש די גרעסטע סוחרים אין גאַנץ האָלאַנד!

פֿרעמדער — אין גאַנץ פּרײַסן, ווילט איר זאָגן, וואָרן בערלין איז די הויפּטשטאָט פֿון פּרײַסן.

ר׳ גבֿריאל — דאָס האָט גאָר נישט צו דער זאַך. פֿון דעסט וועגן האָב איך תמיד בריוו פֿון זיי. אָט, ווען איז עס געווען, הע? דאַכט

זיך דעם עלעפֿטן, יאָ, האָבן זיי מיר דאָ איינגעשיקט אַ גאַנץ־קעס־טעלע מיט צירונג, פּערל און דימעטן. זײַט איר עפּעס אַ מבֿין אויף זעלכע זאַכן?

פּרעמדער — איך פּלעג אַמאָל אַ גרויסער מבֿין צו זײַן אויף דימעטוואַרג. איצט ווייס איך נישט, ווײַל איך האָב שוין לאַנג דער־מיט נישט געהאַנדלט.

ר' גבֿריאל — איר זאָלט מיר הונדערט און צוואַנציק יאָר לעבן, איר זײַט מיר פֿאַרט זייער קענטלעך. זײַט איר נישט אַ מאָל געווען אין ברעסלע?

פּרעמדער — דורך ברעסלע בין איך אַצינד דורכגעפֿאָרן, ווײַטער בין איך דאָרט קיין מאָל נישט געווען.

ר' גבֿריאל — צו זיך אין דער שטיל. איך אויך נישט. הויך. אָבער פֿון מיר האָט איר קיין מאָל נישט געהערט? אַ חידוש, כ'לעבן, איר זאָלט מיך נישט קענען. מען קען מיך, געלויבט צו גאָט, אומע־טום פֿאַר אַן ערלעכן מאַן. אָט פֿרעגט נאָר איינער באַלעבאָס. ער פֿאַר־דרייט זיך צו ר' שמעלקען. ר' שמעלקע! קענט איר מיך? אָהאָ! ער שלאָפֿט גאָר. ער שרײַט. ר' שמעלקע! ר' שמעלקע!

ר' שמעלקע — כאַפּט זיך אויף. העט? וואָש? זאַראַס! זאַראַס!

ר' גבֿריאל — קענט איר מיך, ר' שמעלקע?

ר' שמעלקע — גוט, זייער גוט, סטייט סוין בײַ מיר אין קעלער אַליין אַוודאי אַכט יאָר, גאָר אַ מאַסליס! ער טרינקט־אויס די בוטעלקע און שטעלט זי ווידער אַנידער אויף דער באַנק. אָ, גאָר אַ מאַסליס! ער ווערט ווידער אַנטשלאָפֿן.

פּרעמדער — לאַכט. לאָזט אים גיין, ער האָט אַ ביסל צו פֿיל געטרונקען.

ר' גבֿריאל — יאָ, ער האָט דאָס נישט פֿײַנט. דאָס איז שוין זײַן טבֿע אַזוי פֿון לאַנג. זאָגט מיר נאָר, מײַן ליבער ר' קרובֿ, אַז מיר זע'מיר יאָ שוין אַ ביסל צווישן אַנאַנד באַקאַנט געוואָרן, העט איך נישט געקענט האָבן דאָס גליק, איר זאָלט מיר עפּעס געבן צו לייזן פֿאַר פּערל, דימעטן, אוירינגלעך, פֿינגערלעך שיינע? כ'לעבן, קויפֿט,

קויפֿט עפּעס אויף אַ שפּעקולאַציע אָדער, לאָמיר שטעכעווען [126] אויף עפּעס. איך וועל אײַך אַוודאי ערלעך באַהאַנדלען. איר וועט אַליין מודה זײַן, אַז איר קויפֿט בײַ מיר גאָר אַ גנבֿה. קויפֿט נאָר, קויפֿט, איר וועט מיר בוודאי דאַנקען.

פֿרעמדער — איך זאָג אײַך דעם אמת, איך האָב מיך אַצינד גאָר פֿונעם האַנדל אָפּגעלאָזט.

ר' גבֿריאל — איך זאָג אײַך אָבער גאָר אַ מציאה. איר וועט אַוודאי מיתר זײַן דרײַ מאָל אחד באחד. אָדער... ווייסט איר וואָס? קויפֿט עפּעס אַהיים פֿאַר אײַער ווײַב און קינדערלעך, זאָלן לעבן! אויף נאמנות, איך וועל אײַך גאַנץ וואָלוול פֿאַרקויפֿן, טאַקע אונטערן קרן, ווײַל איך באַדאַרף געלט. מאַכט מיר אַ גוטן פּעטשאַנטעק [127].

פֿרעמדער — ווייס איך! איך זאָל זען די סחורה, העט מיר אפֿשר געקענט עפּעס געפֿעלן. האָט איר דען דאָ בײַ אײַך עפּעס סחורה?

ר' גבֿריאל — איך האָב דאָ גראָד בײַ מיר אַ ביסל סחורה, וואָרן איך קום דאָ איצט פֿון דער גרעפֿין סטרעלקאָווסקאַ — זי האָט מיך הײַנט באַשטעלט, איך זאָל איר אַ ביסל פּערל און דימעטן ברענגען, האָב איך זי איצט נישט געטראָפֿן אין דער היים. עס איז שוין, ווי איך זע, אײַך באַשערט. אויב איר ווילט, וועל איך אײַך ווײַזן די סחורה. ער קוקט זיך אום אויף אַלע זײַטן, אויב עס קוקט ניט עמעץ.

פֿרעמדער — לאָמיך נאָר זען.

ר' גבֿריאל — פּאַקט־אויף דאָס קעסטל און רעדט. אַוודאי, וואָס שאַדט אײַך דאָס באַקוקן? איר וועט דאָך מיר פֿאַר דעם נישט באַצאָלן. ער קוקט נאָך אַ מאָל אויף אַלע זײַטן.

פֿרעמדער — וואָס קוקט איר אײַך אַלץ אַזוי אום? צי האָט איר מורא פֿאַר עמעצן, צי וואָס?

ר' גבֿריאל — איר זײַט קיין היגער נישט, האָט מיר נישט

---

[126] בייטן.

[127] (פּ׳) אָנהייב, די ערשטע לייזונג פֿון טאָג.

פֿאַראיבל, ווייסט איר נישט. אין לעמבערג מוז מען מורא האָבן מיט אַלע סחורות ובפֿרט מיט דימעטוואַרג. וואָרן, איינס, זײַנען הי מער שכיח גנבֿים ווי ערגעץ אַנדערשט; און, ס׳אַנדערע, האָב איך טאַקע מורא פֿאַר אַן עין־הרע. ער עפֿנט אויף דאָס קעסטל. קוקט **נאָר, ווי דאָס פֿאַרבלישטשעט די אויגן!** ער נעמט־אַרויס אַ פּאָרטרעטל אויס דעם קעסטל. **ווי געפֿעלט אײַך דאָס פּאַטרעטל מיט בערליאַנטן? דאָס מוז אַוודאי זײַן אסתּר המלכּהס פּאַטרעט.** ער מאַכט־צו דאָס קעסטל און פֿאַרדעקט עס מיט דעם סערוועט און גיט דעם פֿרעמדן דאָס פּאָרטרעטל.

פֿרעמדער — איז איבער דער צײַט, וואָס ר׳ גבֿריאל האָט זיך דאָ געפּאָרעט מיט דעם קעסטל, געשטאַנען פֿאַרטראַכט. איצט נעמט ער בײַ ר׳ גבֿריאלן דאָס פּאָרטרעטל און באַקוקט עס, און גיט פּלוצלינג אַ פֿאַל אַנידער אויף דער ערד נעבן ר׳ שמעלקען, חלשות, מיט אַ געשריי. **אַך, גאָטט! מײַנע רחלע!** ער שלעפּט אין פֿאַלן ר׳ גבֿריאלן מיט בײַם גאַרטל.

ר׳ גבֿריאל — פֿאַלט אויף דעם פֿרעמדן אַרויף, וויל זיך אויפֿהייבן און קען נישט. ער וואַרפֿט מיט דער אַנדערער האַנט דאָס קעסטל אונטער דער באַנק אַרונטער און דעקט עס צו.

ר׳ שמעלקע — כאַפּט זיך אויף פֿונעם שלאָף מיט זייער גרויס דערשרעק און פֿאַלט איבער ר׳ גבֿריאלן, שלאָגט אים און שרײַט גאַנץ הויך. **בערל! פֿײַוול! הערשל! וועלוול! סכּנה! ראַטעוועטס! ראַטעוועטס! געסווינד! אוי, ווי געסריגן! געסווינד, געסווינד, די רײַכע סוחר חלשט!**

פערטער אריינקום

בערל מיט עטלעכע יונגען קומען פון דעם טויער אַרויס צו לויפן. דער פרעמדער, ר׳ גבריאל, ר׳ שמעלקע

בערל מיט די יונגען — הייבן־אויף ר׳ שמעלקען און שרײַען. **געוואַלד! וואָס אי דאָס? וואָס אי דאָס?**

ר׳ שמעלקע — שרײַט. נעמטס אים, האַלטס אים, כאַפּטס אים, דעם רוצח! בערל! ראַטעווע די רײַכע סוחר, געסווינד, געסווינד! נעם זיך די ווײַן, רײַב זיך די דופּק!

בערל — כאַפּט די בוטעלקע מיט ווײַן און באַגיסט דעם פּרעמדן און רײַבט אים די שלייפן און דעם דופק.

די יונגען — הייבן־אויף ר׳ גבריאלן, האַלטן אים און שרײַען. האַלטס אים, דעם גנבֿ! האַלטס אים, דעם גזלן!

ר׳ שמעלקע — שרײַט גאַנץ הויך אין גאַס אַרײַן אויף ביידע זײַטן. געוואַלד! קומטס אַהער! ראַטעוועטס, ראַטעוועטס!

פינפטער אַרײַנקום

לאַמפּעטעס און דרײַ שמשים קומען פון דער גאַס — פירן רעדלעכן און הינדען ביידע מיט אַ שטריק צונאַנדגעבונדן, חווה און חיים גייען־נאָך און וויינען. — צוזאַמען מיט די פריערקע פאַרשוינען

שמשים — שרײַען. וואַס אי דאַס? וואַס אי דאַס? וואַס איז דאַס דאָ פאַר אַ לאַרעם?

ר׳ שמעלקע — קומטס אײַך, קומטס נאָר אַהער! אַ גנבֿ, אַ רוצח האָט מען געכאַפּט.

שמשים — גוט, גוט, גיטס אים נאָר אַהער! מיר פירן שוין צוויי, גיטס אַהער דעם דריטן אויך, וועל׳מיר האָבן דרײַ מאָל ייִדן געדעכט.

ר׳ שמעלקע — ווײַזט אויף ר׳ גבריאלן. דאָ איז ער, נעמטס אים! צו בערלען. רײַב גוט, רײַב, רײַב די סוחר [128].

שמשים — נעמען ר׳ גבריאלן צווישן זיך. קום, ברודער!

ר׳ גבֿריאל — ווײַזט אויף הינדען מיט רעדלעכן. לאָזטס מיך אָפּ. אָט אָ די מענטשן קענען מיך. וואָס ווילט עץ פון מיר האָבן,

---

[128] רייב־איין דעם סוחר, ער זאָל קומען צו זיך.

וואָס? איך בין אַ היגער סוחר. אַוועק פון מיר, אַוועק, לאָזט מיך גיין! אַדרבה, פרעגט די מענטשן, אַז איך בין אַן ערלעכער מאַן! ער וויל זיך אַרויסרייסן פון די שמשים און קען נישט.

רעדלעך — צו די שמשים. לאָסט איהן לאָז, עס איזט וואָהר, וויר קעננען איהן, ער איזט איין היזיגער קויפמאַן[129].

הינדע — יאָ, יאָ, איך קען אים אויך גאַנץ גוט, אַזוי גוט, ווי מיך אַליין.

ר' שמעלקע — יאָ, יאָ, איך וויש זיך סוין, דו קענשט אים, ווי דיך אַליין. איר זייט אַייך פון איין משפחה: ער איז זיך אַ גנבֿ און דו אויך. ער שרייט צו די שמשים. נעמטס זע, סלעפּטס זע אין די חדר!

שמשים — שרייען. נעמטס אים, דעם הונט! זיי ווילן אַוועק־גיין מיט רעדלעכן, הינדען און ר' גבֿריאלן.

חווה — גיט פלוצלינג אַ פאַל־אַנידער נעבן דעם פרעמדן און שרייט. געוואַלד, מײַן באַלעבאָס! געוואַלד, ראַטעוועטס! הינדעלע, ראַ־טעווע! ראַטעווע! געוואַלד, דער טאַטע! דײַן טאַטע! אוי, ווײ, באַלעבאָס־לעבן... געוואַלד!

שמשים — בלייבן שטיין. וואָס איז דאָס ווידער? וואָס איז דאָס ווידער פאַר אַ געשריי?

הינדע און רעדלעך — לויפן־צו צום פרעמדן און שרייען ביידע אויף אַ מאָל. מײַן טאַטע? ווו? ווו איז ער? געוואַלד! זי רייסט אים. הערר גוטהערץ? אום גאָטטעס ווילען! רעטטעט! ער כאַפּט־אַרויס אויס דער קעשענע אַ פלעשעלע און האַלט עס דעם פרעמדן פאַר דער נאָז.

פרעמדער — קומט ביסלעכווייז צו זיך. ווער... וואָס... הינדע־לעבן? ווו?... ווו?... מײַן קינד!

אַלע — שרייען מיט אַ מאָל. ער לעבט! ער לעבט!

ר' שמעלקע — צו בערלען. ברענג זיך נאָר געסווינד צוויי,

---

[129] לאָזט אים פריי. עס איז אמת, מיר קענען אים; ער איז אַ היגער סוחר.

דרײַ בוטעלקעס ווײַן! די רײַכע סוחר לעבט... געסווינד, געסווינד! אָדער ניין, ניין, סרײַב זיך נאָר אויף, ווען סוין גענוג זײַן... נאָר געסווינד, געסווינד!

פּרעמדער — רײַבט זיך אויס די אויגן. גאָטט! איזט עס ווירקלעכקייט אָדער בלאָס אײַן טרוים?

הינדע — קושט דעם פּרעמדן און העלפּט אים זיך אויפֿהייבן. ניין, גילדענער טאַטעניו! עס איז נישט קיין חלום. איך, הינדע, שטיי דאָ נעבן דיר. איך בין דײַן טאָכטער. דערמאָן דיך נאָר, טאַטעניו! דו ביסט דאָ בײַ דײַן קינד.

פּרעמדער — וויל הינדען מיטביידע הענט אַרומנעמען און, ווי ער זעט, אַז זי איז געבונדן, לאָזט ער זי פּלוצלינג נאָך, כאַפּט זיך אָן מיט ביידע הענט בײַם קאָפּ און שרײַט. אַך! וואָס איזט דאָס? מײַנע טאָכטער געבונדען? ניין, ניין, דיזע איזט ניכט מײַנע טאָכטער! וועג, וועג, עס וואַר אײַן טרוים! דו ביסט נישט מײַן קינד. ניין, ניין! ער פֿאַרהאַלט זיך מיט ביידע הענט די אויגן.

הינדע — פֿאַרהאַלט זיך דאָס פּנים מיט ביידע הענט און וויינט זייער שטאַרק. גאָט, איצט לאָמיך שוין שטאַרבן...

רעדלעך — אַבער טײַערער הערר גוטהערץ! פֿאַססען זי זיך נור, אום גאָטטעס ווילּלען! הערען זי אונס נור אײַנע מינוטע: אײַנע שענדליכע פֿערלוימדונג בראַכטע אונס אין דיזען באַנדען!

הינדע — טאַטעניו! אונדז זענ׳מיר אומשולדיק! זי וויינט און יאָמערט גאַנץ הויך.

חווה — געלויבט צו גאָט, באַלעבאָס-לעבן, אַז איר לעבט! הערט מיך נאָר אויס, איך וועל אײַך דערציילן. די מעשׂה איז אַזוי געוועזן: מען האָט דער באַלעבאָסטע, אײַער שוועסטער סערקעלע, דאָס גאַנצע צירונג אַוועקגעטראָגן; האָט זי פּלוצלינג אויף זיי ביידע אַ בילבול געמאַכט, אַז זיי האָבן דאָס געטאָן. איך וועל גיין שווערן, אַז עס איז ליגנד, אַז עס איז...

פּרעמדער — פֿאַלט איר אין די רייד אַרײַן. וואָס? מײַן שוועסטער? סערקען? דאָס צירונג... באַגנבֿעט? צו ר׳ שמעלקען. ר׳

שמעלקע! ווו איז אַהינגעקומען דער סוחר? ווו איז דער יונגער מאַן, וואָס האָט מיר דאָ געוואָלט צירונג פֿאַרקויפֿן? ווו איז דאָס קעסטל? גאָטט! וואָ איזט דאָס בילד מײַנער זעליגען רחלע? ער זוכט אויף דער ערד און הייבט־אויף דאָס פּאָרטרעטל און קושט עס. דערנאָך הייבט ער אויף דאָס קעסטעלע פֿון אונטער דער באַנק. אָ, געטטליכע פֿאָר־זעהונג! וואונדערפֿאָלל זינד דײַנע האַנדלונגען[130].

חוה און חיים — שרײַען מיט אַ מאָל. אוי, ווייַ מיר, דאָס איז דאָך דער באַלעבאָסטעס צירונג!

ר׳ שמעלקע — ער איז דאָ, דער בחור! צו די שמשים. גיטס זיך נאָר אַהער דאָס כּשרע יידעלע, יוי, יוי, אַ פֿײַניצקער סוחר! ער קויפֿט זיך אַלץ מיט זײַנע כּשרע הענטעלעך. גיטס אים נאָר אַהער, דעם בחור!

שמשים — פֿירן ר׳ גבֿריאלן צום פֿרעמדן. דאָ איז ער.

פֿרעמדער — ווײַזט אים דאָס צירונג. מאַך זשע גאָר קיין צערעמאָניעס נישט, זאָג דעם אמת, וועסטו בעסער אָפּשנײַדן. ווו האָסטו גענומען דאָס צירונג? זאָג, איז דאָס דײַן צי נײַן?

ר׳ גבֿריאל — איך בעט־איבער נישט איין מאָל, נאָר טויזנט מאָל אײַער כּבֿוד. איך וועל אײַך תּיכּף זאָגן דעם אמת. נאָר איך בעט אײַך, לאָ׳מען מיך נאָר נישט אַזוי האַלטן. האָט רחמנות, איר זײַט דאָך אַ ייִד! איר מאַכט מיך אומגליקלעך אויף אייביק.

חוה — אַהאַ, איר זײַט דאָס, ר׳ גבֿריאל? איצט פֿאַרשטיי איך שוין די גאַנצע מעשׂה. וואָס מאַכט איר גוטס, ר׳ גבֿריאל? קומט אײַך שוין אַ מזל־טובֿ? זי נעמט אַן חיימען בײַ דער האַנט. קום נאָר, חיים, לאָמיר נאָר לויפֿן געשווינד דער באַלעבאָסטע דערציילן, וואָס דאָ טוט זיך! זיי לויפֿן ביידע אַוועק.

פֿרעמדער — צו די שמשים. לאָזט אים נאָך די הענט. ער וועט נישט אַנטלויפֿן.

---

[130] אָ, געטלעכע השגחה, פול מיט ניסים זיינען די מעשים דיינע.

שמשים — לאָזן ר׳ גבֿריאלן נאָך די הענט. האָט קיין מורא נישט, פֿון אונדז אַנטלויפֿט מען נישט אַזוי געשווינד.

ר׳ גבֿריאל — פֿאַלט־אַנידער פֿאַר דעם פֿרעמדן אויף דער ערד און קושט אים די פֿיס. פֿאָטער־לעבו! גוטער ייִדו! האָט גאָט אין האַרצן! האָט רחמנות אויף מײַנע יונגע יאָר! איך וועל אײַך אַלץ מודה זײַן — זיי זײַנען ביידע גאָר אומשולדיק. ער שטעלט זיך אויף. טוט מיט מיר, וואָס איר ווילט. איך אַליין בין דער גאַנצער חייבֿ. איך אַלײַן בין דער שולדיקער. זיי האָבן פֿון גאָר נישט געוווּסט. איך אַליין האָב עס געטאָן. האָט רחמנות!

ר׳ שמעלקע — גיט ר׳ גבֿריאלן אַ פּאַטש. דאָ האָסטו רחמנות, אַ רוח אין דײַן טאַטן, דו, גנבֿ! ער שרײַט צו די שמשים. נעמטס אים, סלעפּטס אים אין די חדר.

לאַמפּערטעס — שרײַען און לאַכן. האַ־האַ־האַ, אַ טשי, אַ בע, אַ טשי, אַ בע!

שמשים — ווילן נעמען ר׳ גבֿריאלן. קום!

פֿרעמדער — לאָזטס אים גיין, רירטס אים נישט אָן ביז מײַן שוועסטער וועט קומען. נאָר היטס אים, ער זאָל נישט אַנטלויפֿן.

שמשים — פֿאָלגן אים. גוט, גוט, אונדז וועל׳מיר אים שוין היטן, זאָרגטס אײַך נישט.

פֿרעמדער — בינדט־אויף הינדען מיט רעדלעכן. יאָ, דו ביסט אומשולדיק, מײַן קינד! ער כאַפּט זי אַרום מיט ביידע הענט און קושט זי. ווי געלויבט איז גאָט! ער האָט מיר מײַן קינד, מײַן גילדן קינד, מײַן טײַער קינד צוריקגעגעבן! ער קושט זי גוט אָן. מײַן רחלע אויסן אויג. ער קושט זי. איך האָב דיך ווידער, מײַן טאָכטער, מײַן הינדע־לעבן! ער הייבט זי אויף אין דער הייך און גיט איר אַ קוש.

הינדע — נעמט־אַרום דעם פֿרעמדן און קושט אים און וויינט. מײַן גילדענער, האַרציקער טאַטע!

פֿרעמדער — צו רעדלעכן. בידערטרעכטיג! אויך זי וואַרען געבונדען? ער נעמט אים אַרום און קושט אים. פֿירכטען זי נור ביכטס,

איך בין ווידער בײַ איהנען! ער קוקט־אָן רעדלעכן מיט הינדען. **מײַנע טײַערע קינדער!**

רעדלעך — קושט דעם פֿרעמדן די האַנט. **מײַן וואָהלטעטער! מײַן שוטצענגעל**[131]**!**

זעקסטער אַריינקום

ר׳ משה, חווה, און די פֿריערקע פֿאַרשוינען

ר׳ משה — מען הערט זײַן קול נאָך פֿון ווײַט. **מײַן דוד! אוי, ווו איז ער, מײַן שוואָגער? ווו איז ער, מײַן גילדענער שוואָגער?** ער קומט אַרײַנצולויפֿן אָן דעם היטל, אָן דעם גאַרטל, דעם קאַפּטן צע־לאָזט. ער פֿאַלט דעם פֿרעמדן אַרום דעם האַלדז און קושט אים. **דו ביסט דאָ, מײַן דוד, מײַן שוואָגער־לעב, מײַן דערלייזער! געלויבט איז גאָט, דו ביסט ווידער דאָ, דו לעבסט!** ער קושט און גלעט אים, ווי מען גלעט אַ קליין קינד. **יאָ, מײַן נחת, מײַן גדולה, דו ביסט דאָ.** ער רעדט אַ ביסל אַזוי ווי מבֿולבל. **יאָ, איך ווייס דאָס גאַנץ גוט, דיך האָט גאָט צו אונדז געשיקט. יאָ, יאָ, איך ווייס, דו קומסט פֿון גאַנץ ווײַט. איך ווייס אַלץ. איך האָב דיך געזען. איך האָב שוין לאַנג, לאַנג געוווסט, אַז דו וועסט קומען. איך געדענק, אוי, איך געדענק גאַנץ גוט, ווי דו האָסט מיך געפֿרעגט: „קענסטו מיך?"** ער קושט דעם פֿרעמדן. **אַצינד ביסטו דאָ. אַצינד איז שוין פֿאַר מיר גענוג געלעבט. אַצינד איז צײַט צו שטאַרבן.** ער נעמט דעם פֿרעמדן אַרום און קוועטשט אים שטאַרק צו זיך. **ניין, איצט וועל איך דיך שוין מער נישט אַוועקלאָזן, ניין, ניין!** ער גלעט אים און וויינט. **איך בעט דיך, מײַן דוד־לעבן, מײַן האַרץ, פֿאַר שוין נישט מער אַוועק פֿון מיר. לאָ׳מיך שוין נישט איבער אַליין! אָדער, ניין, נעם מיך מיט מיט דיר, וואָרן אָן דיר בין איך הי געוואָרן אַ גזלן, אַ רוצח! יאָ, יאָ, דײַן**

---

[131] (ד׳) שוץ־מלאך.

קינדס רוצח! ער פֿאַלט גאַנץ מיד אַנידער אויף דער ערד, נעבן דעם פֿרעמדן.

פֿרעמדער — דערכאַפּט אים. משה, משה, וואָס טוט זיך מיט דיר? זײַ נאָר רויִק!

ר' משה — אוי, דוד־לעבן! זײַ מיר מוחל, זײַ מיר מוחל! איך האָב מיך בײַ דיר זייער שטאַרק פֿאַרזינדיקט. אָדער, ניין, ניין, זײַ מיר נישט מוחל, ניין, באַשטראָף מיך, ליבער, אַזוי ווי רעכט איז! באַשטראָף מיך, מיט וואָס דו קענסט נאָר, אַזוי ווי איך האָב עס בײַ דיר פֿאַרדינט. יאָ, יאָ, לאָז מיך אײַנזעצן, לאָז מיך שמײַסן, קאַטע־ווען[132], שפּיזן, בראָטן, ברענען! אוי, איך האָב עס זייער פֿאַרדינט.

פֿרעמדער — משה, ביסט משוגע? פֿאַר וואָס, פֿאַר ווען? זײַ נאָר רויִק, אום גאָטעס ווילן! דערמאַן דיך נאָר אַ ביסל. פֿאַר וואָס זאָל איך דיך באַשטראָפֿן? זײַ נאָר אַ ביסל געלאַסן, זײַ נאָר רויִק.

ר' משה — אַ ביסל שטילער און געלאַסענער. נו, יאָ... שוין... אַז דו הייסט... יאָ, איך וועל שוין רויִק זײַן, איך בין שוין רויִק... אַז דו הייסט, יאָ, איך פֿאָלג דיך... איך וועל דיך אַלץ פֿאָלגן, שוואָגער־לעבן, אַבי באַשטראָף מיך...

פֿרעמדער — נו, לאָז זײַן אַזוי. פֿאָלג מיך, אַבי זײַ נאָר רויִק, זעץ דיך נאָר אַ ביסל אַנידער. צו רעדלעכן. הערר רעדליך! האָבען זי די גיטע אונד העלפֿען זי איהם, זעטצען זי איהן דאַ אויף די באַנק.

ר' משה — דערזעט רעדלעכן מיט הינדען און גיט פּלוצלינג פֿאַר זיי אַ פֿאַל אַנידער אויף דער ערד. אוי, וויי מיר! קענט עץ מיר מוחל זײַן?

הינדע — פֿעטער־לעבי! איר זײַט גאָר נישט שולדיק!

רעדלעך — הער דאַנציגער! בלײַבען זי נור רוהיג! זיי הייבן אים אויף און זעצן אים אויף דער באַנק אַנידער.

---

[132] שלאָגן מכת־רצח.

ר׳ שמעלקע — צו זיך אין דער שטיל. אַט אַ דאָש איז, כ׳לעבן, סיין. עפּעס אַ גאַנץ משפּחהלע מיט שאַמע גנבֿים!

זיבעטער אַריינקום

סערקעלע, אַלטעלע, ר׳ יוחנן און די פריעריקע פאַרשוינען

סערקעלע — מען הערט איר קול פון ווייטן. וואָס האָט עץ איך דאָ ווידער אַנידערגעשטעלט שמועסן, אוי, וויי, מיינע כּוחות! טויזנט מאָל מוז איך מיר דאָס האַרץ אַרויסשרייען, איידער זיי פאָלגן איין מאָל! נו, גייטס שוין, פירטס זיי שוין אין קרימינאַל אַריין, די גנבֿים! און איר, מיין ליבער ר׳ יוחנן, באַמיט איך נישט אומזיסט און בעט נישט פאַר זיי, וואָרן איר וועט נישט פועלן ביי מיר.

ר׳ שמעלקע — לויפט האַסטיק סערקעלען אַקעגן. ליב איך אייער גאַסט, סערקעלע! אייער ברודער, ר׳ דוד, איז זיך געקומען! ער ווייזט איר דעם פרעמדן.

סערקעלע — לויפט־צו צו ר׳ דודן און וויל אים מיטביידע הענט אַרומנעמען. אוי, וויי מיר! געהרגעט בין איך געוואָרן — מיין דוד־לעבן! אוי, אין דער ערד בין איך! מיין האַרציקער ברודער, אוי, וויי, דו לעבסטו?!

פרעמדער — גיט סערקעלען אַ שטויס־אַוועק פון זיך. אַוועק, דו בעסטיע! אַוועק פון מיר — דו ביסט נישט מיין שוועסטער!

לאַמפּערטעס — שרייען. אַ טשי, אַ בע! אַ בע! אַ טשי, אַ בע!

סערקעלע — שטייט מיט דעם קאָפּ און מיט די הענט אַראָפּגעלאָזט און וויינט.

אַלע — בלייבן אַ ווײַלע גאָר שטיל.

פרעמדער — דו וויינסט? יאָ, צום וויינען, צום שרייען, צו דעם ביסטו אַ גרויסע בריה. דאָס איז ביי דיר אַ קלייניקייט, אָבער ערלעך האַנדלען — דאָס איז ביי דיר אַ שווערע זאַך! קעגן מיין קינד, קעגן מיין איינציקן אומשולדיקן קינד, קעגן דיין איינציקער ברודערנ־

טאַכטער אַזוי צו האַנדלען?! — זאָג אַליין, דו בייזע שלאַנג — האַנדלט אַ מענטש, וואָס האָט נאָר עפּעס אַ געוויסן, קעגן דעם אַנדערן אַזוי? קוק דיך נאָר אָן, ווי דו שטייסט אַצינד... האָסטו דאָס געדאַרפט? דו, האָב איך געמיינט, וועסט דאָ מײַן קינד דערציִען, דו וועסט מײַן קינד לערנען, דו וועסט מײַן קינד טרייסטן, דו וועסט מײַן קינד פֿאַר אַלעם אומגליק באַשיצן. און איך האָב שוין אַ האַלבע טרייסט אין דער פֿרעמד געהאַט, ווען איך פֿלעג מיך דערמאַנען, אַז מײַן אייגענע שוועסטער גיט אויף מײַן איינציקן קינד אַכטונג. וואָס פֿאַר אַ תּענוג פֿלעג איך דאָס צו האָבן, אַז איך פֿלעג מיר פֿאָרצושטעלן די מינוט, וואָס איך וועל שוין אַהיימקומען! ווי דו וועסט מיר מײַן הינדע־לעבן אַקעגנבערענגען געזונט און פֿריש, ערלעך און געלערנט! יאָ, איך פֿלעג מיך אָפּט אין געדאַנקען אַזוי זיך פֿאַרגעסן, אַז איך פלעג פּלוצלינג ביידע הענט אַרויסשטעקן, אין די געדאַנקען דיך אַרומנעמען דיך צו קושן און צו האַלדזן. ניין, ניין, דאָס האָב איך מיר נישט פֿאָרגעשטעלט. דאָס איז מיר נישט אויף די געדאַנקען געקומען: אַז דו זאָלסט פּלוצלינג מײַן קינד אַזוי מיאוס באַהאַנדלען! דײַן אייגענע ברודערנטאָכטער זעלכע חרפּות און בושות אָנטאָן! צו מאַכן פֿאַר אַ גנבֿ, צו לאָזן בינדן מיט שטריק און צו לאָזן פֿירן אין קרימינאַל אַרײַן! ניין, ניין, דאָס האָט זיך מיר נישט געחלומט. נאָך דערצו, ווי איך האָב געהערט, האָט דיך גאָט ברוך הוא אויך נישט פֿאַרלאָזט: דער איבערשטער האָט דיך געבענטשט, דו ביסט אויך געוואָרן אַ גרויסע עשירה. דו האָסט נישט געדאַרפֿט קיין סך פֿון מײַן פֿאַרמעגן צו רירן. גאָט האָט דיר באַזונדער אַ סך געלט באַשערט... נו, מוז מען פֿון דעסט וועגן בײַ זיך שוין אַזוי גרויס און קעגן אַנדערע אַזוי שלעכט ווערן?

ר׳ משה — פֿאַלט אים אין די רייד אַרײַן. וואָס זאָגסטו, שוואָגער־לעבן? גאָט האָט איר באַשערט? גאָט האָט זי געבענטשט? פֿאַר וואָס? אפֿשר פֿאַר איר גוטסקייט? אפֿשר פֿאַר איר פֿרומקייט? ניין, גאָט, ברוך הוא וברוך שמו, באַלוינט נאָר דעם גוטן, דעם ערלעכן, דעם פֿרומען... אָבער זי? איר? פֿאַר וואָס? פֿאַר ווען? אוי,

האַרציקער דוד־לעבן! דו ווייסט, נעבעך, נאָך גאָר נישט, ווי זי האָט מיך און זיך און דיך און אונדז אַלע באַגראָבן! אוי, מיר וועל׳מיר פֿאַר דיר, פֿאַר גאָט און פֿאַר לײַט קיין פֿאַרענטפֿער נישט האָבן.

ר׳ גבֿריאל — צו זיך אין דער שטיל. אַצינד איז צײַט, אַצינד מוז אַלץ אַרויסקומען. האָב איך מיך אין דער ערד אַרײַנגעלייגט, לאָמיך זשע זי אויך שוין אין איין וועגס באַגראָבן! צו דעם פֿרעמדן. זײַט זשע הונדערט מאָל מוחל, מײַן ליבער ר׳ דוד־לעבן, און זוכט נאָר אין דעם קעסטעלע, וועט איר דרינען נאָך עפּעס טײַ׳רערס ווי צירונג געפֿינען. איר וועט אַוודאי אַ גרויסע הנאה האָבן, איר וועט שוין אַצינד אַלץ געוווּיר ווערן...

פֿרעמדער — עפֿנט דאָס קעסטעלע און זוכט. עס איז נישטאָ מער גאָר נישט, נאָר צירונג.

ר׳ גבֿריאל — זוכט נאָר גוט, זוכט! עס ליגט דאָרט גאָר אונטן אַ פּאַפּיר אויך...

פֿרעמדער — אַ פּאַפּיר? ער זוכט אין דעם קעסטל. יאָ, עס איז דאָ. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פּאַפּיר ווידער?

ר׳ גבֿריאל — לייענט נאָר, זײַט מוחל, איבער! איר וועט שוין געוווּיר ווערן...

פֿרעמדער — נעמט־אַרויס אויס דעם קעסטל אַ צוגעלייגט פּאַפּיר, עפֿנט עס און לייענט עס פֿאַר זיך אין דער שטיל, דערנאָך גיט ער אַ געשריי. גאָטט, אַללמעכטיגער אים הימעל! זאָ ווײַט קאָן זיך דײַן עבענבילד, ריין געשעפּף פֿאַר׳ררען! אָ, דאָס איזט וואָס אויססעראָרדענטליכעס... אַ פֿאַלשע צוואה!

ר׳ גבֿריאל — יאָ, יאָ, נעכטן איז ערשט געווען אײַער יאָר־צײַט, מײַן ליבער ר׳ דוד־לעבן!

סערקעלע — גיט זיך פּלוצלינג אַ וואָרף־אַנידער פֿאַר דעם פֿרעמדן אויף דער ערד. אוי, טו מיט מיר שוין, וואָס דו ווילסט! איך בין דאָך אין גאַנצן בײַ דיר אין דער האַנט! זי ווײנט שטאַרק.

ר׳ משה — מיט גרויס שׂמחה. אָט אָ דאָס איז גוט. אַזוי קער צו זײַן. זעסטו, סערקע, פֿון דעם האָב איך תּענוג!

פּרעמדער — כאַפּט הינדען אַרום און קושט זי. דיך, מײַן איינציק קינד, האָב איך מעבֿיר נחלה געווען? דיך, מײַן לעבן, דיך, מײַן נשמה? צו סערקעלען. פֿע, שעם דיך! דו קענסט מיר נאָך קוקן אין די אויגן אַרײַן? עס איז מיר שוין גאָר קיין חידוש נישט, וואָס פּרעמדע האָבן מיר אַמאָל שלעכטס געטאָן. אַז דו, מײַן אייגענע שוועסטער, האָסט קעגן מיר אַזוי געהאַנדלט! צו הינדען. אוי, איך פֿאַרשטיי שוין איצט, וואָס דו האָסט, נעבעך, דאָ געמוזט לײַדן.

הינדע — קושט דעם פרעמדן. ביין, ביין, טאַטעניו! נישט אַזוי אַ סך, ווי דו מיינסט. איך האָב געליטן... דאָס איז אמת... איך האָב אָבער נישט אַליין געליטן. זי נעמט־אָן רעדלעכן ביי דער האַנט און פֿירט אים צו דעם פּרעמדן. דיזער דאָ וואַר דער געפֿעהרטע מײַנער לײדען; דיזער דאָ וואַר מײַן טײלנעהמער, מײַן ערציהער, מײַן לעהרער, מײַנע שטיטצע אין דער נאָט![133]

פּרעמדער — נעמט רעדלעכן אַרום און קושט אים. איך דאַנקע איהנען, מײַן טײַערער! איך דאַנקע איהנען; בעלאָהנע זי גאָטט מיט מעהרערעס, איך קאָן איהרע עדלע האַנדלונג נור מיט דיזעס, וועלכעס מיר אַם טײַערסטען איזט בעלאָהנען. ער נעמט־אָן רעדלעכן מיט הינדען און לייגט זײַן האַנט אין אירער אַרײַן, נעמט זיי ביידע צוזאַמען און קושט זיי. זוכעט אײַך אימער גאָטטעס גונסט צו ערווערבען, אונד ער, דער אַללגיטיגע, ווירד אײַך ני פֿערלאַססען![134] ער לייגט זײַנע ביידע הענט אויף זייערע קעפּ אַרויף און בענטשט זיי. לעבט גליקלעך, מײַנע קינדער!

הינדע און רעדלעך — נעמען ביידע אַרום דעם פּרעמדן און קושן אים.

ר׳ יוחנן — גיט דעם פּרעמדן די האַנט. שלום עליכם, ר׳

---

[133] אָט אָ דער איז געווען דער חבר אין מיינע ליידן. דער אָ איז געווען מיין שותף, מיין דערציִער, מיין לערער, מיין אָנשפּאַר אין דער נויט.

[134] איר זאָלט שטענדיק זוכן גאָטס חסד צו קריגן און ער, דער אָב הרחמן, וועט אייך קיין מאָל נישט פֿאַרלאָזן.

דודו! געלויבט צו גאָט, מען זעט זיך געזונטערהייט. כ׳לעבן, זייער אַ גליַיכער שידוך. איך האָב דעם שידוך נאָך אין זין געהאַט, ווען מען האָט זיי מיט שטריק צונאַנדגעבונדן. נאָר, קומט מיַין שמועה אַפּיר, „כל עורב למינו״ שטייט ביַי אונדז אין דער הייליקער תּורה אָנגע־שריבן. איר, מיַין ליבער ר׳ דוד־לעבן, טוט איצט אַ שידוך אויף דיַיטשערישער מאָדע. ווייסט איר אָבער מיט וועמען איר טוט? ווער איַיערע מחותּנים זיַינען געווען? דאָס מוזט איר נאָר מיך, ר׳ יוחנן שדכן, פֿרעגן. איך קען דאָס דיַיטשעלע, ווי איר קוקט עס אָן, פֿון פּיטשעלעוויַיז אויף. איך האָב געקענט זיַין כּשרן טאַטן, עליו השלום, און זיַין מוטער די צנועה אויך. ער איז דאָך דאָס טאַקע ר׳ זלמן רעדלעכס זון פֿון פּראָג... טאַקע דער גרויסער פֿיַינער בריה... על כּן זאָג איך איַיך פֿריַ׳ר, אַז מיר קומט אַ סך, אַ סך שדכנות...

פֿרעמדער — נו, נו, עס וועט שוין רעכט זיַין.

הינדע — נעמט־אָן דעם פֿאָטער ביַי דער האַנט און בעט אים. טאַטעניו! נאָך איינס האָב איך דיך צו בעטן.

פֿרעמדער — זאָג, מיַין לעבן, וואָס ווילסטו? אַלץ, אַלץ, וואָס דו פֿאַרלאַנגסט נאָר, וועל איך דיר טאָן. זאָג נאָר, זאָג... וואָס ווילסטו?

הינדע — גיט אים אַ קוש אין דער האַנט אַריַין. האַרציקער טאַטע־לעבן! זיַי דער מומען מוחל. זי וועט שוין בעסער ווערן. איך בעט דיך, גילדענער טאַטע, זיַי איר מוחל!

פֿרעמדער — וועמען?... סערקען, מוחל זיַין?... ניין, ניין, זי פֿאַרדינט עס נישט... ניין, איך וויל זי ניט קענען. ער איז זיך אַ ביסל מיישבֿ. נאָר איך מוז עס דיר, מיַין קינד, צוליב טאָן... נאַ, עס איז פֿאַרפֿאַלן. איך האָב דיר צוגעזאָגט. נאַ, דיר צוליב, מיַין קינד! קום אַהער, סערקע!

סערקעלע — איז ביז אַהער געלעגן אויף דער ערד. איצט כאַפּט זי זיך אויף און לויפֿט־צו צום פֿרעמדן מיט ביידע הענט אויסגעשטרעקט און מיט זייער אַ גרויס געוויין. **ברודער־לעבן! דער־**

מאַן דיך, מיר קומ׳מיר דאָך אַרויס פֿון איין טאַטע־מאַמע. דערבאַרעם דיך איבער מיר, איבער מײַן משהן, איבער מײַן איינציקן קינד! מיר האָ׳מיר זיך דאָך נישט צו קיינעם צו קערן און צו ווענדן! מיר האָ׳מיר דאָך צו קיינעם קיין שום האָפֿענונג נישט, נאָר צו דיר. גוטער ברודער־לעבן! זי וויינט שטאַרק. אוי, ווי מיר! מיר וועל׳מיר דאָך אַלע שטאַרבן פֿון הונגער, אַז דו וועסט איבער אונדז, אָרעמע לײַט, קיין רחמנות נישט האָבן...

פֿרעמדער — נו, וואָס קען מען טאָן, אַ ברירה האָב איך? דו ביסט דאָך אַ שוועסטער... קום אַהער... איך בין דיר מוחל. נאָר ווער שוין אַ ביסל בעסער. עס איז שוין, כ׳לעבן, צײַט: ביסט שוין אויף דער עלטער, ביסט שוין אַלט עטלעכע פֿערציק יאָר. איך העט דיר נישט געדאַרפֿט מוחל צו זײַן, נאָר וואָס קען איך טאָן — אַ שלעכטע שוועסטער איז פֿאָרט אַ שוועסטער. און האָב קיין מורא נישט, וועסט נישט שטאַרבן פֿאַר הונגער. גאָט ברוך הוא האָט מיר גענוג געגעבן, און איך פֿאַרהאָף, אַז ער וועט מיך ווײַטער נישט פֿאַרלאָזן.

ר׳ גבֿריאל — אַ חידוש, כ׳לעבן! פֿון נעכטן אָן איז זי מיט צען טויזנט קערבלעך אָרעמער און מיט צוואַנציק יאָר רײַכער געוואָרן.

ר׳ שמעלקע — אָט דאָס איז סיין, כ׳לעבן! איך העט זיך געלאָזט פֿון איהר פּאַסעס רײַסן, פֿון דעם צוקערדיקן סוועסטערל! ער גייט־צו צו סערקעלען. סערקעלע! וועט איר זיך האָבן עפּעס סיין מעל אויף שבת?

אַלטעלע — איז ביז אַהער געשטאַנען און געוויינט גאָר שטיל. איצט גייט זי צו צו דעם פֿרעמדן און שמועסט מיט גרויס חן. אייטלער הערר אָנקעל! איך געבע איהנען מײַנען ליבסטען דאַנק פֿאַר אַללעס, וואָס זי האָבען די עהרע געהאַבט אָן מײַנער צערטליכען מוטטער צו פֿערריכטען, אונד איהר הערצליכעס הערץ, פֿאַר וועלכעם איך גראָס אַבשײַ האַבע, אונד איהרע גוטע גיטע לאַססען מיך ניכט רוהען, זי צו בעטען, דאַס זי מײַנעם ברייטיגאַם, מײַנעם געליבטען גאַבריעלע

הענדלער, די פֿאָגעלפֿרייַהייַט שענקען מעכטען[135], זי קושט אים די האַנט.

רעדלעך — זי איזט די טאָכטער איהרער שוועסטער אונד די פֿערשפּראָכענע ברויט דעס ר׳ גבֿריאל הענדלער. ער ווייַזט אויף ר׳ גבֿריאלן.

פֿרעמדער — זאָ, נון קאָם הער, מייַן קינד! זאָג, וואָס וויל־סטו? פֿאַר וואָס רעדסטו נישט ליבער יידיש? וואָס שעמסטו דיך יידיש צו ריידן? זאָג, וואָס ווילסטו?

אַלטעלע — שווייַגט גאָר שטיל, שעמט זיך און פֿאַרהאַלט זיך דאָס פּנים מיט אַ פֿאַטשיילע.

הינדע — איך וועל דיר זאָגן, טאַטעניו: זי האָט געזאָלט אַ כּלה ווערן מיט ר׳ גבֿריאל הענדלער; בעט זי איצט, אַז דו זאָלסט אים פֿרייַ לאָזן.

פֿרעמדער — נייך, מייַן לעבן, דאָס וועסטו נישט פּועלן בייַ מיר. איך בין דייַן פֿעטער און מוז דיך בעסער זען צו פֿאַרזאָרגן ווי דייַן מאַמע האָט געוואָלט. איך קען אים נישט פֿרייַ לאָזן. ער וועט שוין ערגעץ אַנדערש זייַן פּסק האָבן, אַזוי ווי ער האָט פֿאַרדינט. צו די שמשים. לעבט נאָך מייַן אַלטער גוטער פֿרייַנד, דער פּאָליצייַ־רעוויזאָר רעכטזאַמער?

שמשים — יאָ, ער לעבט, ער זאָל לעבן הונדערט און צוואַנ־ציק יאָר, דער גוטער מענטש.

פֿרעמדער — נו, פֿירטס אים נאָר אַהין צו אים. דער רעכט־שאַפֿענער מאַן ווירד שאָן וויססען, וואָס מיט אים צו טאָן.

שמשים — גוט, גוט, מיר וועל׳מיר אים שוין אַהין פֿירן. ווי

[135] /אין איר צעקאַליעטשעטן דייַטש, וואָס ס׳איז שווער צו פֿאַרשטיין, בעט אַלטעלע/ ... מיין חתן, מיין געליבטן גאַבריעלע הענדלער צו באַוויליקן צו די פריי לאָזן.

זיי ווילן אים אַוועקפֿירן, קומט זיי ירחמיאל זייער פֿאַרסאָפּעט אַקעגן צו לויפֿן.

אַכטער אַריינקום

ירחמיאל, די פֿריערדיקע פֿאַרשווינען

ירחמיאל — לויפֿט־צו צו ר׳ גבֿריאלן. **באַ־באַ־באַ־באַלע־באָס! רוימט אײַך אויף, נאָ־אָר געשווינד... ר׳ שמואל טאַ־טאַ־טאַ־טאַנ־דעטניק איז געקומען מיט פּאָ־אָ־אָליציינעקעס און האָ־אָט שוין אײַ־ערע זאַ־אַ־אַכן אַוועקגענומען. איצט זוכן זיי אַ־אַ־אַ־אײַך, זיי ווילן דווקא אַ־אַ־אײַך תּפֿוס׳ אַ־אַ־אײַנזעצן.**

ר׳ שמעלקע — גיי, זאָג זיך ר׳ סמואלן, אַז אונדז האָ׳מיר **זיך אים פֿאַרספּאָרט אַ וועג. מען פֿירט אים סויך, דעם גנבֿ, אין די פּאָליציי אַרײַן.**

ירחמיאל — וואָס, מע־מע־מע־מע פֿירט אים שוין אין די פּאָ־אָ־אָליציי אַ־אַרײַן? ווו איז זשע מײַ־ײַן שׂכירות פֿאַ־אַר אַ גאַנץ יאָר, וואָס איך האָ־אָ־אָב בײַ אים קריעה געשניטן? אי־יך וועל דאָך שרײַ־ען: געוואַלט, באַ־באַ־באַצאָלט מיר מײַ־מײַן שׂכירות!**

ר׳ גבֿריאל — וואָס שרײַסטו אַזוי? דײַן יאָר איז דאָך אָנדאָס נאָך נישט אויסגעגאַנגען. עס פֿעלן דאָך דיר נאָך זעקס טאָג צום יאָר. ווייסט וואָס? קום, כ׳לעבן, מיט אין מײַן נײַער דירה אַרײַן.

ירחמיאל — ליגט איר אי־אי־אין דער ערד מיט אײַערע שׂכירות, אַזוי ווי אַ־אַ־אײַערע דירות! ער נעמט־אַרויס אויס דער קעשענע אַ זייגערל און ווײַזט עס ר׳ גבֿריאלן. זעט איר, אי־אי־איר גנבֿ: דאָ־אָס זייגערל גייט גאָ־אָר אַליין, און אַ־אײַך פֿירט מען!

ר׳ גבֿריאל — צו די שמשים. נעמטס אים אַוועק דאָס זיי־גערל, עס איז מײַן!

ר׳ שמעלקע — צו גבֿריאלן. דו, גנבֿ! אַ רוח אין דײַן טאַטן אַרײַן! איך וועל זיך פֿאַר אים אָננעמען. באַצאָל דו אים זײַן שׂכירות, אַז ניט וועט ער דיר, אָסור חזיר, ניט אָפּגעבן די זייגער! איך קען

זיך אים. ער איז זיך געווען אַ משׂרת ביי מיר פינף יאָר. ער איז זיך טאַקע אַן ערלעכער יונג און דו ביסט אַ גנבֿ, אַ גזלן, אַ רוצח... נעמטס אים, סלעפּטס אים אין די חדר!

לאַמפּערטעס — שרייען. אַ טשי, אַ בע! אַ טשי, אַ בע!

שמשים — נעמען ר׳ גבֿריאלן און בינדן אים מיט דעם שטריק. איצט קום, ברודער, אין חדר אַריין.

ר׳ יוחנן — כאַפּט־אָן ר׳ גבֿריאלן ביי דער האַנט. פון דעסט וועגן, קומט מיין שמועה אַפיר, קער גישט איינס צום אַנדערן... מיר קומט נאָך שׂכר טרחה ביי איך פון דעם שידוך. איך האָב פיינט צו שענקען, ובפרט אַ גנבֿ.

ר׳ גבֿריאל — גיט ר׳ יוחנן אַ וואָרף אַוועק פון זיך. דאָ האָט איר שדכנות!

לאַמפּערטעס — שרייען און לאַכן. אַ טשי, אַ בע! האַ־האַ־האַ! אַ טשי, אַ בע!

ירחמיאל — מע זעט אָן אָ־אָ־אָן די אונטערפירערס, וואָס דער ח־ח־ח־חתן מוז זיין!

שמשים — פירן ר׳ גבֿריאלן אַוועק. עטלעכע לאַמפּערטעס לויפן־נאָך און שרייען. אַ טשי! אַ בע!

לעצטער אַריינקום

פריערדיקע פּאַרשוינען אָן ר׳ גבריאלן און אָן די שמשים

פרעמדער — נו, איינעם האָ׳מיר שוין פאַרזאָרגט. איצט לאָ־מיר גיין ווייטער. און איר, ר׳ שמעלקע, געדענקט איר נאָך, וואָס איר האָט מיר דאָ פריז׳ר דערציילט פון מיין שוועסטער סערקען מיט ר׳ שמערל שדכן?

ר׳ שמעלקע — ווייש איך. עפּעש געדענק איך זיך יאָ און עפּעש ניסט.

פרעמדער — נעמט־אָן אַלטעלען ביי דער האַנט און פירט זי צו ר׳ שמעלקען. שטייט איך עפּעס אָן צו נעמען מיין שוועסטערב־טאָכטער פאַר אַ כלה?

ר׳ שמעלקע — ווייש איך, סערקעלע די מעל־ייִדענע זאָגט זיך, אַז זי וועט מיר ניסט אָנסטיין. און פֿאַר וואָש? ווײַל זי איז זיך איר בת־יחידהלע און קען זיך ניסט מעשטן די האָבער און קען זיך ניסט סמועשן די סלעכטע, צרהדיקע ליטוויסע לשון... אפֿשר איז זי גערעכט? ווייש איך?

פֿרעמדער — נו, נו, הערט שוין אויף בייז צו זײַן. איך בין אײַך ערבֿ, אַז אין אַ האַלב יאָר אַרום וועט זי שוין מיט אײַך ריידן ליטוויש און וועט אײַך אַלץ פֿאָלגן, וואָס איר וועט נאָר הייסן. צו אַלטעלען. נישט וואָר, מײַן קינד?

אַלטעלע — מיט גרויס חן. יאָ, זי כאַפּט זיך צוריק אין די רייד. ניין... נישט יאָ, יאָ וויל איך זאָגן.

פֿרעמדער — לאַכט און נעמט־אָן ר׳ שמעלקען בײַ דער האַנט. נו, ר׳ שמעלקע, שלאָגט־צו! זעט איר, זי הייבט שוין אָן ייִדיש צו ריידן. און, ווי איך זע אײַך, וועט איר מיר נאָך אַ מאָל דאַנקען... אײַער אײַנפֿאָרהויז באַדאַרף אַזוי אַ באַלעבאָסטע. שלאָגט־צו!

ר׳ שמעלקע — קראַצט זיך אין קאָפּ. יאָ... אַלץ אמת... נאָר דאָש... איר פֿאַרגעשט זיך אָבער גאָר... איך מיין... איר פֿאַרסטייט זיך סוין... דערמאָנטס זיך נאָר... פֿאַרסטייט איר... איך מיין... נאָר דאָש... די עיקר...

פֿרעמדער — שלאָגט נאָר צו. איך זאָג אײַך, אַז איך וועל שוין זען, זי זאָל נישט געראָטן נאָך דער מוטער.

ר׳ שמעלקע — יאָ, ליבער ר׳ סלאָם... ר׳ דוד, וויל איך זאָגן. איך מיין זיך אָבער, די עיקר... פֿאַרסטייט איר זיך?

ר׳ יוחנן — קומט מײַן שמועה אַפֿיר, איטלעכער משא־ומתּן באַדאַרף אַ מעקלער און איטלעכער שידוך אַ שדכן! איך זאָג אײַך, מײַן ליבער ר׳ דוד, אַז חוץ דעם, וואָס איר טוט דאָ אָן דעם ר׳ שמעלקע זייער אַ גוטן געלט־שידוך, איז ער דאָך נאָך דערצו זייער אַ גרויסער יחסן אויך, קומט מײַן שמועה אַפֿיר, דעם אמת מעג מען דאָך זאָגן איטלעכן אין די אויגן אַרײַן. איך זאָג אײַך, אַז דער ר׳ שמעלקע איז אַ שלשלת־היוחסון, און זײַנע דורי־דורות זײַנען געווען

גרויסע מופלגים און רבנים, טאַקע גאָר קדשי־קדשים. אַז איר וועט אײַך נאָר אַ מאָל אַליין מיט אים צעשמועסן, וועט ער אײַך אַליין בעסער אויסרעכענען זײַן יחוס־בריוו... מילא, וואָס קומט דאָ דערפון אַרויס? דער ר' שמעלקע איז דאָך זייער גערעכט. וואָס האָט דאָס איצט סערקעלעס טאָכטער איר אייגנס?

ר' שמעלקע — יאָ, טאַקע יאָ, אָט אַ דאָס מיין איך אויך אַזוי. מײַן ליבער ר' סמער... ר' יוחנן, וויל איך זאָגן, האָב איך זיך אײַך טאַקע ליב, אַז איר סטוישטס אײַך, וואָש איך מיין. וויפל איז זיך איצט די סילוק און ווער איז זיך די מסלק?

פּרעמדער — אַזוי? דאָס מיינט איר דאָס דעם עיקר. ער נעמט דאָס קעסטעלע צירונג און גיט עס ר' שמעלקען. לאָזט אײַך דאָס שאַצן און וויפל מע וועט אײַך זאָגן, עס איז ווערט, וועל איך זײַן דער מסלק.

ר' שמעלקע — עפנט דאָס קעסטעלע און קוקט־אַרײַן דרינען. אוי, וויי! אַ סיינע אַפּותיקאַ! ער איז מלא שמחה און נעמט בײַ דעם פרעמדן די האַנט און שלאָגט מיט אים צו. מזל און ברכה! אַזוי, זעט איר, מײַן ליבער ר' דודל, איז זיך גאָר עפּעש אַנדערסט! יאָ, סוין גוט. ער נעמט־אָן אַלטעלען בײַ דער האַנט. זײַ זשע סוין קיין נאַר ניסט און סעם דיך ניסט מיט די ליטווישע ספּראַך. זײַ זיך אַ גוטע באַלעבאָסטע... האָב גאָר קיין מורא ניסט. דו וועסט זיך בײַ מיר ניסט באַדאַרפן אַליין צו מעסטן די האָבער: איך האַלט זיך משרתים געטנוג און נאָך.

ר' יוחנן — נו, האָב איך ווידער למזל אַ שידוך אויסגעפּירט. קומט מײַן שמועה אַפיר, וואָס עס איז מן השמים, איז טאַקע מן השמים. ער שרײַט. מזל־טוב!

לאַמפּערטעס — שרײַען. מזל־טוב! מזל־טוב!

סערקעלע — פאַלט ר' דודן אַרום דעם האַלדז, וויינט און קושט אים. גילדענער, האַרציקער ברודער־לעבן! איך בין גאָר נישט ווערט אַזוי פיל, וואָס דו טוסט פאַר מיר און פאַר מײַן קינד. גאָט זאָל דיר דאָס באַלוינען.

פֿרעמדער — גאָט האָט מיר שוין באַלווינט טויזנט מאָל אַזוי פֿיל. איך טו דאָ גאָר קיין איבעריקס נישט. איך טו נאָר, וואָס איך בין מחויבֿ צו טאָן. זעסטו, ווי שיין עס איז גוטס צו טאָן? פֿיר דו דיך פֿון איצט אָן אויך גוט אויף, וועל איך אין אַלעם פֿאַרגעסן, וואָס דו האָסט געטאָן, און וועל דיר אַזוי לאַנג, ווי גאָט ברוך הוא וועט מיר נאָר געבן, אויך גוטס טאָן.

חווה — אָבער אין מיר, באַלעבאָס־לעבן, האָט איר יאָ גאָר, גאָר פֿאַרגעסן. איר געדענקט שוין גאָר נישט אײַער דינסטמויד חווה? איר געדענקט שוין גאָר נישט די גוטע פֿלעדלעך, וואָס איך פֿלעג אײַך צו באַקן?

פֿרעמדער — אַהאַ, חווה! וואָס מאַכסטו גוטס? בײַ וועמען ביסטו אַצינד?

הינדע — זי האָט מיך ביז איצט נאָך נישט אָפּגעטרעטן. זי האָט, פֿראַוודע, לעבן מיר אויך קיין האָניק נישט געלעקט, אָבער מיך האָט זי נישט פֿאַרלאָזט. זי איז אַצינד בײַ דער מומען.

פֿרעמדער — צו חווהן. נו, זוך דיר ערגעץ אויס אַ פֿײַנעם חתן, וועסטו זען, אַז דו וועסט נישט האָבן אומזיסט געליטן. דעם נדן האָסטו בײַ מיר.

חווה — נעמט־אָן חיימען בײַ דער האַנט און פֿירט אים אַהין, צו ר׳ דודן. איך וועל שוין, באַלעבאָס־לעבן, אַזוי פֿרעגן, ווי איר האָט ר׳ שמעלקען געפֿרעגט... וועט מיר חיים אָנשטיין פֿאַר אַ חתן? ער איז אַן ערלעכער יונג און גאָר נישט פֿויל צו דער אַרבעט.

פֿרעמדער — יאָ, האָסטו נאָר שוין אים געפֿרעגט, אויב דו וועסט אים אָנשטיין פֿאַר אַ כּלה?

חיים — אוי, אוי, אוי, וועט זי מיר דאָס אָנשטיין! נאָר דאָס איינע מוז זי מיר צוזאָגן: אַז זי זאָל שוין מער קיין מאָל נישט פֿאָרן אין וואַרעמבאָד אַרײַן.

ר׳ יוחנן — צו חיימען מיט חווהן. זעט עץ[136], מײַנע קינדער,

[136] איר.

דאָס איז אַ גלײַכער שידוך... קומט מײַן שמועה אַפּיר, איטלעכס טעַ־פּעלע געפּינט זײַן שטערצעלע [137]. נאָר מיר קומט שדכנות. וואָרן איך זאָג אײַך בהן שלי, אַז נאָך פּאַר אַ וואָך דרײַ איז מיר דער שידוך אײַנגעפּאַלן.

פּרעמדער — נו, נו, איך וועל אײַך שוין פּאַר אַלעם באַפּרי־דיקן. אַציגד קומטס, קינדער! לאָמיר אַרײַנגײן צו ר׳ שמעלקען און הײַנט בײַ נאַכט וועלן זײַן אַלע דרײַ תּנאים.

ר׳ משה — איז ביז אַהער געזעסן שטיל פּאַרטראַכט. איצט גייט ער צו צו ר׳ דודן און זאָגט גאַנץ רויק. נו, דוד־לעבן, דו האָסט שוין אַלץ רעכט געמאַכט. מאַך זשע מיט מיר אויך אַן עק און באַ־שטראָף מיך שוין אַזוי ווי איך האָב פּאַרדינט. וואָס דו ווילסט, טו מיט מיר, הייס מיך אויך אײַנפּירן...

פּרעמדער — פּאַלט אים אין די רייד אַרײַן. קום, איך וועל דיך שוין אַליין אײַנפּירן! ער נעמט־אַרום ר׳ משהן און קושט אים. קום, קום משה! קום צו מיר אין הויז אַרײַן. דאָרט וועסטו, שוואָגער־לעבן, האָבן נחת און פּרייד.

ר׳ משה — פּאַלט דעם פּרעמדן אַרום דעם האַלדז, וויינט זייער שטאַרק און קושט אים. ער וויל עטלעכע מאָל אָנהייבן צו ריידן און ווײַזט מיט דער האַנט, אַז ער קען נישט אַרויסריידן.

פּרעמדער — ווישט זיך אויס די אויגן און קושט ר׳ משהן. איך פּאַרשטיי דיך שוין, שוואָגער־לעבן! קום נאָר, קום! קומטס, קינ־דערלעך, קומטס, עס וועט שוין מיט גאָטס הילף אַלץ רעכט זײַן.

ר׳ יוחנן — שרײַט. שרײַט זשע, קינדערלעך: מזל־טובֿ!

לאַמפּערטעס — שרײַען. מ־מ־מ־מזל־טובֿ!

אַלע — גייען פּאַרווײַז דורך דער טיר צו ר׳ שמעלקען אין הויז אַרײַן.

דער פּאַרהאַנג פּאַלט אַראָפּ.

---

[137] דעקל.

אַ וואָרט דערנאָך [138]

זײַנען דיר מײַנע ווערטער
אויף זייער אַ סך ערטער
זייער נישט גוט, זייער שלעכט געוועזן —
טו איצט אַ שבֿועה, זיי נישט מער צו לעזן.

האָט עמעץ אָבער סערקעלע געלייענט
און מיינט, איך האָב זי דערמיט געמיינט,
זאָל זי עס שוין דאָס אַנדערע מאָל נישט לייענען
און איך וועל מיך, אָסור, נישט זעצן וויינען.

סוף פון דעם גאַנצן טעאַטער־שטיק

---

[138] עפּילאָג.

צו דער כאראקטעריסטיק

פון שלמה עטינגערס לעבן און שאַפן

בלעטער פון געשיכטע, שפּראַכפאָרשונג, קריטיק און זכרונות

מאַקס ווײַנרײַך

שלמה עטינגער און די רוסישע צענזור *

דעם 24סטן מײַ 1843 האָט דער באַוווּסטער אַנטאָני אײַזענבוים, אַמאָל רעדאַקטאָר פון „בעאָבאַכטער אַן דער ווײַכסעל" און שפּעטער דירעקטאָר פון דער וואַרשעווער ראַבינער־שול, עטינגערס אַ גוטער פרײַנד, אָנגעגעבן אַ בקשה צום קוראַטאָר פון וואַרשעווער לערנקרײַז, מען זאָל דערלויבן דרוקן סערקעלע און די משלים. „אַזוינע ווערק, האָט ער געשריבן, זײַנען צוטריטלעך פאַר אַלע קלאַסן ייִדן, זיי שטעלן אַרויס אין לעבעדיקע פאַרבן די חסרונות און לעכערלעכקײטן, זיי מאָלן טרעפיק און קאָמיש דעם גאַנצן ייִדישן שטייגער ריידן, און דעריבער קענען זיי האָבן אַ דערלייזנדיקע השפעה אויף די מוחות". — עטינגער האָט דערבײַ געהאָפט אויף טוגענד־האָלדס פּראָטעקציע. ער האָט זיך אָבער שטאַרק אָפּגענאַרט; די שטרענגע צענזור האָט געפונען טריף־פּסולס אין זײַנע שטילינקע דיבורים. דעם 10טן אויגוסט פונעם זעלביקן יאָר איז „דעם ייִדן אײַזענבוים" אָנגעקומען אַ תשובה פון קוראַטאָר, אַז נאָך אַ פאַרשטענדיקונג מיט דער העברעיִשער צענזור גיט ער אַ דערלויבעניש צו דרוקן די דערמאָנטע צוויי כתב־ידן, נאָר בתנאַי, עס זאָלן אַרײַנגעטראָגן ווערן אַלע שינויים וואָס דער ראַפּאָרט פון צענזור־קאָמיטעט פאָדערט.

די צענזאָרן טוגענדהאָלד און טשערסקער האָבן זיך ניט באַנוגנט מיט אויסמעקן אײנציקע ערטער; זיי האָבן געהייסן בייטן גאַנצע זאַצן און שטי־קער. דער צענזור־עקזעמפּלאַר פון די „משלים", וואָס האָט זיך אויפגעהיט על־פּי טראַף, זאָגט עדות אויף דער נאַריש־קלײנלעכער מעטאָדע, מיט וועלכער די צענזאָרן האָבן געלאָזט אין גאַנג דעם רויטן בלײַער.

אין די משלים טאָר ניט דערמאָנט ווערן דאָס וואָרט „מלך" אַלס עפּי־טעט פון לייב; וואָרעם טאָמער איז דער לייב פאַרגעשטעלט ניט אין די

* „עטינגערס כתבים אין צוויי חלקים", אַרויסגעגעבן לויט די מאַנוס־קריפּטן מיט אַ ביאָגראַפישן און ביבליאָגראַפישן אַרײַנפיר און מיט הערות פון ד"ר מאַקס ווײַנרײַך, ווילנע, 1925, זז' 516; — קאַפּ' א' און י"א.

שענסטע פאַרבן, קען דאָך דער אונטערטאַן אַ קלער טון, אַז מלכים זיינען ניט קיין מלכים, און פון דאַנען איז בלויז איין טריט צו מאַיעסטעט־באַליי־דיקונג און צו רעפּובליקאַנישע אידייען. „ווען עך זעה, אַז אַ סך גרויסע לייט שמיסן, אין וויסן נישט פון וואָס אין פון ווּעמען" (דאָס פאַרזעע־ניש), טויג דאָס ניט: זאָג נאָר דעם אונטערטאַן, אַז גרויסע לייט פלוידערן אויך אַ מאָל, וועט ער מאָרגן מאַכן אַ רעוואָלוציע; בעסער אויסמעקן דאָס וואָרט „גרויסע", איז רויקער. אויך אויף יידישע פּראָגעס האָט זיך דער צענזאָר זיין קוק: אַז צו שטאַרקע אָנפאַלן פון די השכלה־שרייבערס אויף די חסידים זיינען שעדלעך. דעריבער איז בעסער, אַז אין דעם משל „די פליג" זאָל ניט שטיין דער אויסדרוק „גיטע יידעלעך", און אין דער „אַסיפה" דאַרף געוויס ניט שטיין: „דער צדיק האָט זעך מיט אינץ אָנגעקערט", ווייל כאָטש דאָ רעדט זיך וועגן גאָר אַן אַנדער זאַך, קען דער עולם זיך אָנ־שטויסן, אַז דאָס מיינט מען דווקא אַ חסידישן רבין.

ווייטער דאגהט דער צענזאָר גלאַט וועגן מאָראַל. וועגן „גליטשיקע" טעמעס איז דאָך ניט שייך; דאָ האָט ער גאָרניט וואָס איבערצוקלערן. אָבער ער קען אויך ניט פאַרטראָגן דעם זאַץ, אַז „איטלעכער קען שראַבען אויף יענעם אַ פּאַשקוויל" (די שרייבערס); דער לייענער טאָר גאָרניט געוויר ווערן, אַז עס קען געמאָלט זיין, אַ פאָטער זאָל שלאָגן זיין דערוואַקסן קינד (דער פאַרענטפער). און וואָס איז דאָס פאַר אַ לשון: „פאַרשאָלטן מעגן ווערן רכילות־טרייבער" (דאָס פאַרזעעניש) אָדער: „פאַרברען... בעסער וויטעלע דיא צנועה אַלליין" (וויטעלע)? פאַרברענען, פאַרשעלטן? אָסור, דאָס טאָר מען ניט דערלאָזן! און אַזוי מעקט זיך דער רויטער בלייער אויס גאַנצע שטיקער פון „אסותא" און אין גאַנצן אַזוינע עפּיגראַמען ווי „דיא נקמה", „דער דאָקטער גרינד".

דאָס האָט מען אָפּגעטאָן אין די משלים און קאַטאָוועסלעך; „סערקעלע" האָט מען צעקאַרדאַשעט * נאָך ערגער.

באַלד די ערשטע שורות פונעם „וואָרט פריר" הייסט דער צענזאָר אויסמעקן: מען טאָר ניט זאָגן — על תפתח פּה לשטן! — סאַמע גוטס נאָר אַליין טאָר אין דער וועלט ניט באַשטיין; און בכדי די ווייטערדיקע פערזן זאָלן האָבן אַ זינען, הייסט ער אין דער דריטער שורה אויסמעקן וואָרן און בייטן עס אויף „עפּעס". די אויסדרוקן רייניש מינץ, קרייצער הייסט ער איבערבייטן אויף „קערבלעך", „גראָשן", „טאָלער", „גילדן", מסתמא כדי אַריינצופירן די היימישע באַצייכענונגען אַנשטאָט די אויסלענדישע (הגם

---

* צעשניטן, צעממיתט.

„די מעשה איז אין לעמבערג״). פון די אַנדערע פֿאָדערונגען פון דער צענזור (אין „סערקעלע״ זײַנען געמאַכט געוואָרן, ווי ס'ווײַזט דער ראַפּאָרט פון טוגענדהאָלדן און טשערסקערן צום קוראַטאָר פון לערנקרײַז, בײַ הונ־דערט „אויסבעסערונגען״, אין די משלים און קאַטאָוועסלעך „בלויז״ אַ פּערציק) זײַנען ווערט פֿאַרצײכנט צו ווערן: א) פֿאַרטײדיקונג פון דער קריסטלעכער אמונה: משומד, שמד־שטיקלעך, גויים הײסט מען פֿאַרבײַטן אויף „פּושע־ישראל״ אָדער „הולטײַ״, „גנבישע שטיקלעך״, „קריסטן״ אָדער גאָר אַרויסוואַרפֿן; ב) פֿאַרטײדיקונג פון דער הערשנדיקער פּאָליטישער אָר־דענונג: מאָנאַרכיע דאַרף פֿאַרביטן ווערן אויף „גביר״, פרײַהײט אויף „וואַנ־נע״ און אַפֿילו די קאָמישע פּאַגעלפרײַהײט אין פרידעריקעס מאָנאָלאָג אין לעצטן אַקט אויף „ערפּרײַאונג״; ג) פֿאַרטײדיקונג פון דער מאָראַל: אין דעם זאַץ „ווער עס טוט מיט דעם שווער, שלאָפֿט מיט דעם בער״ ווערט אַנ־שטאָט שלאָפֿט אַרײַנגעשטעלט „זיצט״; אַנשטאָט מלכה גרין געפֿעלט דעם צענזאָר „טויז גרין״; אַנשטאָט אַ קוש — „אַ גלעט״; אַנשטאָט שיקסעהויז — „שלעכט הויז״, אַהער באַלאַנגט אויך דעם צענזאָרס איסור אויפֿן וואָרט פריץ, וואָס הײסט דאָך אײגנטלעך געוואַלט־טוער; אַנשטאָט דעם הײסט ער אומעטום אַרײַנשטעלן: „שררה״, „הער״.

עטינגער איז געווען אויסער זיך אויף אַזאַ פּסק פון צענזור־קאָמיטעט. ער, דער מחבר, האָט געקעכלט יעדער וואָרט, איבערגעאַרבעט יעדער שורה, געשריבן די קעפּלעך און די נעמען פון די פּערזאָנען דווקא מיט געכתיבהטע אותיות, די רעמאַרקעס דווקא מיט רויטער טינט — און דאָ קומט אַ באַר־באַרישע האַנט און צעשאַטקעוועט זײַנע ווערק, ניט צו רעכענען זיך אַבסאָ־לוט מיטן מחבר! זײַן ביטער האַרץ האָט ער אויסגעגאָסן אין אַ העברעישן מליצה־בריוו צו אַ גוטן פרײַנד:

„...אָבער דײַנע ווערטער: שיק מיר צו דײַן בוך מיט פּערציק רובל, וועט דײַן בוך געדרוקט ווערן״, פֿאַרשטײ איך נישט; ווײַל אָפּדרוקן דאָס בוך אָן געלט מיט די אויסבעסערונגען, וואָס די צענזור־לײַט האָבן אויסגעבע־סערט, ווײַל איך נישט. צי רעדן דאָרטן מײַנע לעפֿצן בייז אויף גאָט, אויף זײַן משיח, אויף די מלכים פון דער ערד, אויף זײַנע האַרן, אויף זײַערע ריכטער אָדער אויף זײַערע אויפֿזעער, חלילה? צי רעדט מײַן צונג שלעכטס אַנטקעגן די וועגן פון דער זיטלעכקײט, וואָס די לײַט האָבן אויסגעצײכנט מײַן העפֿט מיט אַ רויטן צײכן, געמעקט, געמעקט און צעקאַליעטשעט פון אָנהײב ביזן סוף, און האָבן זײַן שײנקײט פֿאַרדאָרבן, געלאָזט מײַקעכץ אַנ־שטאָט שײנקײט? און נאָך: איך קען דאָך די מענטשן, אַז זײ זענען געביל־דעטע לײַט, מענטשן וואָס זוכן וויסן, און גוטהערציקע זײַנען זײ און זײַנען

אויך שלום מיט מיר פון שטענדיק אָן. פרעג איך, וואָס האָבן זיי איינגעזען מיר אַזאַ בייז צו טון? מיין בוך איז ריין פון יעדער אומרעכט, און אויב עס געפינט זיך דאָרט עפּעס אַ זינד, זאָלן זיי מיר געבן צו פאַרשטיין אין וואָס איך האָב געשולדיקט, און איך וועל עס אָדער אויסמעקן פון בוך, אָדער פאַרריכטן דאָס ניט ריכטיקע, אָבער קיין אויסרייד לאָזן זיי נישט זוכן! — דו האָסט מיר אויך נישט צו וויסן געגעבן, ווי גרויס ס׳וועט זיין די צאָל עקזעמפּלאַרן פאַר די פערציק רובל, וואָס דו האָסט מיר געשריבן איך זאָל דיר שיקן״.

די באַמערקונגען וועגן די פערציק רובל ווייזן, אַז עטינגער האָט נאָך געהאָפט אַפּצושרייען די גזירה פון דער צענזור און אַז ער האָט שוין געזען פאַר די אויגן זיין ציל — אָפּצודרוקן זיינע ווערק — פּונקט ווי דערגרייכט. געענדיקט האָט זיך דאָס אָבער ווידער אַ מאָל מיט גאָרנישט... מעגלעך, אַז די נייע דאגות, וואָס האָבן זיך אָנגערוקט אויף עטינגערן, האָבן אים געצוונגען צו פאַרגעסן וועגן דעם לוקסוס פון שרייבעריי.

●

יודאַ אַ. יאָפע

קאַטאָוועס צי כתבות?*

שוין כמעט פינף הונדערט יאָר ווי יידישע מחברים, שפּראַכפאָרשערס און סתם מענטשן מיט בויך־סברות, גריבלען זיך אין דער זאַך, וויצלען זיך און קיבעצן איינער דעם אַנדערן און יעדע נייע השערה איז געוויינטלעך ווילדער פון די פריערדיקע. אַרום דעם וואָרט האָט זיך שוין אַנגעקליבן אַ גאַנצע ליטעראַטור, נאָר זי איז צעזייט און צעשפּרייט אין טוצן ביכער און צייטונגען, און עס איז פּשוט צייט צוזאַמענצוברענגען דעם ביז־איצטיקן מאַטעריאַל אין איין אָפּהאַנדלונג, אים גוט אויסזיפּן און מאַכן אַ סך־הכל פון די עלעמענטן וואָס האָבן אין זיך אַ ווערט און אָפּוואַרפן דאָס וואָס איז ניט געשטויגן און ניט געפלויגן.

---

* פּנקס, פערטליאָריקער זשורנאַל פאַר יידישער ליטעראַטור־געשיכטע, שפּראַכפאָרשונג, פאָלקלאָר און ביבליאָגראַפיע, אַר׳ אַמעריקאַנער סעקציע פון ייוואָ, ניו־יאָרק 1927; ז׳ 129—134.

דער אויסלייג

1) איסערלין, (געשטאָרבן 1460) לייגט אויס כ ת ב ו ת (זע: צונץ, „ליטעראַטורגעשיכטע דער זינאַגאַלען פּאָעזיע", בערלין 1865, ז' 497).

2) אָבער אין „לקט יושר" פון איסערלינס תלמיד, ר' יוסף ב"ר משה (געשריבן אָדער פאַרענדיקט אין 1470 און אָפּגעדרוקט צום ערשטן מאָל אין בערלין, 1903), שרייבט דער מחבר: „בכל חנכה עשה קטפות ומקצת בחורים מן הסוגיא שלמדו תו' על חנכה... ויש לי קבלה מן הגאון זצ"ל לכתוב [כתיבה מן] קטפות בזה האותיות [לאפוקי מאותן הכותבין כתבות]". (חלק אורח חיים). דאָס מיינט, אַלע חנכה האָט ער געמאַכט קטפות [מיט] עטלעכע בחורים אַף דער סוגיא פון חנכה תורה... און איך האָב אַ קבלה פון גאון זצ"ל צו שרייבן [דעם וואָרט פון] קטפות אַזוי [מיט דער אויסנאַם פון די וואָס שרייבן כתבות].

3) דער מהר"ם, משה ס"ל מינץ יצ"ו ממענגנץ (מיטן פון 15טן יאָרהונדערט), שרייבט אין זיינע שאלות־ותשובות (צו ערשט געדרוקט אין קראָקאָ, 1617), סימן מ"ג, ז' נ"ח ב; הקטפים והדרשנים אומרים זה (ווערט אויך געציטירט אין ש"ך יורה דעה הלכות מילה סימן ר"סה סעיף קטן כ"ג).

4) אַרום מיטן זעכצנטן יאָרהונדערט (1541) האָט דער גראַמאַטיקער און שריפטשטעלער אליהו בחור (1469?—1549) אָפּגעדרוקט זיין ספר „תשבי", ווו ער זאָגט (שרש כתב), אַז דאָס רוב עולם שרייבט ניט כתבות, נייערט מיט אַ גריינ׳ כטוב, כטובות, ווי אין וואָרט טוב.

5) אין דער זעלביקער שטאָט איזני און סך־הכל מיט אַ יאָר שפּעטער (1542) איז געווען געדרוקט דער ערשטער יידישער בוך וואָס מיר פאַרמאָגן היינט צו טאָג, דער באַוווסטער „ספר מידות". דאָרט געפינען מיר אונדזער וואָרט עטלעכע מאָל, אויסגעלייגט אויף איין אופן: כטובות, אַזוי ווי אויף להכעיס אליהו בחורן: „אַז איין כטוב דער אל מול כטובות טרייבן קאָן (ז' 10 ב); אודר זאָג ניט אים כטובות צו אים (ז' 58 ב); אונ' אוי וויא איז צו שרייען אויבר דיא לוייט דיא איר קינדר לערנן אין איר יוגנט כטובות אונ' הבלי עולם אונ' לערנען זיא ניט תורה... איין מלמד זול נט כטובות טרייבן מיט זיינן תלמידים" (ז' 98 ב) [אָפּגעקאָפּירט פון דעם וווּנדער־שיינעם עקזעמפּליאַר פון ספר מידות וואָס מע האָט ניט לאַנג אָפּגעזוכט אין ניו־יאָרקער עפנטלעכער ביבליאָטעק אין זייער אינטערעסאַנטע אומשטאַנדן].

6) דער „צוכט־שפיגל" („מראה המוסר", פראַנקפורט אַם־מיין, 1680) שרייבט: „עז מאַכט אך (= אויך) דעם מענשן זער אן גינעם. ביי אידר מאן דא זעלכי קטבות קעם. ביי חתונות און ברית מילה אודר וואז פר שמחה

דז ער ווער אויש געבן זעלכי קטבות דער צייט גרושי ער (ז׳ 2א); דרום ביט איך אייך שרייבט מיר ניט אַז פר חובות. ווען איך שוין צו צייטן ריד (=רייד) איין כטבות (ז׳ 2ב) דען שימפף (=שפּאַס) און ערנשט שטיט וואו בייא אלין זאַכין״.

אין ביבליאָטעק פון ניו־יאָרקער יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר איז דאָ אַ ביכל (אָן דרוקיאָר, קענטיק פון סוף 18טן אָדער אָנהייב 19טן יאָר־הונדערטס, זע: שטיינשניידער, „פּורים אונד פּאַראָדי״, ז׳ 364), ווו עס שטייט אויפן שער: בע״ה חנוכה כתבית, וגם מילי דבדיחתא *.

7) אין זייער „אידיש ווערטערבוך״, אונטערן וואָרט קאַטאָוועס (ז׳ 226) ווייזן ספּיוואַק און יהואָש אָן אויף כתבות, ווו זיי זאָגן (ז׳ 127) שפּאַס, שפּאַסמאַכעריי. אין כתבות „אין שפּאַס״; מיט דעם מלאך המות מאַכט מען ניט קיין כתבות (שפּריכוו׳), זע: קאַטאָוועס, דאָס הייסט, זיי פאַררופן זיך צוריק אויף קאַטאָוועס (ז׳ 228). ספקות האָבן זיי, קענטיק, יאָ געהאַט צווישן דעם העברעישן אויסלייג און דעם פּשוטן אויף יידיש.

8) ביי ליפשיצן, „רוסיש־יודישער ווערטער ביך״ (קיעוו 1881), געפיי־נען מיר דורכויס קאַטאָוועס (ז׳ 171) — טרייבן קאַטאָוועס, קאַטאָוועס־טריי־בערין, דער קאַטאָוועס, קאַטאָוועסדיק, וואָס טרייבט קאַטאָוועס, קאַטאָוועס־מאַכער. אין זיין „יודעש־רוסישער ווערטער ביך״ (זיטאָמיר 1876), אויכעט: קאַטאָוועס, טרייבן קאַטאָוועס, קאַטאָוועס־טרייבער (ז׳ 181). בן יעקב, „רו־סיש־העברייאיש־זשאַרגאָן ווארטערבוך״ (ווילנע 1904) פאַרצייכנט אַ קאַ־טאָוועסניק (ז׳ 1004). אין דוד הלוי הורוויצס „ספר המלים זשאַרגאָני עברי״ („יודישער לשון־קודשער ווערטער־בוך״, אַדעססאַ 1903), ז׳ 81, געפינען מיר קאַטאָוועס, קאַטאָוועס־טרייבער.

9) איגנאַץ בערנשטיין, „יודישע שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן״, וואַר־שוי 1908, האָט די שפּריכווערטער: אַ קאַטאָוועס איז אַ האַלבער אמת; פון קאַטאָוועס קומט קיין גוטס ניט אַרויס (ז׳ 225); גאָט פאַרשטייט ניט קיין קאַטאָוועס (73, גאָט, ז׳ 47); זכות־אָבות איז קיין קאַטאָוועס (ז׳ 100); מיט דעם מלאך־המות טרייבט מען ניט קיין קאַטאָוועס (5, מלאך־המות, ז׳ 161); מיט אַ נאַר טאָר מען קיין קאַטאָוועס ניט טרייבן (66, נאַר, ז׳ 176).

ווי מען קען זען, האָט אונדזער איצטיקער אויסלייג קאַטאָוועס הינטער

* עס איז כדאי צו דערמאָנען, אַז שטיינשניידער זאָגט: „איך האָב געפונען די אָרטאָגראַפיע [כתבות] אין „לקט יושר״ (?).

זיך אַ כסדרדיקע טראַדיציע פון קאַרגע 500 יאָר פאַר די אותיות „ק״ און „ט״ אין דעם וואָרט.

און פּאַראַלעל מיט דער דאָזיקער לאַנגער טראַדיציע גייט די זוכעניש פון זיין אָפּשטאַם.

דער אָפּשטאַם

די וואַקלעניש אין אויסלייג זיינען נאַטירלעך געקומען פון דעם, וואָס פאַרשיידענע מחברים האָבן געהאַט פאַרשיידענע מיינונגען וועגן דעם שורש פון וואָרט. עס איז גרינג צו פאַרשטיין, אַז מע האָט דאָס רוב געזוכט אין העברעיִש אָדער די פאַרוואַנדטע סעמיטישע (כאַלדעיִש־אַראַמיש און סיריש) שפּראַכן און נאָר אין די לעצטע 80—100 יאָר האָבן זיך דערהערט שטימעס פאַר אַנדערע ניט־סעמיטישע שפּראַכן.

ו סעמיטישע טעאָריעס

1) אליהו בחור (1541) זאָגט: „כתב... מיינט סופר, אַ שרייבער, ווײַלע אין פאַרצייטיקע טעג האָבן די וויצלינגען און די משלים־שרייבערס אויפגע־שריבן אנאָנים זייערע ווערטער אויף די טירן פון גבירישע הייזער אָדער אין די רווישיקע גאַסן פון רוים, כדי מע זאָל ניט וויסן ווער דער שרייבער איז. און אַזוי איז דער מנהג ביז הייגט אין רוים, און אָט די זאַכן רופט מען כתבות. (פ״גל מ. ווײַנרייך, „שטאַפּלען״, ז׳ 81). און ר׳ יעקב עמדן אַשכנזי —יעב״ץ (1697—1776) אין „מגדל עז״, אלטונא, תק״ח, (ספר שלישי), זייט שכ״ט (עליית הכתיבה) קאָמענטירט איבער אליהו בחור אַזוי: „עוד רע נמצא בכתיבה, כענין שכתוב ומכתבים עמל כתבו, והוא מה שקורין ההמון כתבות לכתבי עמל ואון של הולכי רכיל, בעלי שחוק וליצנות לעג מרבה להכיל, העוסקים בנתינת דופי ופגם, בכשרים יתקלסו בם זו לעגם, מושכים בשבט סופר ידיהם את לוצצים, ומטילים בעיני הנכבדים קוצים, והיה במחשך מעשיהם ובסתר, בל יודע הממציא אותם כתבי כזבי פלסתר (עיין ס׳ תשבי) שכן הוא מנהג ברומה משני׳ קדמוניות, ונקראין פאסק״וויל בלע״ז על שם הצורה הנעשית לתכלית זה, בה מדביקין בלילה מה שנכתב ביום ונחתם״...

2) אין נײַנצנטן יאָרהונדערט הייבט צונץ אויף די פראַגע ווידער. ער זאָגט, אַז כתב האָט געמיינט „דיכטער, עפּיגראַמאַטיסט״ אין 13טן יאָרהונ־דערט, „איבערשרייבער״ אין 14טן, און כתבות — „שערץ, רעטזעלשריפט״, און ווייזט־אָן אויף איסערלינען (1440) און דערמאָנט אויכעט, אַז ר׳ יוסף

ב״ר משה (1470) הייסט שרייבן קטפות („ליטעראַטורגעשיכטע...״, בערלין, 1865, ז׳ 497). פ״גל אויך זיינע „גאָטעסדינסטליכע פאָרטרעגע״, ז׳ 440.

3) ד״ר ב...ל („ליטעראַטורבלאַט דעס אָריענטס״, לייפּציג 1948, ז׳ 556, דאַרף זיין 558), לאַכט זיך אויס פון צונצן, אַז פאַר אים איז אַ „רעטזעל״ פון וואַנעט צונץ האָט גענומען דעם אויסלייג, די אָפּשטאַמונג און דעם טייטש „רעטזעל״ (רעטעניש). ער דערמאָנט נאָך אַן אַנדער דערקלערונג: גדפות פון גדף „לעסטערן, שערצן״, גדפן „פּאָססענמאַכער״ (שטיפער, פּאַיאַץ), נאָר דאָס געפעלט אים אויך ניט, און שלאָגט־פאָר אַ גריכישן וואָרט.

4) אין דער זעלביקער צייטונג (דעצעמבער 23, ז׳ 1805) גיט ד״ר ב...לן אַ בייזע לעקציע אַן אַנדער דאָקטער, ב. בעער, ווייל ער פאַלט אַריין אין דעם זעלביקן טעות ווי אליהו בחור (שרייבן אַ „כ״ פון אָנהייב), און מוסרט אים, אַז שרייבן דאַרף מען קטבות „שניידענדע רעדען, שטיכרעדען״, פון כאַלדעיִש און אַראַביש קטב—שניידן.

5) אַברהם טענדלוי דערמאָנט דעם „תשבי״ און אויך גדוף, גדופה, „שמעהען״, „לעסטערן״. אין זיין אויסלייג (פראַנקפורטער יידיש!) שרייבט ער: "Chanje (chanukah)—Ketoowes"; "Dos is e Katef" (auch: Baal-Katef) Spassvogel, Witzling. (Abraham Tendlau, Sprichwörter und Redensarten deutsch-jüdischer Vorzeit, Fkf. a. M. 1860, s. 52).

6) ריידנדיק וועגן פאַרשיידענע השערות אין זיין יידיש־דייטשער כרעסטאָמאַטיע (לייפּציג 1882) לייגט ד״ר מאַקס גרינבוים פאָר נאָך איינע: חטב, חטיבה, וואָס מיינט אין גמרא „עטוואָס אַוסערלעזענעס, פיינעס״ (ז׳ 491).

7) אלעזר שולמאַן דערציילט אין זיין „ממקור ישראל״, ברדיטשוב, תרנ״ג (צווייטער באַנד), אַז דעם יונגל בערנען פלעגט מען רופן כתב, און זאָגט דערביי: „לויט מיין פריינט התורני וכו׳ ה״ר שעפטיל איז דאָס דער תלמודישער וואָרט כדב, געפינט זיך אין תלמוד „מילתא דכדיבא״ (ז׳ 13); „נאָך אַ קליינע השערה: לויט אונדזער מיינונג, איז דער באַגריף פון דעם וואָרט חדוד („שפּיצלאַך״), שטאַמט פון ענגלישן ווערב ,to cut וואָס מיינט שניידן, שלאָגן אאַז״וו, וואָס פון אים נעמט זיך דאָס וואָרט כתבן (אָדער קאַטאָוועס) אין יידיש־דייטש..., דאָס הייסט, שלאָגן מיט ריטער, געבן מלקות״. ווי עס האָט באַמערקט דער אויסגעצייכנטער שריפטשטעלער וכו׳ הרי״י ווייסבערג, איז אין „הבקר אור״, פערטער יאָרגאַנג [ז׳ 1242], וועגן דעם אויך געבראַכט געוואָרן, אין נאָמען פון הר״מ [=מיכאל] וואָלף, אַ השערה וואָס שטימט איין מיט הר״י שעפטילס השערה אין דער גירסא כדיבות, אַז עס איז אַ סירישער וואָרט, ווייל דעם וואָרט מהתלות (ישעי׳ ל׳, י׳) פאַרטייטשט די פשיטא: כדיבותא. „און דער אויסקלייבער זאָל אויסקלייבן!״ (ז׳ 137).

8) די ספּעציעלע חנוכה־קאַטאָוועס באַשרייבט (אונטערן איניציאַל „ל״) אין „איזראעליט״, (ז׳ 20, דעצ׳ 29סטן 1910, פראַנקפורט); זיי זיינען דאָס רוב צאַלשפּילן, און דעם וואָרט פירט ער אַרויס פון קטף, אַפּרייסן, אָפּפליקן — קטופות, אָדער פון כתב—כתבות, אָדער כטובות „שניידענדע רעדען, שערצע״.

9) אין דעם נומער פון יאַנואַר 12, 1911, ז׳ 12, פּאָלעמיזירט מיט אים איזאַאַק מ. מאַינץ. ער זאָגט, אַז מע האָט פון לאַנג אָן געזאָגט און געשריבן כדבות, וואָס קומט פון כאַלדעיִש. אונקלוס זעצט איבער ותכחש שרה מיטן וואָרט: וכדיבת, אַזוי ווי עס איז געווען דערלויבט „אָפּצולייקענען״ אין חנוכה־שפּילן. ער ווייזט ווייטער אָן, אַז דער וואָרט געפינט זיך ביי אלישע: אל תכזב בשפחתך — תרגום: ותכדיב.

(פ״גל לעווים „כאַלדעיִשעס ווערטערבוך איבער תרגומים״, לייפּציג 1867, באַנד 1, ז׳ 354; זיין נויהעברעישעס אונד כאַלדעישעס ווערטערבוך״, (לייפּציג 1879), באַנד 2, זז׳ 294—295 און „ערוך השלם״, באַנד 4, ז׳ 196, ווו עס ווערן געבראַכט אַלע שטעלן איבער דעם וואָרט „כדב״, „כדיבא״, „כדבותא״ אאַז״וו).

אָן ענטפער אויף מאַינצס בריוו האָט דער אויטאָר ל. אָפּגעדרוקט אין נומער פון פעב׳ 9, 1911 (ז׳ 12), ווו ער מאַכט חוזק פון מאַינצן און זיין דרום־דייטשער אויסשפּראַך „קעדאָוועס״, און ענדיקט מיט אַ שטאָך: „דערי־בער, הייסט עס, אויב מע זאָגט, אַז קעטאָוועס האָט אַ פאַרבינדונג מיט כדב, אַראַמ׳ כדב, איז עס אַ „קעדאָוועס״.

10) חנוכה־קאַטאָוועס פאַרנעמט אַ חשובן טייל פון ד״ר ש. ראַפּפּאַ־פּאָרטס אַרטיקל: „חנוכה שפילע דער יוגענד״ („מענאָראַה״, דעצ׳ 1926, זז׳ 672—678, ווין—פראַנקפורט אַ־מ.). ער מיינט, אַז „עס איז פאַרבונדן מיט קטף „פליקן, רייסן״, ווייל ביים קאַטאָוועס־שפּיל פלעגן זאָצן, ווערטער אָדער אותיות ווערן פונאַנדערגעריסן און באַקומען אַ נייעם באַטייט״ (ז׳ 674).

11) אין דעם גלאָססאַר (ב. וו. זעגעלס?) צום סוף פון איגנאַץ בערנ־שטיינס „יודישע שפריכווערטער און רעדענסאַרטן״, צווייטע אויפלאַגע, וואַר־שוי תרס״ח, ווערט די פראַגע פון אָפּשטאַם אָפּגעפּטרט מיט די קורצע צוויי ווערטער: „עטימאָלאָגיע אונבעקאַנט״. (ז׳ 32, ערשטער שפּאַלט).

12) כדי צו פאַרצייכענען די גאַנצע ליטעראַטור פון דעם ענין ווי ווייט זי איז מיר באַקאַנט, וויל איך נאָך אָנווייזן אויף:

a) M. Steinschneider, Purim und Parodie, S. 342; b) Dr. J. Perles, Beiträge zur Geschichte der hebräischen und aramäischen Studien, S. 177 (München, 1884); c) Dr. M. Güdemann, Geschichte des Erziehungswesen... in Deutschland, III, 87 (Wien, 1888); d) Dr. A. Berliner, Aus dem Leben der deutschen Juden in Mittelalter, S. 23 (Berlin, 1900); e) J. L. Voorzanger en J. E. Polak, Het Joodsch in Nederland, S. 170 (Amsterdam, 1915).

וו נית־סעמיטישע טעאָריעס

1) דער פריער־דערמאָנטער ד״ר ב...ל לייגט אַליין פאָר דעם שורש גדף „לעסטערן“, נאָר ער זאָגט באַלד נאָך דעם:

aber auch dieses scheint unwarscheinlich zu sein. Am natürlichsten scheint es mir, dieses Wort von dem Griechischen **cottabus** abzuleiten."

די צרה מיט אָט־דער עטימאָלאָגיע איז, וואָס דאָס וואָרט, כאָטש ער קלינגט טאַקע זייער שטאַרק ווי אונדזער ייִדישער קאַטאָוועס, האָט מיט אים נאָך אַלעמען גאָר נישט צו טאָן. ער מיינט אַ געוויסע, ספּעציעל סיציליש שפּיל. זי איז געווען שטאַרק באַליבט ביי די רייכע יונגע לייט (אין אַטען) וואָס האָבן געשיכורט אויף שמחות. דער עיקר פון דער שפּיל, וואָס מען האָט געשפּילט אויף אַ סך אופנים, איז געווען קונציק אַ שליידער צו טאָן פון דעם בעכער דעם ביסל וויין, וואָס איז דאָרט געבליבן נאָכן טרינקען, אין אַ מעטאַלענעם בעקן אַריין. פון דעם ווי עס האָט אָפּגעקלונגען פלעגט דער יונגער מאַן וועלן דערוויסן ווי זיין געליבטע האַלט פון אים.

...ווי אַזוי אָט־די מאָדנע שפּיל האָט געקענט פאַרקריכן צו די ייִדן מיטן טייטש פון שפּיל אין אַלגעמיין, שפּאָס, שטיפעריי, קאַטאָוועס, קען איך בשום אופן ניט פאַרשטיין. אין דעם גרעסטן ענגליש־גריכישן ווערטערבוך (לידדעלל און סקאָטט, אָקספאָרד 1901, ז׳ 837) געפינען זיך נאָר אָט־די פיר טייטשן: א) די שפּיל גופא; ב) דער פּריז (פּרעמיע); ג) די וויין וואָס מע שליידערט; ד) דער טאַז.

3...) פריינד י. ל. זלאָטניק (דער פאָלקלאָריסט עלזעט, מחבר פון „דער ווונדער־אוצר פון דער יודישער שפּראַך“, וואַרשע, תרע״ה) שרייבט מיר אין אַ בריוו (פון אַפּריל, 1927): „אויב איך מעג זיך נאַריש מאַכן, וואָלט איך געזאָגט עס האָט אַ שייכות מיטן ענגלישן chetif; caitiff אין פראַנצויז“.

4...) דער גרויסער דייטשער היסטאָריקער און געלערנטער יאָסט (אַ חידוש פאַר אַ דייטשן ייִדן און נאָך אין יענע אַלטע צייטן!) איז גאָר אַוועק צו דער רוסישער שפּראַך און האָט דעם מקור פון קאַטאָוועס געפונען אין „גאַטאָווא“, מיינט פאַרטיק, גרייט, פאַרענדיקט, געענייגט, וויליק. דאָס אַלץ יאָ, און נאָך אַזוינע זאַכן, אָבער ווי קומט עס צו קאַטאָוועס? דאָס איז באמת ווי מע זאָגט: „אַז מע דאַרף האָבן דעם גנב, שניידט מען אים אָפּ פון דער תליה!“ (יאָסטעס השערה דערמאָנט אלעזר שולמאַן, ז׳ 13, אָנמערקונג 6).

5...) נאָך אַן אַנדער סלאַווישן וואָרט דערמאָנט (פאַר אַ ווונק, ניט פאַר אַן ערנסטער השערה!) האַרקאַווי אין זיין נייעם ייִדיש־ענגליש־העברעישן ווער־

טערבוך, אין אַ באַמערקונג צו קאַטאָוועס (ז׳ 438) — דעם פוילישן וואָרט gadywac — „ריידן, פלוידערן״ [1].

...פאַראַן אין רוסיש דאָס וואָרט „קאַטאַוואַסניקאַ״, וואָס איז אַ פאַראַלעל צו „קוראַליעסניק״, שטיפער, קונדס... פון דאַנען, מיין איך, שטאַמט אונדזער וואָרט.

...ווי באַלד מיר נעמען אָן די סלאַווישע אָפּשטאַמונג פון וואָרט קאַטאָוועס, ווערן מיט איין מאָל פאַרענטפערט אַלע קשיות, וואָס פלעגן זיך שטעלן ווען מען האָט געוואָלט דערקלערן די עטימאָלאָגיע פון וואָרט אויף אַן אַנדער אופן. 1) עס ווערט פאַרשטענדלעך די אוראַלטע טראַדיציע פון אויסלייג מיט „ק״ און „ט״; 2) דער טייטש: נאַרישקייט, שפּאַס, שטיפעריי, שקאָצעריי איז שוין דאָ אין דעם מקור־וואָרט; 3) די פאָנעטישע דערשיינונגען אין דער פאַרוואַנדלונג פון די סלאַווישע וואָקאַלן ביים איבערגאַנג אין יידיש זיינען כולו אין איינקלאַנג מיט די פעסט־באַשטעטיקטע דינים פון יידישער שפּראַך־וויסנשאַפט; 4) די אוראַלטע פריצייטיקע באַרירונג צווישן די יידן און די סלאַוון דערקלערט אויף אַ נאַטירלעכן אופן, ווי אַזוי די יידן האָבן אַנטליען ביי די סלאַוון „קאַטאָוועס״.

●

ד״ר א. קאַפּעל

ד״ר שלמה עטינגערס „שרהקעלע״ *

...„שרהקעלע״ איז דורך און דורך אַ רעאַליסטישע קאָמעדיע. „די העלדין״ שרהקעלע איז אַ לעבעדיקער מענטש פון יענער צייט. עס איז די פרוי פון דער מאַטריאַרכאַט־עפּאָכע ביי יידן. אין יענער צייט, ווען די יידישע פרוי איז, צום רוב, געווען די שפּייזערין, ווען זי איז געווען דער באַלעבאָס אין דער פאַמיליע, וואָס האָט געזאָרגט פאַר חיונה און האָט טאַקע אויסגעהאַלטן אַ מאַן, אַ בית־מדרשניק, און זיידענע קינדערלעך, האָט זיך אויסגעבילדעט אַ פרוי מיט אַ מאַנסבילשן כאַראַקטער. די פרוי איז דעמאָלט געשטאַנען אין לעבנסקאַמף. אין לעבנסקאַמף האָט זי אָפט מאָל פאַרלוירן איר פרויען־צאַרטקייט, איר ווייכקייט און אַפילו איר צניעות און ריינקייט. זי איז געווען אַ

* „דער פנקס״, יאָרבוך פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך, פאַר פאָלקלאָר, קריטיק און ביבליאָגראַפיע, ערשטער יאָרגאַנג, תרע״ב — 1912, רעדאַקטירט פון ש. ניגער, ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין, זז׳ 46—48.

געשעפטס־מענטש, האָט געשווינדלט, געבאָרגט, געליִען און געדרייט אַ וועלט. זי איז געווען דער סוחר, וואָס ביי אים זיינען כשר אַלע מיטלען, וואָס ברענגען אַריין געלט.

„שרהקעלע" איז דער סוחרישער מאַנסביל פון יענער צייט. זי האַנדלט, זי שווינדלט, זי מאַכט אַ פאַלשע צוואה און חערט רייך.

דאָס ווייבערישע אין איר איז געפעלשט, ניט עכט; איר צאַרטקייט, איר „שוואַכקייט" זיינען נאָר מיטלען צו פאַרדעקן די מאַנסבילישע האַרטקייט און דעם מענערישן כאַראַקטער. שרהקעלע שפילט בלויז די ראָלע פון אַ שוואַכער פרוי. דאָס איז איר באַקוועמער פאָר אירע טונקעלע געשעפט־קאָמבינאַציעס. זי פאַרהילט דעם טיגער, דעם אַכזר, וואָס ליגט אין איר. שרהקעלע איז געזונט ווי אַ שטיין — און אויף טריט און שריט קרעכצט זי „אוי, מיינע כוחות"! אומעטום שטרייכט זי אונטער, אַז זי איז ניט מער ווי אַ קראַנקע, שוואַכע פרוי — און דאַרף מיט אירע שוואַכע פרויען־הענט האַלטן די לייצעס פון אַ צערודערטער פאַמיליע.

שרהקעלע איז אין אמתן פאַרהאַרטעוועט און פאַרשטיינערט געוואָרן אינעם שטענדיקן לעבנסקאַמף. עס איז אין איר ניט געבליבן קיין שפור פון צערט־לעכקייט און ווייכקייט.

די פרוי, די שטילע, ווייכהאַרציקע פרוי אין הויז, איז איר מאַן, ר' משה דאַנציגער. ער איז ווייט פון דעם לעבנסקאַמף, ער איז אויף קעסט ביי זיין פרוי, דער אשת־חיל, דער געשעפטס־פירערין. מען הערט אים ניט און מען זעט אים נישט אין הויז. אין זיין ווייבס געשעפטן האָט ער אַ קנאַפּע השגה. ער ווייסט נאָר פון דער פאַלשער צוואה. ער ווייסט פון דעם, און עס פייניקט אים, עס נאָגט אים עפּעס טיף אין האַרצן. שטיל, פאַרטרויערט, גייט ער אַרום, און דער פאַרברעכן פון זיין פרוי דריקט אויף אים, ווי אַ באַרג, ער מוז אָבער שווייגן און שווייגט טאַקע.

אָט האָט איר דעם מאַן אין אונדזער פאַרגאַנגענער מאַטריאַרכאַט־תקופה.

און משה דאַנציגער איז דער ערשטער, וואָס זיפצט־אָפּ לייכט, ווען דער גאַנצער שווינדל ווערט אויפגעדעקט. ער איז פריי, ער איז ריין. קיינער איז אים ניט חושד, קיינער האָט אויף אים קיין תרעומות ניט. אַלע באַשירעמען און היטן אים פון דער באַשולדיקונג. ער איז דאָך אַ צאַרטע, פרומע און ערלעכע פרוי אין שרהקעלעס הויז!

עטינגער האָט אין זייער שאַרפע שטריכן געשילדערט דאָס ניט־נאָרמאַלע אינעם לעבן אין יענער צייט. ער האָט מייסטערהאַפט געשילדערט די דאָ ניט־לאַנג פאַרגאַנגענע מאַטריאַרכאַט־תקופה ביי יידן.

דאָס איז די טענדענץ פון דער גאַנצער קאָמעדיע. און אומזיסט באַמיִען

זיך אייניקע אויסצוזוכן עכט־משכילישע טענדענצן אין דער קאָמעדיע „שרה־קעלע".

עס איז אַ קלוגע און זייער בולטע שילדערונג פון אַ צייט, אין וועלכער די פרוי נעמט אויף זיך די ראָלע פונעם מאַן, און מאַן ווערט די סענטימענטאַלע פרוי. ביידע זיינען נישט אויפן ריכטיקן אָרט.

„שרהקעלע" איז אַ פּאַמפלעט קעגן דער „אשת־חיל", קעגן דער הערשאַפט פון דער פרוי. „שרהקעלע" איז דער בייזער גייסט אין איר שטוב; זי דעמאָראַליזירט אַלץ און אַלעמען. זי האָט פאַרקריפּלט איר אייגענע טאָכטער, פריידעלעלע. אירע משרתים און די איבעריקע מענטשן, וואָס שטייען אונטער איר „הערשאַפט". און דערביי איז שרהקעלע ניט־איבעריק קלוג, ניט באַזונדערס ווייטזיכטיק אין אַלע אירע געשעפט־קאָמבינאַציעס. נאָך אַלע זאַכן איז זי ניט מער ווי „אַ נאַרישע ייִדענע".

עטינגער פירט־אַרויס אַ פּרויען־געשטאַלט, וואָס איז אויפגעצויגן געוואָרן אין אַ הויז, ווו דער פאָטער איז געווען דער „איש־חיל", דער פירער און דער געביטער. הינדע, די טאָכטער פון שרהקעלעס ברודער ר' דוד, איז דער „מוסטער" פון אַ פרוי. זי איז ריין, ערלעך, סענטימענטאַל און „שטיל ווי אַ טויב".

וויל מען דווקא זוכן עטוואָס משכילישעס אין עטינגערס שרהקעלע, קען מען עס געפינען בלויז אין דעם, וואָס עטינגער שילדערט מיט די שענסטע און ליכטיקסטע פאַרבן די זעלבשטענדיקסטע און „געבילדעטע" מענער.

דער געבילדעטער ר' דוד און דער סטודענט מאַרקוס רעדלעך זיינען די מוסטער־מענער, זיי זיינען די מענטשן, וואָס באַווייזן זיך אינעם ייִדישן לעבן.

די גערעכטיקייט און דער אמת טריומפירן אינעם סוף פון דער קאָמעדיע; פון שרהקעלען ווערט אַראָפּגעריסן די מאַסקע, און אַלע אָטעמען־אָפּ פריי. די דאָזיקע „ליטעראַרישע נאַיוויטעט" האָט געהערשט אין דער גאַנצער אייראָפּעישער ליטעראַטור, ווען „שרהקעלע" איז געשריבן געוואָרן.

איין שטריך איז פאַראַן אין עטינגערס „שרהקעלע", וואָס האָט זיך שפּעטער „אָפּגערופן" אין דער ייִדישער טעאַטער־ליטעראַטור און אַנדערע ייִדישע ביכלעך פון דער השכלה־עפּאָכע; דאָס איז: די געבילדעטע פּערזאָנען ריידן דייטש. מאַרקוס רעדלעך, דער סטודענט; הינדע, דאָס גוט־דערצויגענע מיידל; און דער געבילדעטער ר' דוד — ריידן דייטש.

ביי עטינגערן טוען עס די פּערזאָנען אָבער ניט מחמת פאַראַכטונג צום „זשאַרגאָן". ביי אים איז עס נאָר אַ רעאַליסטישער שטריך; ער וויל זיין געטריי דער ווירקלעכקייט.

אין יענער צייט האָבן די געבילדעטע קיין זשאַרגאָן ניט געוואָלט ריידן. עטינגער אַליין לאַכט־אויס די „שוואַכקייט" אין זיין קאָמעדיע גופא. איין אָרט

איז זייער כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער באַציִונג פֿון עטינגערן צו ייִדיש. ר' דוד, שרהקעלעס ברודער, רעדט מיט זיך אַליין דייטש, נאָר מיט דער וועלט רעדט ער ייִדיש. און ניט נאָר ער רעדט ייִדיש, ער צווינגט אַפילו פריידע־אַלטעלען, שרהקעלעס טאָכטער, וואָס ברעכט די צונג אויף דייטש ריידן, צו ריידן פשוט ייִדיש.

— איר זעט — זאָגט דוד שמעלקען — „זי הייבט־אָן ייִדיש צו ריידן. ווי איך זע אָן, וועט איר מיר נאָך אַ מאָל דאַנקען".

און ניט נאָר אַלטעלע הייבט־אָן צו ריידן פשוט ייִדיש, נאָר אַפילו די געבילדעטע הינדע, ר' דודס טאָכטער, פֿאַרגעסט דייטש און הייבט־אָן ריידן ייִדיש. ביי זיין דייטש בלייבט נאָר דער סטודענט רעדלעך.

מיט אים קאָן עטינגער גאָר ניט מאַכן.

עטינגער שטייט מיט פיל קעפּ העכער פֿאַר די שרייבערס פֿון זיין צייט נאָך אין אַ וויכטיקן פּונקט: ביי עטינגערן איז די דראַמאַטישע פֿאָרעם ניט קיין ליטעראַרישער קאַפּריז. ער האָט געהאַט אין זינען אַ סצענע מיט אַלע אירע געזעצן און פֿאָדערונגען. „שרהקעלע" איז אַ זייער סצעניש ווערק לויט די באַגריפֿן פֿונעם טעאַטער אין יענער צייט. קיינער פֿון עטינגערס חברים, ווי למשל, אַקסענפֿעלד און אַפילו שפּעטער ר' מענדעלע, האָבן ניט געהאַט קיין סצענע פֿאַר די אויגן, ווען זיי האָבן געשריבן זייערע „טעאַטער־שטיק". ביי זיי איז עס געווען בלויז אַן אַבסטראַקטע ליטעראַרישע פֿאָרעם. עטינגער האָט געשריבן זיין „שרהקעלע" פֿאַר אַ בינע, און אפשר מיט דער שטילער האָפֿענונג צו זען זי אויפֿגעפֿירט.

... ווען אונדזער טעאַטער וואָלט געהאַט אַ ביסל פּיעטעט צו אונדזער קלאַסיקער און אַ ביסל מבֿינות, וואָלט „שרהקעלע" ניט איין מאָל אויפֿגעפֿירט געוואָרן. פֿונעם פשוטן „דערפֿאָלג"־שטאַנדפּונקט וואָלט דאָס אַלטע ווערק גע־לוינט אויפֿצופֿירן. עס פֿאַרמאָגט אַלע סצענישע טריקן, וואָס מאַכט אַ שטיק דעם דערפֿאָלג.

אַברהם יעקב פּאַפּערנאַ

די ערשטע יידישע דראַמע און דער ערשטער יידישער ספּעקטאַקל *

...אין יאָר 1862, אַז איך בין געקומען צו פאָרן קיין זשיטאָמיר, כדי אָנצוקומען אין דער דאָרטיקער ראַבינער־שול, האָב איך ביי דעם אייבער־לע־רער פון דער ראַבינער־שול, דעם באַרימטן העברעיִסט חיים צבי לערנער, איין מאָל געטראָפן אַ שיינעם, שלאַנקן, בלאָנדהאָריקן יונגן מאַן. לערנער האָט אונדז איינעם דעם אַנדערן פאָרגעשטעלט, אָנגערופן מיין נייעם באַקאַנטן, דעם תלמיד פון דעם פינפטן קלאַס פון דער ראַבינער־שול, אַברהם גאָלדענפאַדים. דערביי האָט מיר לערנער גאָלדענפאַדימען רעקאָמענדירט פאַר אַ גוטן העברייער. לער־נער האָט אויסגעזוכט עטלעכע נומערן פון „המליץ", ווו עס זיינען געדרוקט געווען שירים פון גאָלדענפאַדים, וועלכע האָבן געצייגט אין דעם פאַרפאַסער אַ זיכערן פּאָעטישן טאַלאַנט און אַ פיינעם העברעיִשן סטיל.

...אין יאָר 1862 איז געשטאָרבן דער אינספּעקטאָר פון דער זשיטאָמי־רער ראַבינער־שול, יעקב אייכענבוים, און אויף זיין שטעל איז אָנגעקומען דער באַרימטער יידישער געלערנטער חיים־זעליג סלאָנימסקי. מאַדאַם סלאָנימ־סקי, די טאָכטער פון באַוווּסטן מאַטעמאַטיקער ר' אַברהם שטערן פון וואַרשע, איז געווען זייער אַ הויך־געבילדעטע פרוי. בטבע אַן אַסימילאַטאָרין, האָט זי אָבער מיטגעבראַכט פון וואַרשע, ווי אַ קוריאָז, די יידישע דראַמע „שרהקעלע" פון דאָקטער עטינגער פון זאַמאָשטש. די דראַמע איז איר זייער געפעלן געווען, פלעגט זי ליב האָבן זי פאָרצולייענען פאַר באַקאַנטע. דעם זעלביקן זומער איז איר איינגעפאַלן צו מאַכן אַ ספּעקטאַקל, ווו די דראַמע זאָל געשפּילט ווערן דורך די שילערס פון דער ראַבינער־שול.

דער פּלאַן, פאָרצושטעלן אויף יידיש אַ דראַמע, האָט אויסגעזען ווילד ביי דער זשיטאָמירער יידישער אינטעליגענץ, אָבער מאַדאַם סלאָנימסקי איז פעסט באַשטאַנען אויף איר פּלאַן. אפשר האָט זי אַליין געקוקט אויף דעם, ווי אויף אַ קוריאָז, נאָר דאָך האָט זי זיך דערפאַר גענומען מיט גרויס ענערגיע. זי האָט

---

* „דער פנקס", יאָרבוך, ווילנע 1912, זז' 185—190.

פונאַנדערגעטיילט די ראָלן, אָרגאַניזירט, רעפּעטירט, געזאָרגט פאַר פּאַסנ־דיקע דעקאָראַציעס, און דער ספּעקטאַקל איז צושטאַנד געקומען אין קעגנוואַרט פון די לערערס פון דער ראַבינער־שול און פון דער איבעריקער זשיטאָמירער אינטעליגענץ. דער ספּעקטאַקל האָט געמאַכט אַ פּוראָר. די שילערס האָבן זייערע ראָלן געשפּילט, נאָר מער פאַר אַלעמען האָט זיך אויסגעצייכנט גאָלדפאַדען, וואָס האָט געשפּילט די שווערסטע ראָלע — סערקעלע.

...אין לעבן פון מענטשן טרעפט אָפט אַ צופעליקע געשעעניש, אַ מאָל אַ קלייניקייט, וואָס מאַכט אַזאַ איינדרוק אויף אים, אַז עס גיט אַ נייע ריכטונג זיין גאַנצן צוקונפטיקן לעבן. און איך בין זיכער, אַז אַזאַ שטאַרקע ווירקונג האָט געמאַכט אויף גאָלדפאַדענען זיין צופעליקער דעבוט אויף דער סצענע. די אידייע פון גרינדן אַ ייִדישן פאָלקס־טעאַטער איז דעמאָלט ביי אים געבוירן געוואָרן און האָט פאַרנומען אַזאַ אָרט אין זיין מוח און אין האַרץ, אַז זי איז געוואָרן זיין לעבנס־אויפגאַבע.

●

מ. ווינער

ווירקונגען פון דער אייראָפּעישער ליטעראַטור אין עטינגערס „סערקעלע" *

עטינגער געהערט צו יענע ייִדישע שרייבערס פון דער ערשטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט, וואָס זיינען צוליב היסטאָרישע סיבות נאָך אויסשליס־לעך פאַרבונדן מיט די מערב־אייראָפּעישע קולטור־טראַדיציעס. אין דעם פּרט איז ער נישט אַן „ערשטער", ווי ווינרייך מיינט, נאָר פאַר אַ גאַנצן פּעריאָד איינער פון די לעצטע. אין אַ געוויסער מאָס (מען דאַרף דאָס פאַרשטיין cum grano salis **) קאָן מען זאָגן, אַז ערשט פּרץ, אויך אַ פּוילישער פון זאַמאָשטש, נעמט ווידער אויף, אויף אַ מער דירעקטן אופן, אַקטועלע השפּעות פון דער אייראָפּעישער ליטעראַטור אין זיין צייט. און גראָד פון דעם פּונקט, ווו עטינגער איז שטיין געבליבן — פון היינען אָן און ווייטער.

עטינגער איז באַקאַנט געווען מיט היינעס ווערק געוויס ניט ווייניקער ווי

---

* מ. ווינער — „צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין 19טן יאָרהונדערט", ב"י 1945, ז' 264—270.

** מיט שכל הישר.

מיט לעסינגס. איז טאַקע אינטערעסאַנט פעסטצושטעלן, אַז פון לעסינגן, געלערנטן און שילערן האָט עטינגער איבערגענומען ווירקונגען און אַפילו אַנטלייונגען, כאָטש זייער שאַפן האָט געהערט צו אַ פריִערדיקן דור, אָבער פון אייגנטלעכע היינישע השפּעות געפינען מיר גאָר ווייניק אין עטינגערס שאַפן, כאָטש היינע איז געווען זיין צייט־חבר און עטינגער האָט אים זייער ליב געהאַט. אין געלערטס „אומשולדיקע גראַמען האָט זיך געהערט אַן אָפּהילך פונעם ערשטן שטילן סאָציאַלן געוויטער, פונעם בירגערלעכן זעלבסטבאַוווּסטזיין" (פראַנץ מערינג: „די לעסינג־לעגענדע"). ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַריינגעפירט אין דייטשן טעאַטער דעם בירגערלעכן שטייגער: „זיין משלים־בוך האָט צום ערשטן מאָל געזאַמלט די בירגערלעכע קלאַסן אַרום אַ ליטעראַרישער פאַן" (דאָרט). לעסינג, ווידער, איז דער קלאַסישער און קראַפּטפולער פאַרקעמפער פון דער דייטשער בירגערלעכער אויפקלערונג. צוליב ענלעכע סיבות זיינען עטינגערן געווען צום האַרצן השפּעות פון שילערן. אין היינעס שאַפן אָבער ווייזן זיך שוין דייטלעך די סתירות, וואָס אין דער בירגערלעכער געזעלשאַפט, בליצט שוין דורך אַן אָנזאָג פון נייע קאַמפן פון אַ נייעם קלאַס — פונעם פּראָלעטאַריאַט. עטינגער האָט זיך געקאָנט קוויקן מיט היינעס דרייסטן שאַרפזין. דער אינעווייניקסטער דעמאָקראַטיש־רעוואָלוציאָנערער מהות פון היינעס „ראָמאַנטישער" איראָניע איז אים געבליבן פרעמד.

ניט פרעמד זיינען אים געווען עלעמענטן פון ראָמאַנטיק. עטינגער איז אין זיינע משלים, אין „סערקעלע", אין די דראַמאַטישע פראַגמענטן און אַפילו אין זיין פּאַראַפראַזע פון שילערס „די גלאָקע", אַ רעאַליסט, אָבער אין א טייל פון זיינע לידער, סיי אָריגינעלע, סיי איבערזעצונגען און נאָכמאַכונגען — איז ער אַ ראָמאַנטיקער.

...לויט אונדזער מיינונג איז וויינרייכס היפּאָטעזע וועגן דירעקטע ליטעראַרישע באַציִונגען צווישן עטינגערס „סערקעלע" און פּאַנוויזינס קאָמעדיע „ניעדאָראָסל" אַ טעותדיקע.

...די פּראָבלעמאַטיק פּאַנוויזינס באַוועגט זיך דער עיקר אינעם קרייז פון אַ זעלבסט־הערשערישער מלוכה — פריצים — לייב־אייגנטום. עטינגערן איז דער דאָזיקער פּראָבלעמען־קרייז פרעמד. זיינע אידייען שטאַמען פון גאָר אַן אַנדער געזעלשאַפטלעכער סביבה. מיט זיין קינסטלערישן שאַפן איז ער אויסן אויסצופורעמען און צו פאַרפעסטיקן די נייע בירגערלעכע פאָרמען אינעם שטייגער. קיין שאַרף־אַקטועלע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמאַטיק, ווי ביי פּאַנוויזינען, וועלן מיר אין זיין „סערקעלע" ניט געפינען. ער טרעט בלויז אַרויס קעגן דעם פעאָדאַליש־אַפּגעשטאַנענעם פסעוודאָ־בורזשואַ, דעם פּאַרוועניו (סערקעלע, איר טאָכטער, גבריאל הענדלער), קעגן אומבאַרעכטיקטע פּרעטענזיעס, וואָס באַזירן זיך אויף ניִשט־גילטיקער פרומקייט (קעגן צבועקישקייט — טאַר־

טיף־מאַטיוו!) און קעגן אַ באַשטימטן טיפּ פּעדאַליש־אָפּגעשטאַנענעם קליינ־בירגער (שמעלקע טרויניקס, יוחנן שדכן אאַז״וו). ער אידעאַליזירט דעם אויפ־געקלערטן בורזשואַ און זיין צוקונפטיקן „געהילף״, דעם אינטעליגענט, דעם סטודענט. ווי מיר זעען, איז ניט פאַראַן קיין אינהאַלטלעכע באַריר־פּונקטן אין די ווערק פון די דאָזיקע צוויי שרייבערס.

... פאַנוויזין, וועלכער האָט געקענט די פראַנצייזישע און דייטשישע ליטע־ראַטור, האָט געבויט זיין ווערק לויט אַן ענלעכער טעמאַטישער סכעמע, ווי, למשל, לעסינג זיין קאָמעדיע „דער אוצר״ („דער שאַץ״). לויט דער זעלביקער סכעמע האָט אַ סך שפּעטער קאָצעבו געשריבן אַ פּיעסע, צו וועלכער עטינגערס „סערקעלע״ איז ניט ווייניקער ענלעך איידער צו פאַנוויזינס קאָמעדיע. אין קאָצעבוס קאָמעדיע זיינען אַפילו פאַראַן אַזעלכע מאָמענטן, וועלכע מיר גע־פינען אין „סערקעלע״ יאָ און אין „ניעדאָראָסל״ לחלוטין ניט. למשל, די (אַלטע קאָמעדיע און אין דער בירגערלעכער דראַמע פאָפּולערע און שאַבלאָ־נישע) פיגור פונעם בעל־אכסניה (אין „סערקעלע״ — שמעלקע טרויניקס). אַנדערע מאָמענטן פון „סערקעלע״, למשל, די פיגור פונעם שדכן און פונעם משרת, זיינען פאַראַן אין לעסינגס קאָמעדיע (אויך אין „לייכטזינן אונד פרעממעללייא״ און אין אַגעווע) און פעלן ביי פאַנוויזינען אאַז״וו.

מיר וועלן דאָ פרווון קורץ סקיצירן די דייטלעכסטע סוזשעטישע אַנט־לייונגען, וואָס לאָזן זיך דערקענען אין עטינגערס „סערקעלע״.

קודם כל דאַרף מען נעמען אין אַכט די ווירקונג פון וואָלפסזאָנס „לייכט־זינן אונד פרעממעללייא״. וויכטיקער איז די אוממיטלבאַרע ווירקונג פון דער אַגעווע, אין וועלכער עטינגער האָט געפונען דעם ליטעראַרישן פּראָטאָטיפּ פון זיין סערקעלע־פיגור (די פיינע־בריהטע). לויט פּרצעס עדות־זאָגן, ווייסן מיר, אַז עטינגער האָט אַחוץ דעם אויסגענוצט פאַר דער דאָזיקער פיגור אַ פּראָטאָטיפּ, אַ גענומענעם פונעם לעבן (די „קאַלטע מומע״ פרצעס). פאַר אַ קינסטלער פון עטינגערס ראַנג איז דאָס זעלבסטפאַרשטענדלעך. די בלאַסע סכע־מעס פון די פריזיקע יידישע פּיעסעס האָט עטינגער אָנגעפולט מיט לעבן און ווירקלעכקייט.

וואָס שייך אַנטלייונגען פון אַנדערשפּראַכיקע ליטעראַטורן, איז ערשטנס קלאָר, אַז עטינגער איז געווען באַקאַנט מיט מאָליערס „טאַרטיף״ (זאָל זיין אין אַ דייטשער איבערזעצונג), וואָס איז געווען זייער פאָפּולער אין די אויפ־קלער־קרייזן. די פיגור סערקעלע איז אין אַ געוויסער מאָס אַ קאָמבינירטער סינטעז פון דער אַלטער „מאַדאַם פערנעל״, „מאַדאַם עלמיראַ״ (אָראָנס מוטער און זיין פרוי אין מאָליערס „טאַרטיף״), דער „פיינער־בריהטע״ פון אַגעווע און דעם פּראָטאָטיפּ, וואָס איז גענומען געוואָרן פון ווירקלעכן לעבן („די קאַלטע מומע״).

...אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון סערקעלעך איז, וואָס זי, דער פּאַר־ווענילו, באַרימט זיך אָפּט מיט איר פאַלשן יחוס. דער דאָזיקער שטריך שטאַמט אורשפּרינגלעך פון מאָליערס „בירגער אַלס אַדליקער" (פון די פראַנצייזישע מאָליער־נאָכמאַכערס איז דער מאָטיוו פון „בורזשואַ־זשענטילהאָם" שוין לאַנג אויסגענוצט געוואָרן פאַר פּרויען־פיגורן). עטינגער האָט אָבער דעם דאָזיקן שטריך געקאָנט נעמען פון „לייכטזינן אונד פרעממעלייא" אָדער פון דער אַגעווע, ווו ער איז אויך דייטלעך פאַראַן. פאַר אַלטעלעס קוידעריש־„געביל־דעטער" שפּראַך האָט עטינגער געקאָנט געפינען אַ מוסטער אין שילערס „אינ־טריגע און ליבע", ווו די נעגאַטיווע שפּראַך פון דעם שטאָט־מוזיקאַנטס פרוי רעדט אין אַן ענלעכן משונהדיקן קוידעריש. אַגב, דערמאָנט די טעמע פון עטינגערס פראַגמענט „דער פאָטער פון אַמעריקע" אין שילערס קאָמעדיע „דער נעפע אַלס אָנקל".

...די ווילכטיקסטע השפּעה, וואָ סשייך דער טראַדיציע אין יידישער שפּראַך, האָט עטינגער געצויגן פון דער אַנאָנימער „געגנאַרטע וועלט", דעם באַדייטנ־דיקן רינגעלע אין דער ליטעראַטור־היסטאָרישער קייט, וואָס ציט זיך פון אייכל און וואָלפסזאָן איבער עטינגערן, אַקסענפעלדן („געגנאַרטע וועלט", „מאַן און ווייב") און גאָטלאָבערן („דעקטוך") ביז צו גאָלדפאַדענען („מומע סאָסיע"), ווינטשעווסקין, שלום עליכמען און ווייטער.

אין עטינגערס פּיעסע זיינען נאָך פאַראַן באַשטימטע מאָמענטן פון דער מאָליערישער כאַראַקטער־ און סיטואַציע־קאָמעדיע, כאָטש זי איז אַ „בירגער־לעך" שוישפּיל לויטן נוסח, וואָס לעסינג האָט איינגעפירט אין דייטשלאַנד. זי איז סענטימענטאַל אינעם ליבע־מאָטיוו און זשאַנער־מאָלעריש. אַחוץ דעם אָבער געפינען מיר אין דער פּיעסע אַ ביז גאָר ווילכטיקע נייס, וואָס הייבט די טראַדיציאָנעלע פיגורן אַרויס ביז צו קינסטלערישער אָריגינעלקייט: איך מיין דעם מאָמענט פון רעאַליסטישן שטייגער אינעם אופן ריידן. דאָס דאָזיקע נייס באַווייזט, ניט ווייניקער ווי די אויסגעצייכנטע קאָמפּאָזיציע, די מדרגה פון עטינגערס קינסטלערישקייט.

„סערקעלע" איז נאָך היינט לייענבאַרער איידער לעסינגס יוגנט־קאָמעדיע „דער אוצר". קינסטלעריש שטייט זי געוויס ניט נידעריקער פון פאָנוויזינס „ניעדאָראָסל" און אַ סך העכער פון קאָצעבוס נאָכמאַכעריי. ניט געקוקט אויף אַלע זעלבסטפאַרשטענדלעכע ליטעראַרישע השפּעות, איז „סערקעלע" אַן אָריגי־נעל קינסטלעריש ווערק, אין וועלכן עס ווערן צום ערשטן מאָל פיקסירט אין דער יידישער ליטעראַטור אַ ריי ספּעציפישע נאַציאָנאַלע פיגורן, וואָס האָבן זיך דעמאָלט אין דער ליטעראַטור, און זעלטן ווען בולטער און קינסטלעריש שאַרפער, אַ סך מאָל איבערגעחזרט.

יעפים ישורין

שלמה עטינגער - ביבליאגראפיע

וועגן שלמה עטינגער אין ביכער

אויסלענדער, נ.

1 די עלטערע ייִדישע דראַמע און איר קינסטלערישע אויסשטאַטונג, טעאַטער־בוך, קיִעוו 1927, ז׳ 46, 54.

באַטאָשאַנסקי יעקבֿ

2 מאַמע יידיש, בוענאָס־איירעס 1949, ז׳ 84, 90, 93, 108, 109, 145.

בוכוואַלד, נ.

3 טעאַטער, נ״י 1943, ז׳ 454.

ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.

4 חלום און וואָר, עסייען, נ״י 1956, ז׳ 225, 477.

ביק, אַבֿרהם

5 אַ קריטיש־ביבליאָגראַפישע באַמערקונג, אין באַגינען, נ״י 1952, ז׳ 6.

ביקל, שלמה

6 שרייבער פון מיין דור, נ״י 1958, ז׳ 239.

בעל־מחשבֿות

7 „ווי אַלט איז די זשאַרגאָן־ליטעראַטור?״, שריפטן, ב׳ 1, ווילנע 1927, וואַרשע 1929, ז׳ 23.

8 „צוויי שפּראַכן — איין־איינציקע ליטעראַטור״, שריפטן, ב׳ 2, ווילנע (יאָר?) וואַרשע 1927, ז׳ 64.

9 „דאָס דרום־רוסישע ייִדנטום און די ייִדישע ליטעראַטור אין 19טן יאָרהונדערט״ אין געקליבענע ווערק, נ״י 1953, ז׳ 91, 93, 118.

גאָטלאָבער, א. ב.

10 „ד״ר עטינגער, אַלעקסאַנדער צעדערבוים״, די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק, בוך 1, קיִעוו 1888, זז׳ 253—254.

גאָרין, ב.

11 „ערשטע ייִדישע דראַמאַטורגן אין רוסלאַנד״, די געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור, ב׳ 1, נ״י 1929, זז׳ 89—131. „רשימה פון די פיעסן אין ייִדישן רעפּערטואַר״, ד״ז, ב׳ 2, די געשיכטע פון ייִדישער ליטעראַטור, 2טער באַנד, נ״י 1929, ז׳ 270.

גינזבורג, ש.

12 „נייס וועגן ישראל אַקסענפעלד״, ב׳ 2, ווילנע 1930, ז׳ 43.

גלאַטשטיין, יעקבֿ

13 „מ׳זוכט דעם פאָטער פון דער אַמעריקאַנער ייִדישער ליטעראַטור״, אין תוך גענומען, נ״י 1947, זז׳ 392—393.

דאָברושין, י.

14 „האַסקאָלישע פאָרמלאָזיקייט״, גערדאַנקענגאַנג, קיִעוו 1922, ז׳ 103.

15 „שלום עליכמס דראַמאַטורגיע״, אין איבערבוי, מאָסקווע 1932, זז׳ 199—200, 203.

דובילעט, מ.

16 וועגן עטינגערס דראַמאַטישער טעכניק, ש. עטינגער, געקליבענע ווערק,

פ׳ פון דער אוקראַיִנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, קיִעוו 1931, זז׳ 34—40; עטינגערס אויסגאַבעס, זז׳ 349—367.

וויטיעס, משה

17 די דראַמע ביי יִדן, עסייען וועגן ליטעראַטור, נ״י 1958, ז׳ 148.

וואַנווילד, מ.

18 צי איז שוין פאַראַן אַ יודישע ליטעראַטור?, וואַרשע 1929, ז׳ 10.

ווינער, מ.

19 די אויסגאַבע פון עטינגערס שריפטן, ביבליאָגראַפישער זאַמלבוך 1, מאָסקווע־כאַרקאָוו־מינסק 1930, זז׳ 115—163.

20 וועגן דער אייגענער אַרבעט, קעגן אַנטי־מאַרקסיסטישע טראַדיציעס אין דער ליטעראַטור־פאַרשונג, מע־לוכישער נאַצמינדפאַרלאַג באַם פּרעזי־דיום פונ וציק, כאַרקאָוו־קיִעוו 1932, ז׳ 23.

21 צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין 19טן יאָר־הונדערט, קיִעוו 1940, זז׳ 9—10, 18, 37—38, 52—53, 57, 75, 92—98, 103, 115—121, 145, 161—213, 215—249, 402, 444—448.

22 צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין 19טן יאָר־הונדערט, ב׳ 1, נ״י 1945, זז׳ 27—28, 69, 71—77, 94, 101, 106—108, 123—131, 141, 150—158, 189, 195, 208—236.

23 ווירקונגען פון דער אייראָפּעיִ־שער ליטעראַטור אין עטינגערס „סער־קעלע״, שלמה עטינגער — אויסגע־קליבענע שריפטן, יוסף ליפשיץ־פאָנד ביים קולטור־קאָנגרעס אין אַרגענטינע, ב״א 1957, זז׳ 254—259.

וויַנרײַך, ד״ר מאַקס

24 הוספות און תיקונים, שטאָפּ־לען, בערלין 1923, ז׳ 246.

25 בילדער פון דער יידישער לי־טעראַטור־געשיכטע, ווילנע 1927, זז׳ 120, 253, 259, 280—291.

26 פיר אומבאַקאַנטע טעאַטער־שטיק פון מיטן 19טן יאָרהונדערט, אַרכיוו פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און דראַמע, ב׳ 1, נ״י־ווילנע 1930, זז׳ 175—176, 179, 199, 201.

27 שלמה עטינגער און די רוסישע צענזור, שלמה עטינגער, ב״א 1957, זז׳ 237—238.

זעליקאָוויטש־יאַל.

28 דער טויט און זיינע באַגלייט־מאָמענטן אין דער יידישער עטנאָגראַ־פיע און פאָלקלאָר, לאָדזשער וויסנ־שאַפטלעכע שריפטן, ב׳ 1, לאָדוש 1938, ז׳ 160.

טורקאָוו, זיגמונט

29 שמועסן וועגן טעאַטער, ב״א 1950, ד״ר שלמה עטינגער, זז׳ 134—135; עטינגערס „סערקעלע״ זז׳ 136—150; אַברהם בער גאָטלאָבער, ז׳ 151.

טורקאָוו, יאָנאַס

30 פאַרלאָשענע שטערן, ב׳ 1, ב״א 1953, ז׳ 204; ב׳ 2, זז׳ 73, 153—155.

טורקאָוו־גרודבערג, יצחק

31 יידיש טעאַטער אין פוילן, וואַר־שע 1951, ז׳ 8, 61.

יאָפּע, יודאַ א.

32 קאַטאָוועס צי כתבות?, שלמה עטינגער, ב״א 1957, זז׳ 241—247.

לאַסטיק, שלמה

33 יידישע ליטעראַטור ביז די קלאַסיקערס, וואַרשע 1950, זז׳ 107, 180, 183—196.

לעשצינסקי, יעקב

34 קולטור־מצב און אַסימילאַציע, דאָס נאַציאָנאַלע פּנים פון גלות־יידנטום, ב״א 1955, ז׳ 111.

מאַהלער, ד״ר רפאל

35 דער קאַמף צווישן השכלה און חסידות אין גאַליציע, נ״י 1942, ז׳ 61.

מאַנגער, איציק

36 ד״ר שלמה עטינגער, נאָענטע געשטאַלטן, וואַרשע 1938, זז׳ 35—44; אַברהם־בער גאָטלאָבער, זז׳ 58—59.

מאַרק, יודל

37 שלמה עטינגער — דער עלטער־זיידע פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, נ״י 1943, זז׳ 38—40.

מוקדוני, ד״ר א.־קאַפּעל

38 ד״ר שלמה עטינגערס „שרהקעלע״, שלמה עטינגער, ב״א 1957, זז׳ 248—251.

מינקאָוו, נ. ב.

39 דוד עדעלשטאַט געדענקבוך, נ״י—לאָס אַנדזשעלעס, סאַן פראַנציסקאָ 1953, ז׳ 558.

40 זעקס יידישע קריטיקער, ב״א 1954, זז׳ 21, 27, 55.

מיזיל, נחמן

41 נאָענטע און ווייטע, ב׳ 1, וואַרשע 1924, ז׳ 32, 172 .

42 אויף אונדזער קולטור־פראָנט, וואַרשע 1936, ז׳ 9.

43 אַברהם גאָלדפאַדען, נ״י 1938, ז׳ 12.

44 פאַרגייערס און מיטצייטלערס, נ״י 1946, ז׳ 238.

45 געווען אַמאָל אַ לעבן, ב״א 1951, ז׳ 124.

מענדעלסאָן, שלמה

46 שלמה עטינגער, שלמה מענדעלסאָן — זיין לעבן און שאַפן, נ״י 1949, זז׳ 115—125.

מעסטל, יעקב

47 טעאַטער־מאַזאַיק, נ״י 1941, ז׳ 128.

ניגער, ש.

48 די יידישע ליטעראַטור און לעזערין, ז׳ 42.

49 שמועסן וועגן ביכער, ושטער טייל, נ״י 1922, ז׳ 44, 108.

50 שלום עליכם, נ״י 1928, ז׳ 23, 246.

51 לעזער, דיכטער, קריטיקער, ב׳ 2, נ״י 1928, זז׳ 399—400.

52 מענדעלע מוכר ספרים, שיקאַגאָ 1936, ז׳ 144.

53 ד״ר שלמה עטינגער און ישראל אַקסענפעלד, די צוויי־שפראַכיקייט פון אונדזער ליטעראַטור, דעטראָיט 1941, ז׳ 94, 99, 101.

54 צו דער געשיכטע פון דער

יידישער ליטעראַטור אין 19טן יאָר־הונדערט, ב׳ 1, נ״י 1945, ז׳ 137.

55 דערציילערס און ראָמאַניסטן, נ״י 1946, ז׳ 1, 33, 73, 111.

סאָקאָלאָוו, נחום

56 פּערזענלעכקייטן, ב״א 1948, זז׳ 25—26, 57.

ענטין, יואל

57 די זיילן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ייד׳ נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד, נ״י 1923, ז׳ 68.

58 יידישע פּאָעטן, פּאָלקשול־אָרגאַניזאַציע פון ייד׳ נאַצ׳ אַ״פ און פּ״צ, נ״י 1927, זז׳ 14, 39—41.

עריק, מ.־בעזנאָסיק, ק.־רובין, י.

59 אַנטירעליגיעזער ליטעראַרישער לייענבוך, צענטראַלער פעלקער־פאַרלאַג פון פססר, מאָסקווע־כאַרקאָוו־מינסק 1930, זז׳ 189—196, 214—219.

עריק, מאַקס

60 וועגן כ׳ ווינערס צוויי ליניעס פון דער יידישער ליטעראַטור אין 19טן יאָרהונדערט, קעגן מאַרקסיסטישער טעאָריע אין דער ליטעראַטור־פאָרשונג, מעל׳ נאַצמינדפּ׳ באַם פרעזידיום פון וציק, כאַרקאָוו־קיעוו 1932, ז׳ 48.

61 ש. עטינגער — געקליבענע ווערק, פ׳ פון דער אוקראַינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, קיעוו 1935, זז׳ 7—37, 370—374.

פּאַפּערנאָ, אַבֿרהם־יעקבֿ

62 די ערשטע יידישע דראַמע און דער יידישער ספּעקטאַקל, שלמה עטינגער, ב״א 1957, זז׳ 252—253.

פינעס, ד״ר מ.

63 די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, ב׳ 1, זז׳ 91, 95—96, ב׳ 2, ז׳ 41, פ׳ שימין, וואַרשע (יאָר?).

פּערלמוטער, שלמה

64 ד״ר שלמה עטינגער, יידישע דראַמאַטורגן און טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָרס, נ״י 1952, ז׳ 35—40.

פינקעלשטיין, לעאָ

65 לשון יידיש און יידישער קיום, מעקסיקע 1954, ז׳ 79.

פרידקין, א.

66 אַברהם־בער גאָטלאָבער און זיין עפּאָכע, ווילנע 1925; ד״ר שלמה עטינגער, זז׳ 176—178; זיין, גאָטלאָבערס, ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט ד״ר שלמה עטינגער, ז׳ 304—310; די פּאָלעמיק צווישן „הבוקר אור״ און „השחר״. ז׳ 337.

צינבערג, ד״ר י.

67 די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן, נ״י 1943, ב׳ 7, ז׳ 312; באַנד 8, בוך 2, זז׳ 213, 230—248.

קעניג, לעאָ

68 די אידעישע אַנטוויקלונג פון דער השכלה, פאָלק און ליטעראַטור, לאָנדאָן 1947, ז׳ 34.

ראַבאַק, א. א.

69 דער פאָלקסגייסט אין דער יידישער שפּראַך, פּאַריז 1964, ז׳ 74, 302.

ראָזשאַנסקי, שמואל

70 יעקב דינעזאָן, ב״א 1956, ז׳ 121.

רייזען, זלמן

71 ד״ר שלמה עטינגער, פון מענ־

שאַפּירא, איזאַ

73 יידישער מלוכה־טעאַטער, יאַס, (יאַר?) ז׳ 322.

שאַפּירא, פֿאַני

74 אַרכיוו פֿאַר דער געשיכטע פֿון יידישן טעאַטער און דראַמע, ב׳ 1, ווילנע־נ״י 1930, ז׳ 512.

שאַצקי, ד״ר יעקבֿ

75 אַרכיוו פֿאַר דער געשיכטע פֿון יידישן טעאַטער און דראַמע, ווילנע־נ״י 1930, ז׳ 465, 503.

שולמאַן, אליהו

76 יונג־ווילנע, נ״י 1946, ז׳ 27.

שטאַרקמאַן, משה

77 אַרכיוו פֿאַר דער געשיכטע פֿון יידישן טעאַטער און דראַמע, ב׳ 1, 1930, ז׳ 488.

דאָס שלום עליכם־בוך

78 נ״י 1926, ז׳ 166.

וועגן שלמה עטינגער אין זשורנאַלן

אויסלענדער, נ.

79 שריפֿטן, ב׳ 1, קיִעוו 1928, צו־גאָבן און אָנמערקונגען, באַשטאַנד פֿון שפּראַך אין עטינגערס „סערקעלע״, זז׳ 104—120; פֿאָלקס־אידיאָמען און רע־זשיאָנאַלע דיאַלעקטן אין דער ליטעראַ־טור־שפּראַך, זז׳ 120—126.

אַשכּנזי, ש.

80 עטינגער־אַנעקדאָטן דערצעהלט פֿון אַ בן־עיר, ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע, 10 אָקט׳ 1924, ז׳ 5.

בלאָך, ד״ר יהושע

81 אַ העברעיִשע שיר פֿון ד״ר שלמה עטינגער, יידישע קולטור, נ״י אויג׳־סעפּט׳ 1951, ז׳ 51.

בעל־מחשבֿות

82 דאָס דרום־יודנטום און די ייד׳ ליטעראַטור אין 19טן י״ה, די צוקונפֿט, נ״י פֿעבר׳ 1922, ז׳ 118.

גאָלדבערג, א.

83 אונדזער דראַמאַטורגיע, ייד״־קולט, נ״י יאַנ׳ 1961, ז׳ 37.

גאָרין, ב.

84 די ערשטע ייד׳ דראַמאַטורגן אין רוסלאַנד, ד״ר שלמה עטינגער און די ערשטע ייד׳ מעלאָדראַמע, די גרויסע ווירקונג פֿון „סערקעלע״, די צוקונפֿט, נ״י, אויג׳ 1914, זז׳ 845—850.

גרין, בער

85 דער גייסט און גאַנג פֿון דער מאָדערנער ייד׳ ליט׳, ייד״קולט, יוני־יולי 1964, ז׳ 3.

דינעזאָן, יעקבֿ

86 די יודישע שפּראַך און אירע שרייבערס (איבערדרוק), הויז־פֿריינד, ב׳ 1, וואַרשע 1908, ז׳ 10; ד״ז 1909, זז׳ 1—20.

[דיימאַנדשטיין, ב.]

87 ליטעראַרישע העפטן, טאַהאַנגאַ, יאַנ־יוני 1956, ז׳ 17.

ווינער, מ.

88 שריפטן, ב׳ 1, קיִעוו 1928, זז׳ 104—120, 120—125, 73—129.

89 דער באַטייט פונ דער נייער ייִד׳ ליטעראַטור ביז צו מענדעלען, שטערן 3־4, קיִעוו 1939, זז׳ 66—68.

וויינרייך, מ.

90 עלטער־זיידע פון דער ייִד׳ ליטעראַטור ד״ר שלמה עטינגער און זיינע אַלע כתבים, ליט״בל, נ׳ 67, וואַרשע 14 אויג׳ 1925, זז׳ 17—19.

זילבערצווייג, זלמן

91 דאָס ייִדישע טעאַטער אין פּוילן, די צוקונפט, נ״י אויג׳ 1943, ז׳ 508.

טרונק, י. י.

92 אַ ווירדיקער מאָנומענט פאַר אַ פאַרשניטענער ייִד׳ קהילה, די צוקונפט, פעב׳ 1959, ז׳ 91.

ליטווין, א.

93 די צוקונפט, יאַנ׳ 1905, ז׳ 2.

מאַנדל, י.

94 אויף שלמה עטינגערס קבר, ליט״בל, נ׳ 165, וואַרשע 1927.

מאַרק, ב.

95 יידישע שריפט, וואַרשע, מאַרץ 1950, ז׳ 3.

מוקדוני, ד״ר א.

96 נ״י וואָכנבלאַט, 8 מאַרץ 1935.

97 ה. לייוויק דער דראַמאַטורג, ייִד׳ קולטור, יאַנ׳ 1939, ז׳ 5.

98 אונדזער שטילע, ניט־קעמפעריישע ליטעראַטור, סביבה, נ׳ 3, נ״י, מיי־יוני 1943, ז׳ 35.

מילך, יעקב

99 דער צושטייער פון דער ייִדישער אַרב׳־באַוו׳ אין אַמעריקע צו דער ייִד׳ שפּראַך און קולטור, ייִד״קולט, יוני־יולי 1939, ז׳ 28.

מינקאָוו, נ. ב.

100 אַלעקסאַנדער צעדערבוים — פּיאָנער־קריטיקער, געדאַנק און לעבן, נ״י יאַנ׳ 1945, ז׳ 184.

101 ייִדישקייט־מאָטיוון אין דער ייִד׳ ליט׳, ד״ז, יולי־סעפּט׳ 1946, ז׳ 129.

מייזיל, נחמן

102 אומגערעכטע פאַרוורפן, ליט״בל, וואַרשע 26 סעפּט׳ 1924, ז׳ 1.

103 חיים־נחמן ביאַליקס ערשטע ליט׳ טריט, די צוקונפט, דעצ׳ 1930, ז׳ 868.

104 געשיכטלעכער שטאָף אין דער ייִד׳ ליט׳, אין נאָענטן עבר, ב׳ 1, וואַרשע 1937, ז׳ 66.

105 צוואַנציק יאָר ייִד׳ טעאַטער אין פּוילן, אין נאָענטן עבר, ב׳ 2, וואַרשע 1937, ז׳ 159.

106 אַנטאָלאָגיעס פון ייִד׳ ליט׳, ייִד״קולט, נ״י אָקט׳ 1954, ז׳ 33; דעצ׳ 1954, זז׳ 16—17.

107 די השפעות פונעם וועלט־שאַפן אויף דער ייִד׳ ליט׳, ייִד״קולט, נ״י פעב׳ 1956, זז׳ 12—13.

108 פרידריך שילערס השפעות אויף דער העברעיִשער און ייִד׳ ליט׳, יידישע שריפטן, וואַרשע דעצ׳ 1959, ז׳ 2; ד״ז 1960, ז׳ 6.

מײזעלס, שמואל

109 ייִדי טעאַטער־געשיכטע, טעאַ־טער־וועלט, וואַרשע אָקט' 1908, ז' 6.

ניגער, ש.

110 ד"ר מ. פּינעס, די געש' פון דער ייִד' ליט', די ייִדישע וועלט, נ' 1, פּעטערבורג 1912, ז' 73.

111 יואל ענטין — די זיילן פון דער נייער ייִד' ליט', ביכער־וועלט, וואַרשע נאָוו'־דעצ' 1923, ז' 486.

112 די ייִד' ווערק פון א. ב. גאָט־לאָבער, די צוקונפט, נ"י אויג' 1924, זז' 507—508, 511.

113 מאַקס עריק... ד"ר מאַקס ווײַנ־רייך..., ד"ז, אויג' 1928, ז' 480.

114 ש. דובנאָוו — דער ייִד' ליט'־קריטיקער, ד"ז, מיי 1936, ז' 362.

115 אויפן שוועל פון דער ייִד' ליט' אין אַמעריקע, ד"ז פעב' 1940, ז' 101.

116 ש. דובנאָוו ווי אַ ליט'־קריטי־קער, ייוואָ־בלעטער, ב' 23, מאַרץ־אַפּריל 1944, ז' 167.

117 צו דער געש' פון דער ייִד' ליט' אין 19 י"ה, די צוקונפט, יוני 1949, ז' 420.

סדן, דבֿ

118 דריי יסודות, די גאָלדענע קייט נ' 34, תל־אָביב 1959, ז' 50.

סוסקאָוויטש, ש.

119 שלמה עטינגער — אויסגע־קליבענע שריפטן, דזוקא, ב"א אָקט־דעצ' 1957, ז' 375.

פּערלמוטער, שלום

120 ייִדי דראַמאַטורגן, די ייִדישע וועלט, קליוולאַנד 18 נאָוו' 1928.

צינבערג, י.

121 אַלע כתבים פון ד"ר שלמה עטינגער, אַרויסג' פון ד"ר מאַקס ווײַנ־רייך, ליטעראַרישע בלעטער נג' 14־15, וואַרשע 30 מאַרץ 1928, ז' 291.

קאַציזנע, אַלטער

122 טעאַטער, ליט"בל, וואַרשע 9 אַפּר' 1924, ז' 4.

ראָזענפעלד, ש.

123 „סערקעלע" אויף דער בינע, טעאַליט, נ"י יאַנ' 1924, ז' 14.

ראָזשאַנסקי, שמואל

124 שלמה עטינגער און זיין בײַ־טראַג פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור, שלמה עטינגער, אויסגעקליבענע שריפ־טן, ב"א 1957, זז' 11—31.

125 י. דינעזאָן דער אָפּגעשאַצ־טער און נישט־דערשאַצטער, היימיש, תל־אָביב 14 יוני 1957, ז' 15.

רובין, ד"ר ישראל

126 אליעזר שטיינבאַרגס „משלים", ליט"בל, וואַרשע 17 פעב' 1933, ז' 118.

רייזען, ז.

127 אוצר בדוי השם, ייוואָ־בלע־טער, ב' 13, ווילנע 1938, ז' 588.

שאַליט, משה

128 בלעטערנדיק, ליט"בל, נ' 22, וואַרשע 1928.

שאַצקי, ד"ר י.

129 אַברהם גאָלדפאַדען און זיין טעאַטער, די צוקונפט, נ"י מאַרץ 1926, ז' 155.

130 השכלה אין זאַמאָשטש, ייוואָ־בלעטער, ב' 36, נ"י 1952, ז' 32.

שולמאַן, אליהו

131 אַ מאַרקסיסטישע אָפּהאַנדלונג וועגן שלום עליכמען, שיקאַגאָ (יאָר?).

132 יונג־ווילנע 1929־1939, געצעלטן, נ״י סעפּט׳־אָקט׳ 1945, ז׳ 161.

133 ש. ניגערס מאָנאָגראַפיעס וועגן דער געש׳ פון דער ייד׳ ליט׳, די צוקונפט, נ״י אָקטאָבער 1959, ז׳ 427.

שטיף, נחום

134 בריוו פון שריפטשטעלערס, אין נאָענטן עבר, נ׳ 4, וואַרשע 1937, ז׳ 333.

שטענצל, א. נ.

135 יצחק־יואל לינעצקי, יידיש, לאָנדאָן 1942, ז׳ 23.

שיפּער, ד״ר י.

136 ד״ר שלמה עטינגערס וואַרשעווער קרובים און פריינד, ייוואָ־בלעטער, ווילנע אַפּר׳־מיי 1932, ז׳ 371—384.

זילבערצווייג, זלמן

137 ד״ר שלמה עטינגער, לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער, ב׳ 2, וואַרשע 1934, שפּאַלטן 1453—1564.

רייזען, זלמן

138 שלמה עטינגער, לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע, ב׳ 2, ווילנע 1930, שפּאַלטן 725—739.

פּיעטרושקאַ, שמחה

139 ליטעראַטור, יידישע פאָלקס־ענציקלאָפּעדיע, ב׳ 2, מאָנטרעאָל 1943, שפּאַלט 209.

וועגן שלמה עטינגער אין פרעמדע שפראַכן

BLOCH, JOSHUA

140. Solomon Ettinger, **The Universal Jewish Encyclopedia,** Vol. 4, New York 1941, P. 190-191.

SONTAG, J.

141. Salomon Ettinger, **Cassell's Encyclopedia of World Literature,** Vol. 1, N.Y. 1953, P. 878.

NIGER, SAMUEL

142. Fiction and Poetry, **Jewish Encyclopedic Handbooks,** Pp. 171-174, 176.

W[IERNIK], P[ETER]

143. Solomon Ettinger, **The Jewish Encyclopedia,** Vol. V, N. Y., P. 264.

ZUFRIEDEN, CLAUDE

144. Litterature Yiddish, **Encyclopedia de la Pleïade Histoire Litteratures,** 11, 1956, P. 1170, 1175, 1199.

PHILO-LEXICON

145. Jüdische Literatur, Berlin 1935, S. 318.

VALENTINES JEWISH ENCYCLOPEDIA

146. Solomon Ettinger, London 1938, P. 215.

YIDDISH LITERATURE, 1933 - 1961

147. The Institute Anniversary Volume (1941-1961), Institute of Jewish Affairs, World Jewish Congress, N. Y. 1962, P. 259.

Винеръ, С. Я.

148. **Библіографическій ука-**
148. **Библіографическій указатель сборниковъ пѣсенъ на разговорно-еврейскомъ язы-**къ въ Азiатскомъ музеѣ Императорской Академіи Наукъ, "Еврейскія Народныя Пѣсни" — Т. Гинзбургъ — П. Марекъ, С. Петербургъ 1901 г. Стр. VIII.

Ц(инберъ), С. Л.

149. Соломонъ Эттингеръ, **Еврейская Энциклопедія,** Изд. Брокгаузенъ - Ефронъ. Томъ 16, С. Петербургъ. Стр. 328-329.

וועגן שלמה עטינגער אין כרעסטאָמאַטיעס, אַלמאַנאַכן און פּנקסים

אויסלענדער, נ.

150 עטאַפּן פון דער ליטעראַטור־אַנטוויקלונג אין אָנהייב פון 19 י״ה, יידישע ליטעראַטור, כרעסטאָמאַטיע פאַר ליטעראַטור און קריטיק, קיִעוו 1928, זז׳30—33, 35.

באַסין, מ.

151 שלמה עטינגער, אַנטאָלאָגיע 500 יאָר יידישע פּאָעזיע, ב׳ 1, נ״י 1917, זז׳ 128—138.

בעזנאָסיק, ק.־עריק, מ.־רובין, י.

152 קלייקוידעש, גאָטס סטראַפּ־טשעס — זייער ראָלע און מייסים, אַנטירעליגיעזער ליטעראַרישער לייענבוך. צענטראַלער פעלקער־פאַרלאַג פון פססר, מאָסקווע־כאַרקאָוו־מינסק 1930, זז׳ 189—190, 192—196, 214, 219.

נוסינאָוו, י.

153 די פּראָבלעמ פונ פּאָזיטיווע געשטאַלטנ אינ דער ליטעראַטור, סאָוועטיש ליטעראַרישער אַלמאַנאַך, ב׳ 3, מאָסקווע 1935, ז׳ 302.

ניגער, ש.

154 עלעמענטן פון שלום עליכם־הומאָר פאַר שלום עליכמען, פּנקס, ב׳ 1, העפט 1—2, נ״י יולי־דעצ׳ 1927, זז׳ 9—10.

155 עלעמענטן פון הומאָר באַ שאָלעם אַלייכעמס פאָרגייערס, אידישע ליטעראַטור, כרעסטאָמאַטיע פאַר ליטעראַטור און קריטיק, קיִעוו 1928, זז׳ 176—178.

קאַפּעל, ד״ר א.

156 ד״ר שלמה עטינגער (זיין לעבן און זיין ליטעראַרישע טעטיקייט), דער פּנקס, ערשטער יאָרגאַנג, רעד׳ ש. ניגער, ווילנע 1913, זז׳ 37—48.

שאַצקי, ד״ר יעקב

157 רעצענזיעס, פּנקס, ב׳ 1, העפט 3, נ״י 1928, זז׳ 83—281.

ווענן שלמה עטינגער אין לעקסיקאָנען און ענציקלאָפּעדיעס

GOLDBERG, ISAAC

158. **The Drama of Transition,** Cincinnatti 1924.

HRUSHOVSKI, BENJAMIN

159. On Free Rhytms in Modern Yiddish Poetry, **The Field of Yiddish,** New York 1954, P. 233.

LASTIK, SALOMON

160. Kilka Uwag Wstepnych. **Z Dziejów Oswiecenia Zydowskiego,** Warszawa 1961, Str. 16, 200, 203, 205, 207, 225, 226, 228, 231.

MARK, YUDEL

161. Israel Axenfeld and Solomon Ettinger, **The Jews. Their History, Culture and Religion,** Vol. II, New York, P. 872-873.

MEISL, Dr. JOSEF

162. **Haskalah Geschichte der Aufklarung Bewegung Unter der Juden in Russland,** Berlin, S. 187.

RABELL, MALKA

163. Abraham Goldfaden, El Fundador del Teatro Judío Moderno. **Davar,** Nº 76, Buenos Aires, mayo-junio 1958, P. 55.

RAISIN, MAX

164. Russian Empire, **A History of the Jews in Modern Times,** New York 1919, P. 182.

RESNICK, SALOMON

165. La Transición, **Esquema de la Literatura Judía,** Buenos Aires 1933, P. 23, 25.

ROBACK, A. A.

166. **Curiosities of Yiddish Literature,** Cambridge, Mass. MCMXXXIII, P. 190, 192, 197.

SAKHEIM, ARTHUR

167. **Das Judische Element in der Weltliteratur,** Hamburg 1924, S. 165.

SAVITZ, Dr. HARRY A.

168. Dr. Solomon Ettinger - Physycian, Yiddish Poet and Fabulist, **The Jewish Forum,** New York, Feb. 1959. P. 24-25.

SCHACK, WILLIAM AND SARAH

169. 1001 Nights in the Yiddish Theatre, From Goldfaden to Thomashefsky, **Commentary,** New York 1951, P. 466.

WAXMAN, MEYER

170. Israel Axenfeld, Solomon Ettinger and Isaac Meir Dick, **A History of Jewish Literature,** Vol. IV, New York 1947, P. 479-485.

WIENER, LEO

171. The Judeo-German Language, **History of Yiddish Literature in 19th Century,** New York 1899, P. 20, 73, 99, 101, 102, 103, 108, 109, 136, 137, 138, 139, 148, 149, 154, 234, 235.

נאָכבאַמערקונגען

די דאָזיקע אויסגאַבע, די 2טע אויפלאַגע פון **שלמה עטינגערס** אויסגעקליבענע שריפטן, אונטערן טיטל **קאָמעדיע, משלים, עפּיגראַמען**, דערשיינט ווען מיר האַלטן **ביים** 25סטן באַנד מוסטערווערק **פון דער ייִדישער ליטעראַטור.** מיט שלמה עטינ־גערן האָבן מיר אָנגעהויבן די ביבליאָטעק. דער באַנד טראָגט דערפאַר דעם **נומער 1**, הגם ער איז פאַרגרעסערט, אויסגעברייטערט, באַרייכערט.

◈ מיט צופרידנקייט גיט די רעדאַקציע אַריין אין דער 2טער אויפלאַגע עטינ־גערס פּאָעמע **דאָס ליכט** און דאַנקט פּ׳ **מלך ראַוויטשן** פאַר מאָנען פאַר איר אַ פּלאַץ אין אָט דעם באַנד אויסגעקליבענע שריפטן, ווייל די רעפּרעזענטירט עטינ־גערן ווי אַ **פאַרגייער אין דער מאָדערנער ייִדישער פּאָעזיע.**

◈ **אין דעם** באַנד זיינען עטלעכע לענגערע דיאַלאָגן מיט צו פיל דייטש **איבערגעזעצט** געוואָרן אויף ייִדיש דורך **חיים בראַקאַזש.**

◈ אין דער 1טער אויפלאַגע האָבן מיר געשריבן: די דאָזיקע אויסגאַבע, ווי יעדע איינע פון דער ביבליאָטעק, אַרויסגעגעבן דורכן **יוסף ליפשיץ־פאָנד**, צילט צו באַפעסטיקן די באַציונג צו מוסטערווערק **פון דער ייִדישער ליטעראַטור** ווי צו ספרים, מען זאָל זיי נישט בלויז לייענען, נאָר אויך לערנען; ממילא איז דאָ נישט די כוונה צו פאַרשפּאָרן די אַרבעט פון נאָכזוכן, נאָר פאַרקערט: אָנרעגן צו זוכן ווייטער, לייענען מערער, לערנען טיפער. דאָס איז פאַר אונדז אַ כלל אויך איצט. כסדר. קלאָרער נאָך ווי פריער. זיכערער.

◈ לאָמיר פעסטשטעלן און דאָס איז בלי שום ספק דערפרייענדיק: זינט עס איז דערשינען די 1טע אויפלאַגע פון **שלמה עטינגערס** באַנד **מוסטערווערק**, אין 1957, איז אונדזער ערשטער קאָמעדיאָגראַף געוואָרן אַ באַליבטער לערנשטאָף אין אַ ריי ייִדישע מיטלשולן. סטודענטן פון **לערער־סעמינאַר ביי דער קהילה פון בוע־נאָס־איירעס**, אָרגאַניזירט אין **טעס** (טעאַטער־סעמינאַר), האָבן געשפּילט **סערקעלע** (אַלע 5 אַקטן פון דער קאָמעדיע) 10 מאָל (אין 1958 און אין 1959).

◈ מיר באַדויערן, וואָס די **ליטעראַטור־געזעלשאַפט ביים ייִוואָ** האָט זיך נישט געקענט פאַרגינען פריער אָפּצודרוקן די 2טע אויפלאַגע פון שלמה עטינגערס **קאָמעדיע, משלים און עפּיגראַמען**, כאָטש מיטלשולן און לערער־סעמינאַרן האָבן ביי אונדז געבעטן דאָס בוך צום לערנען און לייענערס עס איינצושליסן אין זייערע פּריוואַטע ביבליאָטעקן. אַ שאָד. אפשר וועט דאָס זיין פאַר אונדזערע פריינד אַ דערמאָנונג צו פאַרגרינגערן אונדז די אַרבעט און די אויסניצן אין דער פולער מאָס — **ביי צייטנס.** וועלן מיר פאַרשפּאָרן צו באַדויערן...

Joseph Lifshitz Fund

ביז איצט דערשינען פֿאַר דער ביבליאָטעק
מוסטערווערק פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור
אונטער דער רעדאַקציע פֿון שמואל ראָזשאַנסקי

1) שלמה עטינגער — אויסגעקליבענע שריפֿטן (264 זייטן)
2טע אויפֿלאַגע (312 זייטן)
2) מאַרק וואַרשאַווסקי — ייִדישע פֿאָלקסלידער מיט נאָטן (216 זייטן)
2טע אויפֿלאַגע
3) ה. ד. נאָמבערג — אויסגעקליבענע שריפֿטן (256 זייטן)
4) מענדעלע מוכר ספֿרים — מסעות בנימין השלישי (256 זייטן)
5) לייב נייִדוס — אויסגעקליבענע שריפֿטן (208 זייטן)
6) יעקבֿ דינעזאָן — יאָסעלע און דער קריזיס (256 זייטן)
7) משה בראָדערזאָן — אויסגעקליבענע שריפֿטן (272 זייטן)
8) אליהו בחור — בבֿא־בוך (256 זייטן)
9) דוד פּינסקי — אויסגעקליבענע שריפֿטן (352 זייטן)
10) שמעון פֿרוג — אויסגעקליבענע שריפֿטן (216 זייטן)
11) י. ל. פּרץ — אין 19טן יאָרהונדערט (272 זייטן)
12) י. ל. פּרץ — אין 20סטן יאָרהונדערט (272 זייטן)
13) מאָריס ראָזענפֿעלד — אויסגעקליבענע שריפֿטן (240 זייטן)
14) דוד האָפֿשטיין — איזי כאַריק — איציק פֿעפֿער
אויסגעקליבענע שריפֿטן (272 זייטן)
15) מרדכי ספּעקטאָר — דער ייִדישער מוזשיק, ראָמאַן (272 זייטן)
16) ה. לייוויק — אויסגעקליבענע שריפֿטן (352 זייטן)
17) שלום עליכם — מנחם־מענדל (272 זייטן)
18) אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען — אויסגעקליבענע שריפֿטן (304 זייטן)
19) י. י. שוואַרץ — קענטאַקי, א. ראַבאָי — הער גאָלדענבאַרג
(פּיאָנערן אין אַמעריקע) (312 זייטן)
20) חיים־נחמן ביאַליק — אויסגעקליבענע שריפֿטן (384 זייטן)
21) ש. אַנ־סקי — אויסגעקליבענע שריפֿטן (296 זייטן)
22) מענדעלע מוכר ספֿרים — פֿישקע דער קרומער (256 זייטן)
23) יוסף אָפּאַטאָשו — אין פּוילישע וועלדער (416 זייטן)
24) זלמן רייזען — אויסגעקליבענע שריפֿטן (304 זייטן)

אין 1965 דערשיינען נאָך:

25) יהואָש — אויסגעקליבענע שריפֿטן
26) גליקל האַמיל — זכרונות

SHLOIME ETINGER

COMEDY, POETRY, FABLES, EPIGRAMS

AND STUDIES ON THE JEWISH LITERATURE

★

ATENEO LITERARIO EN EL INSTITUTO CIENTIFICO JUDIO

SALOMON ETINGER

COMEDIA, POESIA, FABULAS, EPIGRAMAS

Y ESTUDIOS LITERARIOS
SOBRE SU APORTE A LA LITERATURA IDISH

Director: SAMUEL ROLLANSKY

•

ATENEO LITERARIO EN EL INSTITUTO CIENTIFICO JUDIO
Pasteur 633 - 3º Buenos Aires